STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00064

ALE VERK FUN AVRAHAM REYZEN

Abraham Reisen

Permanent preservation of this book was made possible
by David, Jon, Carmen, Judy, Abe & Alex
in honor of
the 50th anniversary of Melvin & Cynia Shimm, August 15, 1998

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלע ווערק
פון
אברהם רייזען.
אין 12 בענדער.

יובילעאום אויסגאַבע

אברהם רייזען.

זעקסטער באנד:

איינאַקטערס און מאָנאָלאָגען

ארויסגעגעבען פון פערלאַג א י ד י ש
1917 ניו־יאָרק. תרע"ז

Copyright, 1916
by
YIDDISH

גוטע ברידער.

פערזאנען:

גליקסמאן באם הורוויטש בערמאן בערטע א חבר׳טע	אנגעפאַטרענע יונגע לייט.

איין הענדלער, צווייטער הענדלער, דריטער הענדלער,
פיערטער הענדלער.

א סעפעראט־צימער אין אַ לאַנגען קאָרידאָר אויפ'ן 4טען שטאָק. אין צימער ביים מזרח־וואנד שטעהט אַ קליין טי־שעל, מיט אָנגעוואָרפען ביכלעך אָהן טאָוולען. אונטערן טישעל וואלגערט זיך א טיי־מאַשינקע. ביים טישעל שטעהט אַ שטוהל מיט אנ'אָבגעבראָכענעם פאָרענצעל, וועל־כעם ליעגט טאַקע יתומ'דיג נעבען שטוהל. ביי אַ צוויי־טער וואנד, אין צפון־זייט, שטעהט אנ'איינגעפאלען איי־זערן בעטעל, ניט פערבעט; די קאָלדרע, העננגט האלב אראָב אויף דער ערד און עס זעהט זיך אַרויס אַ גראָב־לייווענ־טענער שטרוי־זאק, פון וועלכען עס טאָרטשעט ארויס אַ הויפען שטרוי. איבערן בעטעל, ביי דער וואַנד, העננגט אנ'אָבגעטראָגענער הוט און אַנ'אַלטער פידזשאק. די סצענע איז אַ ווײלע ליידיג, הינטער דער סצענע הערען זיך שטי־מען פון גליקסמאן און באס. עס עפענט זיך די טהיר און זיי פאַלען אַריין.

ערשטע סצענע.

ג ל י ק ס מ א ן (אלט אַ יאָהר 27, אַ הויכער און אַ דאַ־רער, אין אנ'אלטען אָבגעטראָגענעם אַנצוג, און אַ שווארצען קראגען): נאַ דיר — איז ער אויך נישטאַ אין דער היים! אז עס געהט נישט — געהט נישט!

ב א ס (פון מיטעלער וואוקס, אין אַ בלוי העמדעל, מיט לאַנגע שווארצע האָהר; טראָגטברילען, פון וועלכע עס קוקען אַרויס צוויי ברוגז'דיגע שווארצע אויגען): אַט דאָס איז דיין גביר? (קוקט אויפ'ן בעטעל) א פיינער גביר!...

ג ל י ק ס מ א ן: פאר א גביר האָב איך דיר איהם נישט

אנגעגעבען. איך האָב נאָר געזאָגט, אַז צייטענווייז קומט איהם אָן פון דער היים אַ פּאָר רובעל... אפשר איז איהם די טעג אָנגעקומען.

ב א ס: אויב ס'איז איהם אפילו אָנגעקומען, האָט ער דאָס שוין אוודאי לאַנג גע'פּטר'ט.

ג ל י ק ס מ א ן: דו מיינסט, אַז אַלע זענען אין דיר געראָטען! נאָר וואָס איז די פּעולה, אַז ער איז נישטאָ. קום!

ב א ס: ניין, מעהר געה איך ערגיץ נישט... איך האָב שוין קיין כח ניט. איך לעג מיך אוועק אין בעטעל און וועל ליעגען, ביז די נשמה וועט מיר אויסגעהן. (ער ציהט זיך אויס אויפ'ן בעטעל).

ג ל י ק ס מ א ן: ביזט אַ שוטה... וואָס הייסט ליעגען? מען טאָר זיך נישט אַבלאָזען. איך זאָג דיר, אַז מיר וועלען היינט קריגען געלד. איך פיהל אין מיר כחות....

ב א ס: איך דאַרף גאָרנישט... איך וועל אַזוי ליעגען און... אַ פּאַפּיראָס וואָלט כאָטש געווען! דו האָסט גאָרנישט? אפשר אַ שטיקעל?

ג ל י ק ס מ א ן: ביי מיר ליעגט ערגעץ אַ האַלבער פּאַפּיראָס. איך וויל אבער אליין שטאַרק רויכערן — מיר וועלען זיך טיילען. ווייז, האָסט אַ שוועבעלע?

ב א ס: אַ שוועבעלע, דאַכט זיך, האָב איך. (ער נעהמט ליעגענדיג ארויס פון טאַש אַ פושקעלע, עפענט זי אויף) איין שוועבעלע, נאָר פאַרזיכטיג!

ג ל י ק ס מ א ן: (בעטראַכטענדיג דאָס שוועבעלע): דאָס שוועבעלע איז אַ נוטה למות'ע (ער רייבט אָן פאַרזיכטיג, האַלטענדיג אין מויל דעם האַלבען פּאַפּיראָס). אַט־אַט! ניין! פאַרלעשט זיך, ניין!

ב א ס: גיכער!

ג ל י ק ס מ א ן (טראָגט צו שנעל צום מויל דאָס שטיקעל פייער, באַלד בעווייזט זיך אַ רויך פון מויל): פאַרטיג!

באס: גו דאנקען גאט, עס רויכערט זיך! רויכער, און לאז מיר עטליכע ציה.

גליקסמאן: איך לאז, איך לאז. (גיט א פאר שטארקע ציה און גיט איבער דאס רעשטעל באס'ן. באס בעטראכט עס מיזיש געשטימט, פערקרימט זיך און נעהמט עס אריין אין מויל.

באס: אז איך וואלט איצט געהאט אזא זאך, וואס זאל חרוב מאכען די גאנצע שטאדט, וואלט איך עס געטהון. מיר נישט — דיר נישט!

גליקסמאן: און אז איך וואלט געהאט איצט וואס צו פערקויפען אויף א גוטען מיטאג, וואלט איך פערקויפט. (פערטראכט זיך), וואס קען איך, למשל, פערקויפען? (זוכט אין די טאשען, נעהמט ארויס פון דארטען אנ'אלטען פארטאמאנע) ווי מיינסטו, באס? קען מען וואס נעהמען דערפאר?

באס (בעטראכט פון דער ווייטען): קענסט דאס ארויס־ווארפען.

גליקסמאן: ס'האט אמאל געקאסט א האלבען רו־בעל.

באס: אמאל... אמאל ביזטו אויך מעהר ווערטה גע־ווען...

גליקסמאן: יא, אמאל... אבער נישקשה, איך פאל נאך נישט אראב אויף איצט... עפּיס פיהל איך, אז דאס לעבען קומט נאך... דאס איז נאר א הקדמה... וואס ארט מיך, אז די הקדמה איז אביסעל נאריש...

באס: דיין גאנץ לעבען וועט זיין אזא מין הקדמה; צום עיקר לעבען וועסטו קיינמאל נישט צוקומען, דיין גאנצען לעבען וועסטו זוכען לעקציעס און א מיטאג...

גליקסמאן: דאס וועלען מיר נאך זעהן... (עס דער־הערט זיך פון הויף א געזאנג פון הענדלער: האנדעל! האנדעל!) ס'וואלט געווען וואס צו פערקויפען... (דער אויסרוף: האנדעל! האנדעל! הערט זיך ווידער).

באס: וואס קענסטו פערקויפען? די נשמה? ווער וועט זי קויפען — זי איז שוין ברודיג.

גליקסמאן (ווארפט א בליק צו דער וואנד, וואו עס הענגט דער פידזשאק): צו וואס זאל איך פערקויפען די נשמה, אז דא הענגט נאך גאר נישט קיין שלעכט רעקעל (טאפט איהם). יא, גאר נישט קיין שלעכט רעקעל...

באס (פערוואונדערט): ס'איז דען דיינער?

גליקסמאן: ביזט א שוטה... וואס הייסט מיינער? דער הענדלער איז אויפ'ן הויף און מיר זיינען דא, איז ער אונזערער...

באס: פון אנארכיזם בין איך אפילו, ווייסטו דאך, א שטיקעל אנהענגער, אבער ניט אויף אזא ארט... עס גיבט שעהנערע וועגען...

(דער הענדלער זינגט נאך אלץ: האנדעל! האנדעל! גליקסמאן לויפט ארויס אויפ'ן הויף. באס בלייבט אליין און שטעלט זיך אויף. אין א ווײלע ארום געהט אריין גליקסמאן מיט'ן הענדלער, א איד פון א יאהר פופציג, אין א לאנגער אבגעטראגענער קאפאטע און גרויסע שטיוועל אויף די פיס).

צווייטע סצענע.

דער הענדלער: נו, לאמיר אנזעהן אייער סחורה! וואס האט איהר?

גליקסמאן (נעהמט אראב פון וואנד דעם פידזשאק): אט דעם פידזשאק וואלט איך וועלען פערקויפען.

דער הענדלער (נעהמט דאס רעקעל אין דער האנד, דרעהט איהם אום אויף אלע פיער זייטען): אן אלט סחורה'לע... האט שוין א פאר לעבער...

ג ל י ק ס מ א ן: וואו?

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר: וואו — פרעגט איהר? איהר זעהט ניט? אפשר האט איהר נאך עפּעס? אלטע שיך? הוי־זען?

ג ל י ק ס מ א ן: אט דאס, וואס איהר זעהט, מעהר האב איך ניט. אלזא, וואס גיט איהר?

ב א ס (מורמעלט): וואס א מענש קען!

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר (בעטראכט דעם אונטערשלאג): דער אונטערשלאג איז שוין גאר אויסגעקראכען... וואס קען מען געבען פאר אזא רעקעל?... כ'מיין... וואס קען מען געבען?... וויפיעל ווילט איהר?...

ג ל י ק ס מ א ן: איהר קויפט דאך אפטער, ווייסט איהר דאך בעסער?

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר: איך מיין.. וואס הייסט איך וויים בעסער... ס'איז דאך אייער סחורה, דארפט איהר זאגען דעם מקח.

ג ל י ק ס מ א ן: יא, דאס איז אפילו אמת: מיין סחורה....

ב א ס (אונגעדולדיג): נו, מאכט עס גיכער!

ג ל י ק ס מ א ן (שיסט ארוים): צוויי רובעל.

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר: קוקט איהם אן ווי ברוגז, געהמט דעם זאק אונטער'ן ארים און וויל ארויסגעהן): א גוטען טאג!

ג ל י ק ס מ א ן (דערשראקען): נו, וואס? וויפיעל גיט איהר. איהר קענט דאך זאגען...

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר (ווערט ווייכער, קעהרט זיך אום): איך פערקויף אייך אליין אזוינע רעקלעך צו פינף גילדען א שטיק... האטש הונדערט שטיק...

ג ל י ק ס מ א ן (בייז): איך האנדעל ניט מיט רעק־לעך. זאגט, וואס גיט איהר?

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר (נעהמט דאָס רעקעל ווידער אין דער האַנד).

ב אָ ס : אוי, מיר ווערט ניט גוט.

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר : אַ האַלבען רובעל.

ג ל י ק ס מ אַ ן (ראש) : נעהמט! ס'איז אפילו ביליג, נאָר זאָל אַ איד פערדיענען...

ב אָ ס (שטיל) : ביזט אַ טייערער מענש...

ג ל י ק ס מ אַ ן (אָן אַ זייט) : שווייג!

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר (נעהמט ווידער דאָס רעקעל אין האַנד, דרעהט עס ווידער אום אין אַלע פיער זייטען).

ג ל י ק ס מ אַ ן (אונגעדולדיג) : נו, ר' איד, מאַכט עס גיכער...

ב אָ ס : דער איד האָט חרטה.

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר : חרטה איז ניט מעשה סוחר. חרטה האָב איך ניט, נאָר נתעשר וועל איך ניט ווערען. (נעהמט ארויס פון טאַש אַ ביטעלע, קראַצט דאָרט מיט די פינגער, נעהמט ענדליך אַרויס אַ זילבערנעם רובעל), האָט איהר רעשט אַ האַלבען רובעל?

ב אָ ס : ווען מיר וואָלטען האָבען אַ האַלבען רובעל!...

ג ל י ק ס מ אַ ן (קוועטשט באָס'ן פאַר'ן שוד) : שווייג.

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר : וואָס-זשע טהוט מען? מען מוז געהן צוטוישען.

ג ל י ק ס מ אַ ן (פער'יאוש'ט) : האָט איהר ניט קיין קלענערע געלד?

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר : ניין, כ'האָב נאָך אַ פּאָר גאַנצע רובעלס...

ג ל י ק ס מ אַ ן : מילא, קומט אַראָב אונטען, אין אַ קלייטעל, וועלען מיר טוישען.

ב אָ ס : קום שוין צוריק...

ג ל י ק ס מ אַ ן : די מינוט!

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר : (נעהמט דעם זאק אויפ'ן פּלייצע און דעם פּידזשאק אונטער'ן אָרים) : קומט !

ג ל י ק ס מ אַ ן (פערלעגען) : לעגט אריין, איך בעט אייך, דאָס רעקעל אין זאק.

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר : איהר ווילט אין זאק, זאָל זיין אין זאק... (לעגט איהם אַריין אין זאק).

(הענדלער און גליקסמאַן אָב)

באָס בלייבט אַ ווײַלע און געהט הין און צוריק איבערן צימערל. עס הערען זיך טריט און אַ שמועס אין קאָרידאָר. עס געהט אַריין הורוויטש, נאָך איהם נאָך אַ הענדלער. הורוויטש, דערזעהענדיג באָס'ן, בלייבט שטעהן פערוואונדערט. באָס איז בלאס און דערשראָקען.

דריטע סצענע.

ב אָ ס (פערלעגען) : אייער חבר גליקסמאַן האָט מיך אהער געבראַכט, מיין נאָמען איז באָס.

ה ו ר ו ו י ט ש (פערווירט) : זעהר אנגענעהם.... זיצט! (צום הענדלער) אַט שוין וויז איך אייך... (זוכט אויפ'ן וואנד) וואו איז דער פּידזשאק? (קוקט אויף באָס'ן, באָס, לאַכט זיך היסטעריש פונאַנדער).

ה ו ר ו ו י ט ש (פערווירט) : וואָס לאַכט איהר... הם...

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר : נו, וואָס? איך האָב ניט קיין צייט. (אין קאָרידאָר הערען זיך טריט, עס ווייזט זיך גליקסמאַן).

ה ו ר ו ו י ט ש (צו גליקסמאַנען) : וואו ביזטו געוועזען?

ג ל י ק ס מ אַ ן : דאָ אין קלייטעל, פּאַפּיראָסען געקויפט...

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר : נו, וואָס וועט זיין? איהר גיעט אָנקוקען דאָס רעקעל צי ניט?

הורוויטש: שוין, שוין! (צו גליקסמאַנען): אַ מאָדנע זאַך... איך בין אוועק, האָב איך געלאָזען אויפ'ן וואַנד הענגען דאָס רעקעל... איך האָב אַליין געזעהען... איצט איז ער נישטאָ... (קוקט אויף באָס'ן).

גליקסמאַן: ווער איז דיר שולדיג? אַז מען געהט אוועק, פערשליסט מען אַ טהיר...

באָס (צו גליקסמאַנען): ביזט אַ מאוסער מענש!

דער הענדלער: בין איך, הייסט עס, אומזיסט געגאַנגען...

הורוויטש (פערשולדיגט): זייט מוחל, ר' איד... וואָס קען איך טהאָן?... מען האָט עס גראָד גע'גנב'עט... שווערע צייטען!... מען זאָל זיך קוואַפּען אויף אַזאַ רעקעל!...

הענדלער: ס'איז אַ חוצפה! שלעפּט מיך, שלעפּט מיך אין אַ צווייטער גאַס און וואָס, ווען? גע'גנב'עט!

גליקסמאַן: ר' איד, אָט האָט אַ „צעהנעריל" און געהט געזונדערהייד!

דער הענדלער (נעהמט צו מיט אַ פרעהליך פּנים די מטבע): אַ דאַנק... ס'וועט זיין אויף אַ פונט ברויט (זיפצט) עך־עך... שווערע צייטען (אָב).

הורוויטש (זעצט זיך אַוועק אויפ'ן בעטעל): נו, אַ צייט, מען זאָל ניט קריגען ערגעץ קיין קערבעל באַרגען... (צו גליקסמאַנען): זאָג מיר, דו האָסט גאַרנישט? חאָטש אויף אַ מיטאָג...

גליקסמאַן: וואָס הייסט איך האָב גאַרנישט? איך בין איצט אַן עושר, איך האָב גאַנצע דריי גילדען אין טאַש.

הורוויטש: וואָס קלעקט עס פאַר דריי (קוקט אויף באָס'ן).

גליקסמאַן: עט, ס'וועט זיין גענוג, מאַכען מיר אַ סעודה אין דער היים, וועט עס ביליגער קאָסטען. ווער געהט ברענגען גוטע זאַכען?

ג ל י ק ס מ א ן : נאָ, האָסטו (גיט איהם איבער עטליכע מטבעות) : וועסט קויפען צוויי פונט ברויט.

ב א ס : וואָס וועט עס קלעקען?

ה ו ר ו ו י ט ש : געווים איז דאָס ווייניג, איך בין הונגעריג ווי אַ הונד...

ג ל י ק ס מ א ן : מילא, קויף דריי פונט, אַ גוטען הערינג, אבער טאָקע אַ גוטען!... טהיי און צוקער פאַר עטליכע קאָפּיקעס און פּאַפּיראָסען. און אויב ס'וועט נאָך עפּעס בלייבען, זאָלסטו נאָך קויפען אַ גוט שטיקעל קעז.

ב א ס : מיר'ן זעהן... (אָב).

ה ו ר ו ו י ט ש : אייגענטליך האָט מיך גאָט געשטראָפט... כ'האָב דעם פּידזשאַק געוואָלט פערקויפען, האָטש ער איז גאָר ניט מיינער, ס'איז גאָר בערמאַנ'ס.

ג ל י ק ס מ א ן : ווי קומט צו דיר בערמאַנס פּידזשאַק?

ה ו ר ו ו י ט ש : ער האָט ביי מיר היינט ביינאַכט געשלאָפען, ער האָט קיין דירה ניט... דער פּידזשאַק איז אַ שווערער און דער טאָג איז אַ הייסער, איז ער אוועק אין אַ דינעם רעקעל, וואָס ער טראָגט שטענדיג אונטען...

ג ל י ק ס מ א ן : יאָ... נו, נישקשה, איצט איז וואַרים...

ה ו ר ו ו י ט ש : יאָ... אָבער דאָך פערדריסט מיך, ווי אַזוי האָב איך דאָס געוואָלט פערקויפען. אין אַ נויט פערלירט מען דאָס געפיהל פון סאַמע עלעמענטאַרען יושר... אָבער זוימט ער זיך, דער פריינד דיינער, ווי הייסט ער?

ג ל י ק ס מ א ן : ער הייסט באַס, נאָר ער איז אַ טייערער בן; איז אַ ביסעל נוטה צו אַנאַרכיזם, ווי דער שטייגער איז פון אַ מענשען, וואָס האָט דריי טעג ניט געגעסען...

(אין קאָרידאָר הערען זיך טריט).

ה ו ר ו ו י ט ש : ער טראָגט שוין... איך בין שרעקליך הונגעריג...

גליקסמאַן: ניין! ס'איז ניט ער... דאָס איז ניט זיינע טריט. (עס געהט אריין בערמאַן מיט אַ דריטען הענדלער, גע־קליידט ווי דער ערשטער, נאָר אַ ביסעל עלטער; אין איין האַנד האַלט ער אַ זאַק, אויף דער צווייטער הענגט ביי איהם אַ פּאָר קאַמאַשען).

בערמאַן (צו הורוויטש'ן, נאָכדעם ווי ער האָט גע־קוקט אויפ'ן וואנד איבער'ן בעט): האָסט ניט געזעהן מיין רע־קעל?

הורוויטש (שטאַמעלט): דאָס רעקעל?... דאָס רע־קעל?... איך ווייס אויך ניט, איך האָב איהם אויך געזוכט.

דער הענדלער: נו, מאכט עס גיכער, איך האָב ניט קיין צייט.

בערמאַן: באלד... באלד...

הורוויטש: וואָס דארפסטו דאָס רעקעל?

גליקסמאַן: מסתמא פערקויפען!... זעהסט ניט?

הענדלער: נו, וואָס וועט זיין?

בערמאַן: איך פערשטעה דאָס גאָרנישט (קוועטשט מיט די פּלייצעס).

באָס (געהט אריין, האַלט אין ביידע הענד אין פּאַפּיר איינ־געוויקעלט פּעקלעך. דערזעהענדיג די פּנים חדשות, פערוואונדערט ער זיך, נאָכהער שמייכעלט ער בייז צו גליקסמאַנען): נו, עסט!

גליקסמאַן: און דו?

באָס (בייז): איך וויל ניט עסען... (רופט אָב גליקס־מאַנען אָן אַ זייט). הער, וואו דו וועסט ניט דערצעהלען, אז דו האָסט דאָס רעקעל פערקויפט, עס איך ניט.

גליקסמאַן (צו באָס'ן): גוט! (צו אַלע) ברידער, דאָס רעקעל האָב איך פערקויפט, איהר וועט דאָך קיין פעראיבעל ניט האָבען...

הורוויטש: שוטה, וואָס האָסטו גלייך ניט געזאָגט?

בערמאַן: פערקויפט? ארט עס מיך ניט... אדרבא... איך האָב נאָר געבראָכען דעם קאָפּ, וואו קען עס זיין?

ד ע ר   ה ע נ ד ל ע ר : ווער וועט מיר בעצאהלען פאר מיין גאנג?

ג ל י ק ס מ א ן (צו באס'ן): אפשר איז געבליבען עט־ליכע קאפיקעס, גיב דעם אידען...

ב א ס : א גראשען ניט...

ג ל י ק ס מ א ן : האט קיין פעראיבעל ניט, ר' איד!... אפשר וועט איך נוצען די הוט? (נעהמט אראב פון וואנד אן אלטע, צוריסענע הוט).

ה ו ר ו ו י ט ש : יא, די הוט קען ער נעהמען. איך וועל זי שוין ניט טראגען...

ד ע ר   ה ע נ ד ל ע ר (נעהמט די הוט, בעטראכט זי און לעגט זי אוועק צוריק): די הוט טויג פאר מיר ניט... זי איז גארנישט ווערט...

ג ל י ק ס מ א ן : נו, וואס קענען מיר אייך העלפען? נו, ברידער, לאמיר זיך זעצען עסען. באס איז א חוואט, ער האט איינגעקויפט א סך...

ה ו ר ו ו י ט ש (צום הענדלער): אפשר זענט איהר א בעלן, ר' איד, מיטצושפייזען?

ד ע ר   ה ע נ ד ל ע ר (אביסעל פערשעמט): כ'מיין... וואס קען דאס שאדען? א שטיקעלע הערינג וועל איך טאקע פערזוכען...

ג ל י ק ס מ א ן (צופריעדען): אך, מהיכא תיתי! זעצט זיך, ר' איד!

ב א ס : אפשר ווילט איהר זיך וואשען?

ה ו ר ו ו י ט ש : אט איך ברענג שוין וואסער, (לויפט ארום מיט'ן בלעכענעם טשייניק אין קארידאר צו דער וואסער־לייטונג און ברענגט עס גלייך, דער הענדלער וואשט זיך, גיסענדיג פון טשייניק אויף דעם פאל, זאגט הויך „שאו ידיכם", ווישט אב די הענד מיט א פאלע, שניידט אב מיט אן איינענעם קליינעם מעסערל א שטי־קעל ברויט, נאכדעם א שטיקעל הערינג, מאכט א המוציא און הויבט

אָן עסען. די חברה מיט איהם).

ג ל י ק ס מ אַ ן (קייענדיג): נו, האָב איך שלעכט געטהאָן?

ה ו ר ו ו י ט ש: זעהר גוט — ווער האָט צו דיר טענות?

ב ע ר מ אַ ן: איך אודאי ניט.

ב אַ ס: איך בין אייגענטליך געגען דעם... גנב'ענען יאָ, אָבער שעהנער... איהר פערשטעהט? שעהנער...

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר (ווישט אָב די וואָנסען און איז זיך מכין אַוועקצוגעהן): אַ יישר, יונגע לייט... גוטער הערינג... הערט איהר, ברידער, איך קויף דאָך אַלטוואַרג ביי רייכע לייט, אָבער איך זאָג אייך, אַז האַנדלען זאָל מען נאָר מיט אַזוינע ווי איהר...

ג ל י ק ס מ אַ ן: נו זעהט איהר... און באַס איז נאָך ניט צופריעדען מיט אונז.

ב ע ר מ אַ ן: אַי, אויף נאמנות, ס'איז אַ קאָמעדיע... ס'איז נאָר טרויעריג, וואָס איך וועל יעצט מוזען געהן אין דעם לייכטען רעקעל, ביינאַכט איז אין איהם קאַלטליך.

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר: עט, נישקשה, יונגע לייט ווערען ניט דערפראָרען. איך בין אַמאָל, בחור'ווייז, אַ ווינטער אין אַ זומער־רעקעל אַבגעגאַנגען, און אַז ס'איז בעשערט צו לעבען, זעהט איהר דאָך...

(עס הערען זיך טריט).

ה ו ר ו ו י ט ש: ווער געהט עס ווידער?

ג ל י ק ס מ אַ ן (לאַכענדיג): אודאי נאָך אַ הענדלער.

ב אַ ס: נו, אַ הענדלער האָט שוין דאָ ניט וואָס צו טהאָן. דער פערמעגען איז שוין פערקויפט.

(עס לויפט אריין האַנקע, אַ מיידעל פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג, מיט אַ מאַנסבילשען פנים, אַ פלאַכער ברוסט, רעדט מיט אַ גראָבען קול).

חאנקע: אַי, כ׳לעבען, זיי עסען דאָך... פּרעסער, לאָזט מיר עפּעס א ביס... (חאַפּט זיך צום רעשט שטיקעל ברויט) ע, ס׳איז ווייניג... (רייסט ארויס פון גליקמאַנ׳ס האַנד אַ שטיק ברויט אָנגע־שמירט מיט פּוטער) וואָס האָט איהר אַלץ אויפגעגעסען?

העגדלער: חע־חע... דאָס מיידעל וויל נעבעך אויך עסען...

חאנקע: וואָס איז דאָס פאר א איד... איהר אגיטירט איהם אפשר...

באס: ס׳איז א הענדלער. אפשר האָט איהר עפּעס צו פערקויפען...

חאנקע: פערקויפען... אוי, כ׳לעבען, מען דארף איהם טאקע עפּעס פערקויפען... א פינגעריל קויפט ער?...

דער הענדלער: אָך, פאַרוואָס ניט... איך קויף אַלץ.

גליקסמאן: ס׳וועט זיין א לעבען, ווי איך בין א איד...

חאנקע (אַראָבנעהמענדיג פון אַ פינגער אַ קליין רינגעל): וואָס גיט איהר, ר׳ איד, דערפאַר?...

דער הענדלער (בעטראַכט עס): א האלב קער־בעל...

חאנקע: ווייזט געלד!...

דער הענדלער (צעהלט אויס צעהן קופּערנע צעה־נערס, בעטראַכט נאָך אַמאָל דאָס פינגעריל): ס׳איז אפילו ניט ווערט.

גליקסמאן: ס׳איז ווערט, ר׳ איד, ס׳איז ווערט...

הורוויטש: א שאלה, צי ס׳איז ווערט — אן אמת־גאָלדען פינגעריל.

חאנקע: א מתנה פון א באָבען...

דער הענדלער: זאָל זיין א מתנה פון א זיידען.

חאנקע: איצט מאכען מיר די סעודה אויף דאָס גיי.

ג ל י ק ס מ א ן: אפשר האט ווער נאך עפעס צו פער־קויפען? שעמט זיך ניט, ברידער.

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר: אדרבא, זוכט עפעס אויס צו פערקויפען? שעמט זיך ניט, ברידער.

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר: אדרבא, זוכט עפעס אויס.

ה ו ר ו ו י ט ש: איך האב גארנישט.

ב ע ר מ א ן: איך אודאי ניט.

ב א ס: איך — סיידען די נשמה...

ח א נ ק ע (לוסטיג): לומפען־פראלעטאריער! (צום הענדלער) קומט צו מיר אהיים, ר׳ איד! קאלאשען קויפט איהר?

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר (מיט א מין שטאלץ): איך האב דאך אייך געזאגט, אז איך קויף אלץ...

ח א נ ק ע: טא קומט, איך וואוין דא אנטקעגען... איך האב א פאר קאלאשען, נאך פון דערהיים געבראכט... ביי אונז אין דערהיים איז שטענדיג א בלאטע... דא דארף איך זיי ניט... דא איז טרוקען.

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר: עס פערשטעהט זיך... דא דארף מען ניט קיין קאלאשען... ווער טראגט דא קאלאשען? א משוגע־נער סיידען...

ב א ס: אלמאי קויפט איהר זיי?

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר: איך מיין... איך זאג דאך אייך — איך קויף אלץ...

ח א נ ק ע: נו, קומט...

ג ל י ק ס מ א ן: נאר גלייך צוריק... דעם האלבען קארב לאזט טאקי ביי אונז...

ח א נ ק ע: איך קום באלד...

(הענדלער און חאנקע אב).

ג ל י ק ס מ א ן: א וואוילע זאך, כ׳לעבען... דארף זיך גראד אנטראגען חאנקע מיט א פינגעריל און קאלאשען...

באַס: נו, וואָס פערקויפט איהר נאָך? (עס הערט זיך ווידער אַ זינגען אין הויף: האַנדעל, האַנדעל).

גליקסמאַן (מיט אַ שטראַהלענדען געזיכט): אי, מיר איז איינגעפאַלען אַ גליקליכע אידעע.

באַס: וואָס?

הורוויטש: נו, וואָס?

גליקסמאַן (קוקענדיג צום בעטעל): צו וואָס, למשל, דאַרף מען האָבען דאָס דאָזיגע בעטעל?

הורוויטש: וואָס הייסט? אויף שלאָפען.

גליקסמאַן (שפּאָטיש): פּריץ מיינער, אַנדערש ווי אין אַ בעט שלאָפען קען ער ניט! און אויף דר'ערד ביזטו חולה?

בערמאַן: ער רעדט צו דער זאַך... דאָס בעטעל איז ווערט אַ קאָפּיקעס זעכציג.

הורוויטש (טראַכטענדיג אַ ווילע): פון מיינטוועגען לאָז מען עס פערקויפען.

גליקסמאַן: ניט אַנדערש! סיי ווי סיי איז דאָס בעטעל פאַר דרייען ענג, און אויף דר'ערד קען מען זיך אויס־בעטען אין פיערען אפילו.

בערמאַן: ער רעדט צו דער זאַך, כ'לבען...

הורוויטש (פערליערענדיג אינגאַנצען דעם רצון): נו, רופט אריין דעם הענדלער.

גליקסמאַן: דאָס לאָזט שוין פאַר מיר... (אָב).

באַס: איך בעטראַכט אייך פאַר אוננאָרמאַל, ברידער.

הורוויטש: די גאַנצע וועלט איז אוננאָרמאַל.

באַס: יאָ... יאָ.. (אַ פּויזע).

(גליקסמאַנס שטים אויף די טרעפּ): איהר וועט אָנקוקען אַ בעטעל...

אַ גראָבע שטים פון אַ הענדלער: אַ בעטעל זאָל זיין אַ בעטעל אַלץ איז אַ סחורה...

ג ל י ק ס מ א ן (ארויינגעהענדיג) : אָט דאָס איז דאָס בעטעל.

ד ע ר ה ע נ ד ל ע ר (אַ גאַנץ אַלטער איד, אין ברילען בעטראַכט דאָס בעטעל) : דאָס בעטעל איז גאַרנישט ווערט... (אַלע ווערען שטאַרק אראָבגעפאלען).

ה ע נ ד ל ע ר : מעהר האָט איהר גאַרנישט צו פער־קויפען?

ג ל י ק ס מ א ן : מעהר גאַרנישט...

ה ע נ ד ל ע ר : לגמרי גאַרנישט?

ג ל י ק ס מ א ן : (נערוועז) אבסאָליוט גאַרנישט.

ה ע נ ד ל ע ר (שטעלט אָן די אויערן) : וואָס האָט איהר געזאָגט?

ג ל י ק ס מ א ן : לחלוטין גאָר נישט...

ה ע נ ד ל ע ר : אָט אזוי־זשע זאָגט — לחלוטין — פער־שטעה איך! הייסט עס — לחלוטין גאַרנישט... (קראַצט זיך אין קאָפּ... בעטראַכט נאָך אַמאָל דאָס בעטעל...) ווייס איך, דאָס בע־טעל איז יא עפּעס ווערט, אָבער איך מוז דינגען „א מענשען" אראָבטראָגען זי, איך אליין, ניט פאר אייך געדאַכט, האָב קיין כח ניט... איך ווייס אָבער ניט, צי וועט מיר לויהנען דאָס גאַנצע עסק... (בעטראַכט נאָך אַמאָל דאָס בעטעל) טאַקע ניין, עס לויהנט ניט... טאַ האָט זשע מיר א גוטען, יונגע לייט (געהט ארוים זיך קראַצענדיג).

(פאָרהאַנג)

אויך אַ חתונה.

פערזאנען

ברוך, אן ענטוויקעלטער ארבייטער, 23 יאהר אלט.
די מוטער, אן אלטע, פרומע, ארימע אלמנה.
ביילקע, אן ארבייטערין, ברוך'ס כלה, 20 יאהר אלט.
געסט, יונגע ארבייטער.

קומט פאר אין די לעצטע צעהנדליג יאהר אין א גרויסע שטאדט אין ליטא.

(די סצענע שטעלט פאָר אַ קליין, קאַוואַליער צימערל, רעכטס פון דער קיך, אַנשטאָט טהירלעך — אַ שמוציגער פאָרהאַנג. ביים שטויביגען, זעקס-שויביגען פענסטער—אַ קליין טישעל פערדעקט מיט אידישע ציימונגען. האַרט ביים טישעל אַ בעט, ביי דער צווייטע זייט טישעל אַן אַלטע שטוהל. אויפ׳ן טישעל שטעהט אַ קעסטעלע טאַ־באַק, פון וועלכע ברוך שטאָפט אַן פאַפּיראָסען און רויכערט איינעם נאָך׳ן צווייטען. פאַרנאַכט. נאָר וואָס אַנגעצונדען פייער. ברוך אַליין שטאָפט אַן אַ פּאַפּיראָס, פעררויכט, געהט אום איבער׳ן צימער שטאַרק פערטיעפט, שטעלט זיך ביים טהיר פון צימערל און רופט:

ערשטע סצענע:

ב ר ו ך: מאַמע...

ד י מ ו ט ע ר (אריינגעהענדיג מיט לאַנגזאַמע טריט): וואָס?

ב ר ו ך: מאַמע... איך וויל דיר עפּעס זאָגען, נאָר איך זאָג דיר פריהער, אז קיין טענות פון דיר וויל איך ניט הערען, ס׳וועט ניט העלפען... היינט ביינאכט האָב איך מיט ביילקען חתונה.

ד י מ ו ט ע ר: היינט ביי־נאכט? מיט ביילקע׳ן?... אט מיט דער...

ב ר ו ך (האַקט איבער): מאַמע, איך בעט דיך אָהן טענות. היינט ביי־נאכט מיט ביילקע׳ן.. .אזוי האָב איך אָבגע־רעדט... אזוי מוז עס זיין.

די מוטער: נו, נו, מסתמא ווייסטו דאָך וואָס דו טהוסט... זאָל זיין מיט ביילקע'ן — זאָל זיין אָהן נדן, זאָל זיין אָהן בעטגעוואנט... אָבער וואָס עפּעס, זוהגעניו, היינט ביי־נאכט?...

ברוך: און מאָרגען וועט זיין בעסער? חתונה האָ־בען מיט איהר מוז איך.

די מוטער: דו מוזט? הערסט אביסעל — ער מוז! האָסט תנאים געשריבען, צי א קנין געמאכט...

ברוך: נאָך מעהר ווי תנאים, נאָך מעהר ווי א קנין... (פאסענדיג זיך מוטה) זי איז א וואויל מיידעל. איך האָב צו איהר גאָר נישט... כ'האָב זי טאַקע האָלט...

די מוטער: האָלט האָבען קאָן מען זי, דאָס איז אפילו אמת, איך האָב זי אויך ניט פיינט, נאָר זי איז דאָך אזוי אָרים.

ברוך: דאָס איז אָן אמת, אָרים איז זי, נאָר מיר וועלען לעבען... נישקשה, מיר וועלען לעבען!

די מוטער: נו, אז דיר איז ניחא, מוז איך שוויי־גען... וואו ווילסטו אָבער מאכען די חתונה און מיט וואָס?

ברוך: וואו? — טאָקע דאָ אין צימערל, און מיט וואָס — אָט האָסטו א רובעל... (נעהמט ארויס פון טאַש אַ זיל־בערנעם רובל).

די מוטער (לאכט ביטערלעך): מיט א רובל ווילסטו א חתונה פּראוועז, אוי מיין זוהן, רעדסט דאָך גאָר פון וועג...

ברוך: וואָס מיינסטו, מאמע, א חתונה? קיין גילדענע יויך דארפען מיר ניט. קויף עטליכע הערינג, אביסעל בראנ־פען. א פּאָר קיכלעך און די חתונה איז פארטיג...

די מוטער: האָסטו חאָטש דעם פעטער לייבען געבעטען?

ברוך (לאכט): דער פעטער וויל דאָך ניט דעם שידוך...

די מוטער: פונדעסטוועגען...

ב ר ו ך : אט לאז די משפחה צו־רוה. קיין דרשה־געשאנק דארף איך ניט און זיי וועלען ניט געבען אויך. פאלג מיר און געה קויף איין עפעס פאר׳ן רובל און גענוג. מיינע מחותנים וועלען קיין פאראיבעל ניט האבען. אייגענע ברידער.

ד י מ ו ט ע ר : דיינע „מחותנים" — אז אך און וועה איז טאקע צו דיינע מחותנים.

ב ר ו ך : נו, מאמע, ווייסט דאך, אז דו וועסט מיר שוין ניט איבערמאכען. נעהם דעם רובעל און געה קויף אלץ איין, בראנפען א קווארט און פאר׳ן איבעריגען געלד א פאר הערינג און נאך עפעס.

ד י מ ו ט ע ר : גאר ביים חתן די חתונה... פארוואס ניט ביי דער כלה? זאלען א י ה ר ע עלטערן דעם נחת האבען...

ב ר ו ך (שמייכלענדיג) : איהרע עלטערן זיינען אויך ניט צופריעדען מיט׳ן שידוך.

ד י מ ו ט ע ר (איראניש) : אויך ניט צופריעדען! אז אך און וועה שוין צו דיר! האסט געקאנט נעהמען 300 רובל מיט חתן־מתנות, ווי ביי לייטען.

ב ר ו ך : איך וועל שוין אלץ האבען.

ד י מ ו ט ע ר (שאקעלט מיט׳ן קאפ) : יא, יא, וועסט האבען... מיט אזא פיהרונג וועסטו אלץ האבען... (אב).

ב ר ו ך (אליין) : נו, א סוף, אבי זי ווייסט שוין... (עס הערען זיך טריט).

צ ו ו י י ט ע ס צ ע נ ע.

ב י י ל ק ע (שטעלט זיך ביים פארהאנג, הויבט איהם אויף און קוקט שעמעוודיג אריין).

ב ר ו ך (מונטער) : א, די כלה איז שוין דא. קום אריין, כלה־לעב, קום אריין, שעם זיך ניט פאר׳ן חתן... קענסט איהם שוין.

בײלקע (געהט אַרײַן, אין אַ ציצען קלײדעל, די שוואַרצע האָהר פּערקעמט עטוואָס יום־טוב׳דיג, מיט אַ ווײַסען שאַל אויף די פּלײצעס): נאָך קײנער ניטאָ?

ברוך: נײן, די מחותנים זײַנען נאָך ניט געקומען.

בײלקע: אוי, הלואי וואָלט טאַקע קײנער ניט געקומען. איך שעם מיך עפּעס אַזוי. עפּעס אַזאַ נאַרישע צערעמאַניע. צו וואָס דאַרף מען דאָס, דאַכט זיך.

ברוך: אַט דאָס פרעג איך דאָך אויך, צו וואָס דאַרף מען דאָס טאַקע? אפשר דאַרף מען טאַקע ניט.

בײלקע: נײן, ניט דאָס... נאָר ס׳איז עפּעס אַ סימן. עפּעס — איך ווײס אויך ניט ווי צו זאָגען — פאַר דער וועלט... זאָל די וועלט שפּעטער ניט בילען...

ברוך: אַט אַזוי רײד — זאָל די וועלט ניט בילען... טאַ קום אהער. איך וועל דיר אַ קוש געבען.

בײלקע: פּונקט פאַר דער חופּה...

ברוך: וואָס דען, נאָך דער חופּה?

בײלקע: און נאָך דער חופּה וועסטו מיך ניט קושען?

ברוך (שפּאַטיש): נאָך דער חופּה קריגסטו ביי מיר פּעטש, ווי די מוהמע רחל פון פּעטער לײבעל.

בײלקע: רעד בעסער נישט... איך האָב עפּעס אַזוי מורא...

ברוך: האָסט מורא? פאַר ווענען? פאַר מיר?

בײלקע: פאַר דער וועלט... אוי, די וועלט איז אַזאַ שלעכטע, אַזאַ בײזע... שאַ, ווער געהט עס?

ברוך: די מאַמע. אודאי... טאָמער וועט זי עפּעס דיר זאָגען — שווייג!... ס׳איז אויף איהר טאַקע אַ רחמנות, נאָר וואָס קאָן איך איהר העלפען...

(עס געהט אַרײַן די מוטער, שטעלט אוועק אויפ׳ן פענסטער אַ

קוואַרטיגע פלעשעל בראנפען, לעגט אַוועק אַ פּאָר הערינג אויפ'ן טיש, אייער־קיכלעך און נאָך קליניגקייטען).

די מוטער: נאַ, אַט האָסטו די גאַנצע חתונה... קיין רעשט איז נישט געבליבען... איך גייה אַוועק. (מיט רוגזא) דעם מזל־טוב גיב איך אייך, קינדערלעך, שוין אַב.

ביילקע (שעמעוודיג): פאַרוואָס זאָלט איהר אַוועק־געהן? זייט בעסער דאָ...

די מוטער: צו אַזוינע חתונות בין איך ניט גע־וועהנט געוואָרען... קיין רב וועט אפילו ניט זיין, ווער איז מיר...

ברוך: על פּי דין איז גענוג צוויי עדות. זיי וועלען קומען.

די מוטער: דיינע עדות... מילא, טהוט, קינדער־לעך ווי איהר פערשטעהט — מסתמא ווייסט איהר דאָך בעסער.

ברוך: יאָ, מאמע, מיר ווייסען בעסער.

ביילקע (שטאַרק פערשעמט): פונדעסטוועגען בלייבט...

די מוטער: ניין, טאָכטערקע, איך וועל געהן צום פעטער לייבען זיצען אַ פּאָר שעה.

ברוך: דערצעהל איהם נאָר קיין מעשיות ניט..

די מוטער: ס'איז מיר אַ חרפה צו דערצעהלען, אַ חרפה צו שווייגען (אַב).

ביילקע: אוי, מיר פערדריסט אַזוי, וואָס זי איז אַוועק... אויף איהר איז אַזאַ רחמנות...

ברוך (ערנסט): וואָס זאָל מען טהאָן?

ביילקע: מ'האָט געדאַרפט דאָס מאַכען בשתיקה און נאָכדעם אויסזאָגען.

ברוך: אַלץ איינס. מילא, זי וועט שוין מרוצה ווע־רען, זי איז שוין צו אַלץ געוועהנט געוואָרען (פרעהליך) נעהם בעסער, כלה־לעבען — גרייט צו די וועטשערע, באַלד וועלען

דאָך קומען די פּאָר מחותנים... מאַך, כלה־לעבען, די הערינג... שעהם זיך ניט...

ב י י ל ק ע : אוי, וועה, מיין מאַמע וואָלט דאָס גע־וואוסט... (פערטראַכט זיך), וואו וועל איך טאַקע היינט נעכ־טיגען ?...

ב ר ו ך : אַ, דו נאַרישע כלה ! וואָס הייסט וואו ? טאַקע דאָ ביי מיר...

ב י י ל ק ע (שטאַרק פערשעמט) : און וואָס וועט די מאַמע זאָגען ?

ב ר ו ך : וואָס הייסט — די מאַמע ? מיר ווערען דאָך עפּעס, ווי דער עולם רופט עס — מאַן און ווייב.

ב י י ל ק ע : פוי, מאַן און ווייב — ווי גראָב ! רעד ניט אזוי, ברוך.

ב ר ו ך : ווי דען ווילסטו ?

ב י י ל ק ע : ווי ביז אהער — אָהן אַ נייעם נאָמען.

ב ר ו ך : טאָ פאַרוואָס ווילסטו חתונה האָבען ?

ב י י ל ק ע : איך וויל דען ?... איך מוז... דו ווייסט דאָך, אז איך מוז... (ווערט שטאַרק רויט, קערט זיך אום צום וואַנד)

ב ר ו ך : יאָ, יאָ... (פערטיעפט זיך). הייסט עס נאָך דער חופה מעג מען שוין... אוי, די משוגעים, די משוגעים...

(עס הערען זיך שטימען הינטער'ן טהיר).

ב י י ל ק ע : אוי, מען געהט...

ב ר ו ך : אודאי, מיינע חברים...

(עס געהען אַריין דריי יונגע לייט : חיים, לייביל און גע־ציל. אַלע זעהען אוים ווי אינטעליגענטע אַרבייטער. אַביסעל פער־פוצט).

ד ר י ט ע ס צ ע נ ע.

ל י י ב ע ל (ברייטלעך) : גוט'ן אָוועגד ! — מזל־טוב ! מזל־טוב !

חיים: יא, יא, — מזל־טוב! מזל־טוב!

געציל (זינגענדיג מיט דעם בעוואוסטען נגון): חתן־כלה מזל־טוב. מזל־טוב!...

ביילקע (צו געצלען): איך בעט אייך, הערט אויף.

ברוך: די כלה שעמט זיך...

ביילקע (מיט א געמאכטען כעס): איך בעט דיך רוף מיך ניט כלה...

געציל: וואס דען זענט איהר — א חתן? נו, כלה־לעבען, קומט אהער, — איך וועל אייך בעזעצען.

חיים (לוסטיג ווערענדיג): אי, טאקע, לאמיר זי בע־זעצען.

לייבעל (אויך פרעהליך): ווי דען — אודאי בעזע־צען, און דו, געציל — קאנסט דאך גראמען זאגען — זיי דער בדחן.

געציל (שטעלט זיך אויף און זינגט מיט'ן סקארבאווען נגון):

כלה — קרוין,
בעטראכט זיך מיט חן.
דארפסט באלד,
צו דער חופה געהן,
איינע אליין...

ביילקע (ווערט אומעטיג): איך בעט אייך, מאכט זיך ניט נאריש.

ברוך: נו, ווי געפעלט אייך די כלה? איהר שטימונג איז טאקע העכסט ערנסט, א מין יום־הדין ביי איהר היינט.

געציל (אין א קאמישער פאזע):

בעטראכט, כלה־לעב, מיט זין.
היינט איז ביי דיר דער יום־הדין...

ביילקע: נו, געציל, הערט אויף, איך בעט אייך.

ל י י ב ע ל : טאקע גענוג. חתן־כלה האבען אודאי היינט געפאסט און עס חלש'ט זיי דאס הארץ — לאמיר זיך זעצען צו דער חופה־וועטשערע.

ג ע צ י ל : וואס הייסט? פאר דער חופה?

ב ר ו ך : מאך טאקע, ביילקע, די הערינג מיט די פער־בייסען.

ל י י ב ע ל : אודאי — ביילקע דארף זיך איצט לערנען זיין א בעל־הבית'טע.

ח י י ם : און דער ערשטער „אוראק" איז פון הערינג. אונזער ערשטע און אונזער לעצטע געריכט.

ב ר ו ך (ערנסט) : נישקשה, ביילקע וועט זיין א בעל־הבית'טע, זי וועט מיר קאכען גוטע ווארעמעסען, איך האף!

ג ע צ י ל (שפאטיש) : יא, יא, ביי היינטיגע גוטע צייטען קאן מען האפען אויף גוטע ווארעמעסען.

ב י י ל ק ע : אוי, איך בעט אייך, רעדט ניט דערפון — איך קאן ניט הערען. לאז מען שוין מאכען די צערעמאניע און גענוג.

ב ר ו ך : זאל איך אזוי וויסען פון בייז, ווי איך וויים, ווי אזוי מען הויבט דאס אן.

ג ע צ י ל : דו ביזט נאך ניט געניט א פנים אין חתונה האבען.

ל י י ב ע ל : איך האב אמאל געלערנט „חיי אדם" וויים איך א דין... מען נעהמט...

ח י י ם (האקט איבער): קודם כל דארף מען בעזעצען די כלה.

ב ר ו ך : וואלט האטש געווען א חבר'טע איהרע... (צו ביילקע'ן) : פארוואס האסטו ניט איינגעלאדען פון דיינע חבר'טעס וועמען ס'איז?

ב י י ל ק ע : טאקע, א נארישקייט. איך האב מיך גע־שעמט.

ח י י ם (ערנסט): אַט, צו וואָס דאַרף מען האָבען די אַלע גליקען. נעהם א מטבע, עפּעס א זילבערנע, און זאָג „הרי את“ און פאַרטיג אַן עסק.

ב ר ו ך (פערלעגען): א מטבע... (טאַפּט אין די טאַשען) די מאַמע האָט מיר פון רובל קיין רעשט ניט געבראַכט.

ב י י ל ק ע: איך וויל נישט מיט א מטבע.

ג ע צ י ל: זי וויל ניט! און אז זי וויל יאָ — אז ער האָט ניט.

ב י י ל ק ע (מאַכט זיך ניט הערענדיג): איך וויל מיט א רינגעלע...

ב ר ו ך: וואָס דאַרפסטו דאָס רינגעל? — ווער האָט א רינגעלע?

ג ע צ י ל (ווי אין אַ זייט): און א מטבע האָט ער דען?

ל י י ב ע ל: איך האָב געלערנט „חיי אדם“ און קאָן אייך פּסק'ענען נאָך א שאלה: עס איז רעכט מקדש צו זיין מיט א קוש...

ב י י ל ק ע (פערשעהמט): נו, נו, — הערט אויף איי־ערע שטיק.

ג ע צ י ל: אוי, אויב מיט א קוש, האָב איך שוין א סך ווייבער.

ב י י ל ק ע: איהר זענט א גראָבער מענש.

ג ע צ י ל: וואָס זאָגט מען צו איהר? — נאָך פאַר דער חופּה איז זי שוין אַזאַ צנועה (צו ברוך'ן) ברוך, קויף איהר א ש"ם תחינות.

ב י י ל ק ע: ניט דערלעבען וועט איהר, אז איך וועל לייענען תחינות.

ג ע צ י ל: אַ, מיר קענען אייך! נו, זייט טאַקע אַן אויפגעקלעהרטע און זאָל ער אייך מקדש זיין נאָר מיט א קוש...

ב ר ו ך : נו, ביילקעלע, זיי אויף צו־להכעים — טאקע מיט א קוש (געהט צו צו איהר און וויל זי קושען).

ב י י ל ק ע (לאָזט זיך ניט): לאָז אָב, ברוך.

ג ע צ י ל : זי פערשטעהט אן עסק, — א קוש איז גוט אונטער פיער אויגען...

ח י י ם : נו, בכן, לאָז מען שוין מאכען די צערעמאָניע.

ב י י ל ק ע : טאקע אזוי...

ח י י ם : איך וויל טאקע נעהמען אביסעל בראנפען.

ל י י ב ע ל : איך אויך.

ג ע צ י ל : און איך אודאי.

ב י י ל ק ע (פריינדליך): אביסעל בראנפען קאָן מען נעהמען פאר דער צערעמאָניע.

ב ר ו ך : איך מיין אויך אזוי. ביילקע, דערלאנג די בראנפען מיט'ן צובייסען.

ב י י ל ק ע (דערלאנגט אויף איין טעלער די הערינג, אויף א צווייטען קיכלעך): אָט האָט איהר אלץ.

ג ע צ י ל : די גאנצע חופה־וועטשערע! וואויל ווי די וועלט! און קיין דרשה־געשאנק דארף מען אויך ניט געבען.

ח י י ם : וואָס הייסט עפּעס ניט? אודאי געבען. ווארט א ווייליע, ברידער, איך קום גלייך צוגעהן.

ב י י ל ק ע : וואוהין?

ב ר ו ך : וואוהין געהסטו, חיים?

ח י י ם : אָט די מינוט קום איך (לויפט ארויס).

ג ע צ י ל : ס'א דאגה — זאָל ער געהן. ווארטען אויף איהם וועלען מיר ניט!

ב י י ל ק ע : ניין, מען דארף טאקע ווארטען.

ג ע צ י ל : אָבער א קליין שטיקעלע הערינג מעג איך נעהמען.

ב י י ל ק ע (ליעבליך): יאָ, דאָס מעגט איהר.

ג ע צ י ל (צוגעהענדיג צום טיש): נאָר א קליין שטיקעל.

ב ר ו ך : אפילו צוויי.

ג ע צ י ל (עסט) : וואויל ווי די וועלט! אזוינע הערינג קריגט מען ניט אויף דעם גרעסטען גביר'ס חתונה.

ב י י ל ק ע : לאכט ניט, איך בעט אייך...

(עס הערען זיך טריט, חיים קומט אַריין).

ח י י ם (מיט אַ שטראהלענד געזיכט) : דרשה־געשאנק גיט מען אפילו ביי דער ווערטשערע, נאָר עס מאכט ניט, — נא, ברוך, אַט האָסטו א רינג און זיי איהר מקדש...

ב י י ל ק ע (פרעהליך) : זעהר גוט! זעהר גוט!

ב ר ו ך (נעהמענדיג דאָס רינגעל) : צו וואָס דארף מען די נאַרישקייט?

ב י י ל ק ע (שטרענג) : מען דארף, מען דארף!

ג ע צ י ל : מילא, אז ס'איז שוין דאָ א רינגעלע, זיי איהר, ברוך, מקדש און פּטור אן עסק.

ב ר ו ך (אַביסעל צוטראָגען) : נו, ביילקעלע, קום אהער, גיב אהער דיין הענטעלע.

ב י י ל ק ע (געהט צו נאָהנט, שטרעקט אויס דעם פינגער פון דער רעכטער האַנד) :

ל י י ב ע ל : קאָנסטו די ברכה?

ב ר ו ך : ס'איז רעכט אָהן א ברכה.

ב י י ל ק ע : ניין, איך וויל טאקע מיט א ברכה, ווי גע־העריג איז...

ב ר ו ך : אַ פּנים אין רינגעל גלויבסטו מעהר ווי אין מיר... זאָל זיין מיט א ברכה: „הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל“.

ג ע צ י ל : וואויל ווי די וועלט! מזל־טוב! מזל־טוב!

ח י י ם : מזל־טוב! מזל־טוב!

ג ע צ י ל (מאַכענדיג אַ כוסה) : איצט, חתן־כלה, צוקושט זיך.

ב ר ו ך (מיט אַ שמייכעל) : אז זי וויל ניט.

געציל: זי וויל, זי וויל!

ביילקע (געהט צו צו ברוך'ן): איצט יאָ (זיי נעהמען זיך אַרום און עס דערהערט זיך אַ לאַנגער קלינגענדער קוש).

געציל: אוי, ווי זיס! פערזופּט מיט אביסעל בראָנפען.

ברוך (נעהמט אַ כוס אין האַנד): לחיים, ברידער, לחיים! (טרינקט).

(געציל, לייבעל, חיים טרינקען, זיי ווערען וואָס ווייטער פרעהליכער, איבערהויפּט חיים. ער געהט צו צו ביילקע'ן און וויל זי ארומנעהמען און קושען זי).

ברוך: ניין, חיים, — דאָס רינגעלע איז טאקע דיינס, אָבער די ברכה האָב איך געמאכט און ביילקעלע איז מיינע...

ביילקע (פרעהליך): יאָ, דיינע, דיינע!

חיים: נו, איך האָב נאָך קליינגעלד צו קויפען א רינגעלע, איך וועל שוין האָבען וועמען צו קושען...

געציל (שכור'לעך): יאָ, וועסט האָבען, וועסט האָבען... אבי א רינגעלע און א ברכה...

(פאָרהאַנג).

די פּראָבע.

פערזאנען:

בארים, א יונגער בחור פון 25 יאָהר, א הויכער ברונעט,
א פריקאַזשציק.
בערטא, א מיידעל פון 22 יאָהר, א שניידערין.
שרה, א שטוב־מיידעל.
זעלצער, א פריקאַזשציק, באָריסעס א קאָלעגע.

די סצענע קומט פאָר אין ווארשע.

ערשטער אקט.

די סצענע שטעלט פֿאָר אַ קליין־ציכטיג־צימער, ביי איין וואנד שטעהט אַ בעט, איבערגעצויגען מיט אַ ווייס־ליי־לאַך; ביי דער וואנד, צום פענסטער, וואָס געהט אַרויס צו דער גאַס, שטעהט אַ קליין טישעל, מיט צוויי שטוהלען. אויפ'ן פענסטער שטעהען צוויי ריינע אויסגעווישטע גלעזער, אין איין גלאָז ליעגט אַ טהיי־לעפעלע, עס ליעגט אַ האַלב לעבעלע ווייס ברויט, אַ האַלבע זעמעל און אַ בי־כעל פערגאָסען מיט טינט. אויף דער וואנד הענגט עפּעס אַן איליוסטראציאָן פון „ניווא“, וואָס שטעלט פֿאָר, ווי אַ יונג מיידעל קלויבט בלומען אין פעלד, און אַ קליינע פֿאָטאָגראפיש בילד פון אַ יונג־מיידעל, געפאסט אין אַ הילצערנעם רעמעל.

באַריס (לויפט אַריין איילענדיג און צוטראָגען, וואַרפט אַראָב דעם הוט אויף דר'ערד און דאָס שטעקעל לעגט ער אַוועק אויפ'ן טיש, באַלד פערכאַפּט ער זיך און הייבט אויף דעם הוט פון דר'ערד און לעגט עס אויפ'ן בעט, און דאָס שטעקעל נעמט ער צו פון טיש און שטעלט אַוועק אין ווינקעל צימער. ער לאָזט זיך געהן הין און צוריק איבער'ן צימער און רעדט פאר זיך): שוין נאָך צעהן. זי האָט שוין געדארפט קומען (ער שטעלט זיך אָב און קוקט צום פענסטער). אויף איהר א קשיא, זי קען אמאָל קומען צוועלף. (שווייגט) זי רויבט מיר מיין רוה, קראנק וועל איך פון איהר ווערען. (ער קרעכצט) פרעג וואָס האָב איך אין איהר אזוינס דערזעהען? א מיידעל, ווי אַלע, נאָר עס ציהט מיך עפּעס אזוי

צו איהר, אַט וואָלט איך דאכט זיך דערשטיקט זי אין מיינע אָרעמס! (ער שפּריינט אויס די הענד, ווי ער וויל עמיצען ארומ־נעהמען) זי האָט אזוינע שעהנע אויגען!... אזוינע שווארצע... אז זי הייבט זיי אויף אויף מיר, דאכט זיך מיר, אז איך ווער פערברענט... זי האָט מיך געפּאקט!... (פּויזע) שוין נאָך צעהן, זי וועט שוין ניט קומען, איהר פערדרעהט דאָך גיך דער מח: אודאי אין טהעאטער מיט עמיצען אוועק געלאָפען!... ווער עס נעהמט פאר איהר א בילעט מיט יענעם געהט זי! פאר טהעאטער וואָלט זי זיך געהאנגען... געהט עס צום טייוועל! זאָל זי ניט קומען. אין צוויי טעג פערגעס איך זי!... (ער הערט זיך צו צו דער טהיר) שא, דאכט זיך איהרע טריט... (ער עפענט נערוועז די טהיר און עס בעווייזט זיך דאָס שטוב־מיידעל).

דאָס שטוב־מיידעל: איהר דארפט עפּעס? איך געה אין געוועלב.

באָריס: יאָ, יאָ איך דארף! גוט וואָס איהר האָט מיך דערמאָהנט! (נעהמט ארויס דאָס בייטעלע פון טאַש) איהר וועט מיר ברענגען... (ער פארטראכט זיך).

דאָס שטוב־מיידעל (בייז): גיכער שוין! איך האָב קיין צייט ניט, די „בעל הבאָנדזיע" זאָגט אזוי אויך, אז איך ארבייט פאר אייך מעהר ווי פאר איהר. אי א באלע־באָנדזיע!

באָריס: איהר וועט מיר ברענגען פון קאָנדיטעריי אַ פּאָר קוכען, אָבער פון די גוטע... נאט אייך געלד.

דאָס שטוב־מיידעל: און מעהר גאָר נישט?

באָריס: ניין.

(דאָס שטוב־מיידעל לאָזט זיך צו דער טהיר).

באָריס: שרה, שרה!

דאָס שטוב־מיידעל (קעהרט זיך אום): נו, רבונו של עולם, וואָס ווייטער?

ב אָ ר י ס : נאַ דיר נאָך אַ גילדען און קויף עטליכע זעמעל מיט ווארשט... צוקער האָב איך, טיי דאַכט זיך אויך...

(דאָס שטוב מיידעל געהט ארויס).

ב אָ ר י ס (אַליין): מאַמער קומט זי פּאַרט, די משוגע־נע, און איהר פערווילט זיך עסען... אפילו אַ שאַד דאָס געלד, עס וועט מיר מאָרגען אויף מיטאָג פעהלען... נאָר וואָס טהוט מען מיט איהר? זאָל זי ניט זאָגען, אַז איך בין אַ „קבצן"... ביי איהר איז אַ קבצן ערגער, ווי גע׳שמדט... „ביזטו אַ קבצן. זאָגט זי, וויל איך מיט דיר קיין געשעפטען ניט האָבען"... (עס דער־הערען זיך טריט, באָריס דערקענט איהרע טריט). זי געהט! זי געהט!

(עס עפענט זיך די טהיר און עס לויפט אַריין בערטאַ מיט אַ פרעהליך שיינענדיג פּנים, אין אַ לייכטען זומער אַנצוג, מיט אַ זאָנטיק אין דער האַנד. פון איהרע בעוועגונגען בלאָזט אין צימער ווי אַ ווינד, זי דערלאַנגט באָריסען די האַנד, גיט איהם נאָכדעם לוס־טיג אַ שטויס און זעצט זיך לאַכענדיג אַוועק).

ב ע ר ט ע : איהר ווייסט, באָריס, וואָס מען גיט מאָרגען אין טהעאַטער?

ב אָ ר י ס (פאַר זיך): שוין ווייטער מיט איהר טהעאַ־טער (צו בערטען) וואָס?

ב ע ר ט ע : אַאידאַ! — מיין געליעבטעסטע אָפּערא. קרושעלניצקע שפּיעלט אַאידאַ מיט באַטעסטינען... איך געה מאָרגען נעפּרעמענאַ! אויף אַאידאַ ניט געהן — אַ פיינע זאַך! איהר וועט דאָך אויך געהן — האַ?

ב אָ ר י ס (פערלעגען): איך וועל געהן... איך וועל געהן! אודאי געהן! ווי דען?

ב ע ר ט ע : ניט אַנדערש, ניט אַנדערש! איהר מוזט געהן, סיידען איהר ווילט זיך מיט מיר מעהר ניט זעהן...

(זי קוקט איהם לאַכענדיג אין די אויגען).

ב אָ ר י ס : בערטע! וואָס ווילסט דו?

ב ע ר ט ע : וואָס איז איך, באָרים! חאַ־חאַ־חאַ! מיין געליעבטער!

ב אָ ר י ס (נעהמט זי אָן מיט ליעבשאַפט פאַר דער האַנד) : א בילעט האַסט דו?

ב ע ר ט ע : אויך מיר א זאָרג — א בילעט! פינקעל־שטיין וויל מיר געהמען א בילעט, נאָר איך וויל ניט. איך וויל, אז איהר זאָלט מיר נעהמען, איך וויל, אז דו זאָלסט מיר נעה־מען...

ב אָ ר י ס (מיט שטראַהלענדע אויגען) : דערפאַר וואָס דו האָסט געזאָגט „דו“, נעהם איך דיך...

ב ע ר ט ע (לאַכענדיג) : איהר וועט מיך נעהמען.

ב אָ ר י ס (לאַכט) : יאָ, יאָ... (וויל זי קושען).

ב ע ר ט ע (שטויסט איהם אָב) : דאָס טאָר מען ניט.

ב אָ ר י ס : פאַר וואָס?

ב ע ר ט ע : עס איז נאָך צו פריה.

ב אָ ר י ס : ווען דען יאָ?

ב ע ר ט ע (לאַכענדיג) : שפּעטער, שפּעטער, ווען איהר וועט ווערט זיין!

ב אָ ר י ס (מיט ברענענדע אויגען) : פאָרט ווען? רעד ווערטער...

(עס עפענט זיך די טהיר און עס געהט אַריין דאָס שטוב־מיידעל).

ש ט ו ב ־ מ י י ד ע ל (צו באָריסען) : נאָט אייך. דאָ האָט איהר דאָס.

ב ע ר ט ע (וויקעלט פאַרנאַנדער די פּאַפּיערען) : זעהר גוט, כ׳וויל טאקע עסען!

ש ט ו ב ־ מ י י ד ע ל : עס איז ניט פאַר אייך.

ב ע ר ט ע (ווענדענדיג זיך צו באָריסען מיט א שמייכעל): עס איז ניט פאַר מיר, באָרים?

באַריס (רויט ווערענדיג): פאר אייך, פאר אייך! עסט געזונטערהייט, זאָל איך וואויל בעקומען!

דאָס שטוב־מיידעל (אונטער דער נאָז): סאַ־רא מין גוט־לעבען! פונקט ווי נאָך דער חתונה... (זי געהט אַרוים).

(בערטא הויבט אָן עסען און באַריס קוקט אויף איהר מיט פייערדיגע בליקען).

באַריס: בערטע, זאָג וואָס וועט זיין די ענדע?

בערטע (עסענדיג): די ענדע וועט זיין זעהר גוט: איך וועל פריהער אָבעסען, טיי וועט דאָך מסתמא אויך זיין, וועל איך פערטרינקען, און וועל געהן א היים זיך לעגען שלאָפען.

באַריס: און ווער וועט זיך דיר חלומען?

בערטע (שמייכלענדיג): דו געוויס ניט!

באַריס: אפשר יאָ!

בערטע: געוויים ניט!

באַריס: פאר וואָס?

בערטע: ווייל איך טראכט וועגען דיר קיינמאָל ניט.

באַריס: דאָס איז א ליעגען.

בערטע: אַן אמת!

באַריס (נאָך אַ קליין־שווייגען): בערטע! גענוג דיר צו שפאסען!

בערטע: איך האָב פיינד צו זיין ערנסט!

באַריס: עס מוז דאָך נעהמען אַן ענדע.

בערטע: אדרבא.

באַריס (פרעהליך): נו, כאָטש מאָרגען.

בערטע (שמייכלענדיג): לעגט אָב אויף איבער מאָר־גען: מאָרגען איז מאָנטאג — ניט קיין מזל'דיגער טאָג... (לאכט)

באַריס (אויפגערעגט): בערטע, בערטע! גענוג צו שפאסען! איך קען אָהן דיר א טאָג ניט לעבען... זאָג מיר דעם אמת, האָסט מיך ליעב?

ב ע ר ט ע (ערנסט): ליעב.

ב אַ ר י ס (אויפגעלעבט): אַ, מיין טייערע!... (וויל איהר פאַלען אויפ'ן האַלז)

ב ע ר ט ע (פערזאָרגט): אייל זיך ניט, מיין ליעבער! אמת איך האָב דיך ליעב, אָבער דאָך...

ב אַ ר י ס (נייגעריג): ערקלעהר מיר דעם „דאָך"...

ב ע ר ט ע (נאָך אַ קורצער פויזע קוקט איהם טיעף אין די אויגען אריין): זאָג מיר, באַרים, די וואַרהייט, וויפיעל פער־דיענסטו אַ מאָנאַט.

ב אַ ר י ס (פערלעגען): איך פערדיען ניט שלעכט... הייסט דאָס זאָגען גאַר אַ סך קען איך ניט... איך פערדיען 40 רובעל אַ חודש, און אמאָל מעהר...

ב ע ר ט ע (לאַכט): און אמאָל וועניגער...

ב אַ ר י ס (בעלעדיגט): וויינינגער קיינמאָל ניט.

ב ע ר ט ע: און פאַר 40 רובעל אַ חודש ווילסטו איך זאָל דיך ליעבען!...

ב אַ ר י ס (פערקרימט זיך): פע, בערטע! אזוי איז ניט שעהן צו רעדען. ווי קומט ליעבע צו געלד? מיר וועלען אָהן געלד גליקליך זיין... וועלכע פערליעבטע קוקען דאָס אויף געלד?

ב ע ר ט ע (שמייכלענדיג): נארעלע! וואָס איז זיך דאָ צו נאַרען! ראָמאַנען לעז איך טאַקע אַלע שבת גלייך מיט דיר. איך ווייס אָבער, אז די ראָמאַנען־מאַכער זיינען גרויסע ליגנער, די „מעשיות" טראַכטען זיי אויס פון קאָפּ.

ב אַ ר י ס (אומעטיג): דו גלויבסט גאָרנישט אין ליעבע?

ב ע ר ט ע: איך גלויב ניט אין שדים און מתים (לאַכט).

ב אַ ר י ס: ביזט אַ הארטע!

ב ע ר ט ע: וואָס דען האָסטו געוואָלט? איך זאָל זיך לאָזען קנעטען ווי טייג... אַ ווייכינקע! איך האָב פיינד ווייכינקע!

ב אַ ר י ס (גערט אום הין און צוריק איבער'ן צימער, ענד־ליך שטעלט ער זיך אַוועק געגען בערטען, לעגט ארויף די האַנד אויף איהר פּלייצע און זאָגט): הער, בערטע — איך וויים דאָך, דו ווילסט גוט לעבען, דו ווילסט קיין נויט ניט ליידען, דו ווילסטו פערגניגען האָבען, ווילסט לעבען ווי אַ יונגער מענש דאַרף לעבען, — איך שווער דיר, אז מיט מיינע לעצטע כחות וועל איך דיר זעהן צופריעדען שטעלען, וועסט גליקליך לעבען... גליקליך...

ב ע ר ט ע (טראַכט אַ ווײַלע): ווייסטו גאַר וואָס? צו וואָס דאַרפסטו מיר שווערען, ווי אַ אידענע, און איך זאָל קלער־רען: צי גלויבען דיר צי ניט — בעוויז עס פּאַקטיש...

ב אַ ר י ס (אויפגעלעבט): אודאי וועל איך עס בעוויי־זען, וועסט גליקליך זיין.

ב ע ר ט ע: ווען?

ב אַ ר י ס: גלייך ווי מיר האָבען חתונה.

ב ע ר ט ע: און, טאָמער ניט, וועל איך זיך מיט דיר געהן גט'ן!... ניין! נאַרעלע — דאָס וועט מיר ניט לוינען. אַ גרושה איז שוין ניט אזא סחורה ווי אַ מיידעל... און אַ גרושה וועסטו זיך ניט פערליעבען אזוי שטאַרק...

ב אַ ר י ס: איז וואָס־זשע ווילסטו?

ב ע ר ט ע: דו זאָלסט אַ מאַכען אַ רעפּעטיציע...

ב אַ ר י ס: וואָס הייסט עס?

ב ע ר ט ע: איך וועל דיר ערקלעהרען, הער נאָר מיט קאָפּ! אין טהעאַטער ביזטו דאָך געוועזען. האָסטו געזעהן ווי אזוי אויפ'ן סצענע שפּיעלט יעדער אקטיאָר זיין ראָליע געשיקט און קלוג... פון וואַנען קען ער עס? ווי אזוי געהט עס צו ביי איהם אזוי גלאַט און פיין, אז דאָס פּובליקום קוועלט גאָר אַן... פון וואַנען, ווייסטו?

ב אַ ר י ס: אודאי וויים איך: זיי זיינען געראָטענע מענשען, טאַלאַנטען...

ב ע ר ט ע : גנעראַטענקייט און טאַלאַנט איז נאָך ווייניג... מען דאַרף האָבען פּראַקטיק אויך. פּראַקטיק איז דער עיקר... די אַקטיאָרען געהען ניט גלייך אויפ'ן סצענע שפּיעלען פאַר'ן פּובליקום, נאָר זיי מאַכען אַ צייט פריהער רעפּעטיציעס— פערשטעהסט? און ביז וואַנען די רעפּעטיציע גיט זיך ניט איין, האָבען זיי קיין העזה ניט ארויס צו געהן אויפ'ן סצענע פאַר'ן פּובליקום...

ב אַ ר י ס (פערוואונדערט) : קענען וואָס זאָגסטו דאָס...

ב ע ר ט ע (ערנסט) : איך זאָג עס קענען חתונה האָבען; דאָס איז אַ שווערע דראַמע, פערשטעהסט, און אַ דראַמע ניט אויף אַ נאַכט, נאָר אויפ'ן גאַנצען לעבען... און דו ווילסט גלייך אָנהויבען שפּיעלען, נאָר אָהן רעפּעטיציע! אַזאַ חוואַט ביזטו...

ב אַ ר י ס (פערלעגען) : איך פערשטעה אַלץ ניט...

ב ע ר ט ע : איז טאַקע ניט גוט... איך פערשטעה בעסער פאַר דיר, כאָטש איך האָב לאַנגע האָר און קורצען שכל... הער באַריס! קיין גדן האָב איך ניט, און טאָמער וואָלט איך האָבען, וואָלט איך דיר אויך אַ פייג געגעבען... ווי אַזוי וועסטו זיך איינאָרדנען? ווי אַזוי וועסטו דינגען אַ וואָהנונג, צו וועניגסטענס פון דריי צימערן? וואו וועסטו נעהמען אַ טיש, בעטען, שטוהלען און אַלמער, אַ קאָמאָד און נאָך? האָסט אפשר אַ רייכע משפּחה?

ב אַ ר י ס (פעסט) : עס וועט אַלץ זיין...

ב ע ר ט ע : נו, אדרבא בעוויז... מאַך אַ רעפּעטיציע: דינג אַ וואָהנונג האָטש אויף אַ חודש. גיעב מיר אַלע טאָג געלד פיהרען דאָס הויז, איין מאָל אין וואָך נעהם מיר אין טהעאַטער, אויב דו וועסט אויסהאַלטען אַזוי אַ חודש בין איך דיינע, ביזטו אַ טאַלאַנט און קענסט שפּיעלען אַזאַ שווערע דראַמע.

ב אַ ר י ס (לאַכט כלומר'שט) : אַן איינפאַל אביסעל... חאַ־חאַ־

חאַ ! אַ רעפּעטיציע, ווי אַזוי צו לעבען נאָך דער חתונה... מיינסט עס ערנסט ?...

ב ע ר ט ע : נאָר ניט ד אַ ס, וואָס דו מיינסט... אין אַ רעפּיטיציע לאָזט מען קליינינקייטען דורך...

ב אָ ר י ס : איך מיין ניט קיין בייז, מיין קלוגע בער־טעלע... איך ווייס וואָס אַ רעפּעטיציע בעדייט.

ב ע ר ט ע : אויב דו ווייסט איז גוט, נאָר טאָמער וואָלסטו ניט געוואוסט, ווייס איך... נו, איז וואָס בלייבט ? נעמסט זיך אונטער צו מאַכען אַ רעפּעטיציע ?

ב אָ ר י ס : אָח, מיט'ן גרעסטען פערגעניגען... מאָרגען הייב איך אָן, וועסט מיר העלפען ? יאָ, בערטעלע ?

ב ע ר ט ע : קויפען וועל א י ך און ד ו וועסט געלד געבען...

ב אָ ר י ס : גוט—גוט...

ב ע ר ט א : אַלזאָ בלייבט עס אַזוי ?

ב אָ ר י ס איך בין גרייט...

ב ע ר ט ע : געדענק־זשע זאָלסט אויספיהרען...

ב אָ ר י ס : איך בין זיכער...

ב ע ר ט ע : נו, געה איך יעצט אוועק, אַ גוטע נאַכט (זי דערלאַנגט איהם די האַנד).

ב אָ ר י ס (וויל זי אַ קוש טהאָן, בערטא שטויסט איהם אָב און פליהט אַרויס).

ב אָ ר י ס (אַליין) : נו אַ קאָפּ ! זאָל זי !.. (ער שמוי־כעלט) איך וועל עס אויספיהרען ! יאָ, יאָ ! אַ רעפּעטיציע ! חאַ־חאַ־חאַ !... נו, אַ קאָפּ !... זאָל זי !...

(פאָרהאַנג).

צווייטער אקט.

(די סצענע שטעלט פאָר אַ גרויס מעבלירט צימער, אין מי־טען שטעהט אַ קיילעכדיגער טיש, ארום איהם פיער שטוה־לען, ביי אַ וואַנד — אַ ווייכע קושעטקע, רעכטס פון צי־מער געפינט זיך אַ טהיר, וואָס פיהרט אין נאָך אַ קליין צימערל, באַרים געהט אום הין און צוריק איבער'ן צימער, רייבט דעם שטערן, מאַכט צו די אויגען, עפענט זיי, בע־טראכט אַ שטוהל, דעם טיש און ברומט אַלץ: ניין, ניין. עס הערט זיך קלאַפּען אין טהיר. באַרים שטעלט זיך מיט'ן פּנים צו דער טהיר און פרעגט אונרוהיג):

באַרים: ווער איז דאָרט?

אַ גראָבע שטימע: איך.

באַרים (לייכטער אָבעטהעמענדיג): זעלצער? געה אריין!

(עס געהט אריין א יונגער מענש פון 25 יאָהר, אָרים, אָבער ריין און פראנטויש געקליידט. ווארפט אום זיינע בליקען איבער'ן צימער, קוועטשט מיט די פּלייצעס און פרעגט):

זעלצער: וואָס בעדייט עס אַלץ, באַרים?

באַרים: זעץ זיך, איך וועל דיר דערצעהלען. נאָר אייל זיך ניט.

זעלצער: וואָס זעהט מען דיר עס ניט ערגעץ, ביזט אַ גביר געוואָרען — דיר שטעהט שוין ניט אָן צו האָבען גע־שעפטען מיט אונז, קבצנים?

באַרים (מיט איראָניע): עס קען זיין.

זעלצער: שוין לאַנג, אז דו וואָהנסט אין אזא רייכען צימער?

באַרים: שוין אַ מאָנאט (זיפצט).

זעלצער: וואָס־זשע זיפצסטו, גוטער ברודער? דאכט

זיך חוץ דיין שאדען אויף מיר געזאגט געווארען...

ב אָ ר י ס (טאַפּט זיך די טאַש): האסט אפשר א פּאפּי־ראָס.

ז ע ל צ ע ר: גראדע ניט — איך האָב געוואלט ביי דיר בעטען. פון אלע גליקען האסטו ניט קיין פּאפּידאָס, הייסט עס...

ב אָ ר י ס: איך בין א גרויסער בעל־הוצאה. איך האָב דאָך שוין א וויי...

ז ע ל צ ע ר: א וואָס?

ב אָ ר י ס: גאָר נישט (געהט איבערן צימער).

ז ע ל צ ע ר (קוקט זיך אום): זאָג מיר, וואָס איז דאָר־טען פאר א שלאַפצימעריל?

ב אָ ר י ס (אין פערלעגענהייט): גאָר נישט... גאָר נישט....

ז ע ל צ ע ר: נו, אויב דו האָסט פאר מיר סודות וויל איך מיט דיר ניט רעדען — אדיע! (ער שטעלט זיך אויף און שטרעקט אוים די האַנד).

ב אָ ר י ס: זיי ניט קיין נאר! (האַלט איהם אָב) וואָס ווילסטו וויסען? דאָ איז קיין סודות ניטאָ, א צרה איז דאָ יע פאַרהאַן, אבער ניט קיין סוד... א גרויסע צרה...

ז ע ל צ ע ר: דערצעהל דעם סוד, דיין צרה — אבי דערצעהל.

ב אָ ר י ס: קאָנסט דאָך בערטהען?

ז ע ל צ ע ר: נו? וואָס איז דאָ די צרה? דאכט זיך א גאנץ וואָהל מיידעל...

ב אָ ר י ס: איך האָב אויך אזוי געמיינט... פערקעהרט— איך האָב געמיינט, אז קיין גרעסערעס גליק איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, ווי צו האָבען חתונה פאר אזא מיידעל ווי בערטהע איז.

ז ע ל צ ע ר (ערשטוינט): דו האסט מיט איהר שוין חתונה געהאט?

באריס: שרעק זיך ניט... איך קען נאך חרטה האָבען... עס איז נאָר א רעפעטיציע!...

זעלצער: ווי הייסט א רעפעטיציע?

באריס: פשוט א רעפעטיציע ווי צו געבען א ווייב ברויט עסען, א דירה און נאך אזעלכע זאכען...

זעלצער (לאכט): אן איינפאל, ווי איך בין א איד, וועמעס אויפטהו איז דאס? מסתמא איהרער — דאס איז א קעפעלע!...

באריס: וואס דען האסטו גערעכענט, אז עס איז מיין אויפטהו. מיר וואלט אזא חכמה קיינמאל אין קאפ ניט אריינגעפאלען...

זעלצער: נו, איז זי צופריעדען... קענסטו געבען ברויט א ווייב?...

באריס: יא—איך בין שוין א בעל־חוב איבער הונדערט רובעל... (קראצט זיך אין קאפ).

זעלצער (מיט איראָניע): אזא חכם, הייסט עס ביזטו... נו, וואס וועט זיין ווייטער?

באריס: ווייטער איז ניט גוט... זי דארף באלד קומען און וועט אודאי וועלען חאטש מארגען צו דער חופה געהן... א קלוגע איז זי אפילו, נאר פארט ווייבערשער שכל — וואו איך האב גענומען דעם גאנצען חודש געלד, קען זי דאך ניט פערשטעהן...

זעלצער: א שאד פון דעסטוועגען איינלאזען בערטען...

באריס (מיט יאוש): עט... גלויב מיר ברודער, אז עס איז א נארישקייט, צום אנהייב האב איך געמיינט, אז איך וועל זיין דער גליקליכסטער מענש, אויב בערטע וועט זיין מיינע, און יעצט אז זי איז שוין כמעט ווי מיינע, איז מיר דאס לעבען ניט ניחא... וואס איז דא פאר א גליק? חתונה האבען און א גאנץ לעבען אזוי שווינדלען, דרעהען מיט'ן מח וואו צו

לייהען, וואו צו באָרגען, ניט האָבען קיין בערוהטע מינוט... היינט נאָכדעם — קינדער, א גרעסערע הוצאה... עס פאַלט אַן א פּחד!

ז ע ל צ ע ר : אביסעל איז דאָס אמת... (פּויזע) איז וואָס רעכענסטו קיינמאָל ניט חתונה האָבען?

ב אָ ר י ס : וואו איך וועל ניט זיין אין שטאַנד גוט צו פּערדיענען, אז מיין פרוי זאָל קענען גוט לעבען אָהן שווינד־לערייען, אָהן קאָפּ דרעהעניש, וועל איך טאַקע ניט חתונה האָ־בען... ט אָ ר איך ניט חתונה האָבען.. די רעפּיטיציע האָט מיר בעוויזען, ווי אזוי מ י ר טאָרען קיינער ניט חתונה האָבען..

ז ע ל צ ע ר : עמיצער געהט דאַכט זיך...

ב אָ ר י ס (ערשראָקען) : דאָס איז ז י. געה יעצט אוועק, איך בעט דיך, איך דאַרף מיט איהר רעדען, און פאַר א זייטיגען מענשען וועל איך ניט קענען...

ז ע ל צ ע ר : אודאי אזוי (אָב).

(בערטע פליהט אריין מיט אַ פרעהליכען שטראַהלענדען גע־זיכט, דערלאַנגט באָריס'ן די האַנד און זעצט זיך אויף אַ שטוהל).

ב ע ר ט ע : אוי, בין איך דאָס מיעד!...

ב אָ ר י ס : וואו ביזטו דאָס אזוי אומגעלאָפען!

ב ע ר ט ע : ווייס איך, אהער, אהין... איינקויפען... וואָס ביזטו עפּעס צעטראָגען.

ב אָ ר י ס : איך בין אויך עפּעס מיעד —

ב ע ר ט ע : נו, אויב דו ביסט מיעד וועל איך יעצט מיט דיר ניט רעדען.

ב אָ ר י ס : וואָס האָסטו געוואָלט רעדען?

ב ע ר ט ע (מיט אַ שמייכעל) : היינט ענדיגט זיך דאָך אונזער רעפּעטיציע...

ב אָ ר י ס : איך ווייס.

ב ע ר ט ע (געהט צו צו איהם נאָהענט און לעגט איהם ארויף די האַנד אויפ'ן פּלייצע): ביזט א חוואט, איך האָב דיך ליעב...

ב אַ ר י ם (מיט שמיכעל): איך וועל קענען שפּיעלען די ראָלע? הא?

ב ע ר ט ע: יאַ — יעצט גלויב איך דיר. דעם חודש האָסטו מיך אויסגעהאַלטען מיט אַלע פערגעניגענס, טעאַטער אפילו האָט אויך ניט געפעהלט...

ב אַ ר י ם (לעגט איהר ארויף די האַנד אויפ'ן פּלייצע): בערטעלע, קענסט מיר אפשר לאָזען אָברוהען... איך בין זעהר מיעד פון דער רעפּעטיציע, דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר...

ב ע ר ט ע (ערשטוינט): ווי הייסט?

ב אַ ר י ם: ווילסט וויסען דעם אמת...

ב ע ר ט ע: אודאי דעם אמת...

ב אַ ר י ם: נו, טאָ וויס, אז די רעפּיטיציע איז טאַקע זעהר נויטיג געווען... איצטער זעה איך, ווי ווייט עס איז שווער, ווי ווייט איך קען ניט שפּיעלען... איך קען ניט!...

ב ע ר ט ע (סאַרקאַסטיש): הייסט עס, האָסט חרטה?

ב אַ ר י ם: יאַ, בערטעלע איך האָב חרטה, און דער עיקר — איך האָב מורא... זיי מיר געזונד און א דאַנק דיר פאַר דיין לעקציע, וואָס דו האָסט מיר געגעבען, זי האָט מיר אפשר געקאָסט א סך געלד, אבער עס איז ווערטה, זעהר ווערטה... (ער לאָזט אראָב דעם קאָפּ און פערטראַכט זיך).

ב ע ר ט ע (שפּרינגט אויף פון אָרט, קוקט זיך איבער אַלע פיער ווינקלען. גיט אַ שפּיי, לאַכט זיך פערנאַנדער און שרייט אויס): מאוסער טרוס... חאַ־חאַ־חאַ.

(זי לויפט ארויס).

פאָרהאַנג פאַלט.

דעם שדכנ'ס טאָכטער.

פערזאנען:

בּטע חייקין, א איד פון מיטעלע יאָהרען, מיט א ברייטער באָרד, ערטערווייז גראָה, מיט ריהרעוודיגע חיטרע אויגען; געהט זויבער געקליידט, האַלב נייַ־מאָדיש — האַלב אַלט־מאָדיש; רעדט מיט א געדיכטער שטימע, — א שדכן.

ציפּע, א אידענע, אויך אין די מיטעלע יאָהרען, נאָר זעהט אויס פערעלטערט, דאָס פּנים איינגעשמירט אין סאַזשע; עס זעהען זיך אַרויס איהרע גוטע מוטערליכע אויגען, רעדט שטיל און בנעימות'דיג — זיין פרוי.

קיילע, א מיידעל פון א יאָהר 22, מיט אַן אָריגינעלען געזיכט, שווארצע, קלוגע, אויסדרוקספולע אויגען, געקליידט אָרי־גינעל, כּאָטש איינפאַך; רעדט מיט א זאַנפטער שטימע, אָבער גענוג איבערציייגענד; שנעלע, נערוועזע בעוועגונגען — זייער טאָכטער.

חייקעלסאָן, א בחור פון א יאָהר 28, א לעהרער, שרייבט אויך ליע־דער, שדכנט זיך צו קיילען.

הערמאַן ליכטענשטיין, א בוכהאַלטער אין א באַנק, געהט רייך גע־קליידט, א שעהנער ברונעט פון א יאָהר דרייסיג.

בערטע	}	
ליזע	}	יונגע מיידלעך, קיילעס חבר'טעס.
ראָזע	}	

די סצענע קומט פאָר אין אַ גרויסער פּראָווינציעלער שטאָדט, אין די לעצטע יאָהרען. די סצענע שטעלט פאָר אַן עס־שטוב; אין מיטען אַ גרויסער טיש צוגעדעקט מיט אַ טישטוך, ארום טיש—שטוהלען; ביי אַ וואַנד אַנטקעגען פּובליקום אַן אַלטע קושעטקע, איבערגעצויגען מיט אַ שווארצע סאראטע; אויף די וואַנד הענגט אַ זייגער, אַ שפּי־געל, אַ פּאָר אידישע בילדער. רעכטס פון צימער זעהט זיך אַ טיר, וואָס פיהרט אין קליינעם צימערעל; לינקס — אַ צווייטע טיר פון דעם פאָטערס שלאָף־צימער.

ווען דער פאָרהאַנג עפענט זיך, געפינט זיך אויף דער סצענע קיילע, איהרע דריי חבר׳טעס און חייקעלסאָן.

קיילע (צו חייקעלסאָנען): נו, הערר פּאָעט, האט איהר עפּעס אָנגעשריבען שעהנע לידער פאר דער לעצטער צייט?

חייקעלסאָן (פערוווירט) ניין: עס איז געוועזן צו שעהנע טעג. די זון האט אזוי געשיינט...

קיילע (צולאכט זיך, קוקענדיג אויף די חבר׳טעס): געפעלט אייך א פּאָעט: עס איז געוועזן צו שעהנע טעג, איז א חסרון! ווען דען זינגט איהר?

חייקעלסאָן: איך זינג נאר ווען עס איז טריב און קאלט — אממעהרסטען ווען עס רעגענט...

קיילע: א פּאָעט פון רעגען... הא־הא־הא! איך פער־שטעה עס ניט...

ליזע (ערנסט): איך פערשטעה עס יא: דער הערר חיי־קעלסאָן איז מעהר געשטימט אין א שלעכטען וועטער.

ר א ז ע : און איך האָב א בעקאַנטען פּאָעט, שרייבט ער דוקא נאָר אין זונען־טעג. איז א שעהנער טאָג, ווייס איך שוין, וועט ער מיר ברענגען א נייע געדיכט.

ק י י ל ע : אַלע זייערע געדיכטען זיינען נאַריש. אמת, חייקעלסאָן? איהר האָט דאָך ליעב דעם אמת.

ח י י ק ע ל ס א ן (בעליידיגט): פאַר אייך שרייבען מיר ניט. (שפּיעלט זיך מיט'ן בוך אין דער האַנד).

ק י י ל ע (לאַכענדיג): אָ, ער האָט זיך שוין בעליידיגט פון מיין קריטיק! זייט רוהיג, איך דרוק מיין מיינונג ניט אָב.

ח י י ק ע ל ס א ן : פּרובט וועלען דרוקען, וועט מען אויך ניט אָננעהמען ניט אַלע נאַרישקייטען דרוקט מען... (לעגט אַוועק דאָס בוך).

ק י י ל ע : נו, פּעטערקע, רעכענט אייך, אז איהר האָט א טעות: מען דרוקט ביי אייך אַזוינע נאַרישקייטען, אַזש די אויערן פּוילען! (צו די חבר'טעס) איהר קענט העניע פּייטעל־זאָהן — איהר ווייסט וואָס פאַר א מין אידיאָטקע דאָס איז — איז זיך די דאָזיגע אידיאָטקע מישב און הויבט אָן צו שרייבען.

ב ע ר ט ע : אָט די אידיאָטקע אין די ברילען?

ק י י ל ע : אָט די אידיאָטקע אין די ברילען! פאַרגעס־טערן קומט זי צו געהן צו מיר און ווייזט מיר א קאַרטעל פון א רעדאַקציע, און מען מעלדעט איהר, אז איהר ערצעהלונג איז העכסט געלונגען און עס וועט זיין אין גיכען געדרוקט. איצט וועט זי שוין אָנטאָן צוויי פּאָר ברילען! (לאַכט).

ח י י ק ע ל ס א ן (ערנסט): פרייליין פּייטעלזאָהן האָט יאָ טאַלענט — איך קען זי זעהר גוט.

ל י ז ע : פונדעסטוועגען זעה איך אייך זעלטען מיט איהר אַרומגעהן.

ח י י ק ע ל ס א ן : דאָס איז עפּעס אַנדערש; פאַר מיר איז זי ניט אינטערעסאַנט.

ק י י ל ע: אדרבא, דוקא ז י דאַרף זיין אינטערעסאַנט פאַר אייך: מיט איהר קענט איהרריידען וועגען ליטעראַטור. וואָס זיינען מיר פאַר אייך, אָרימע שטערבליכע!

ח י י ק ע ל ס אָ ן (מיט עקסטאַז, וועגדענדיג זיך בלויז צו קיילען): פאַר מיר זענט איהר אליין אַ ליעד! (פערשעמט זיך).

ק י י ל ע (מיט אַ גוטען געלעכטערל): איהר הערט, מייד־לעך, — איך אליין בין אַ ליעד! — שיקט מיך אַקאָרשט ניט אוועק אין אַ רעדאַקציע אבצודרוקען. (פון שלאָף־צימער הערט זיך אַ הוסטען). זעהט איהר, איהר האָט אויפגעוועקט מיין טאַטען... ער וועט אייך דערזעהען, וועט ער ווידער אויף מיר אָנפאַלען: מיין טאַטע האַלט ניט פון פּאָעטען...

ח י י ק ע ל ס אָ ן (בעדייטענד): מיר זיינען פאַר איהם שעדליך. מיר זינגען די ליעבע, און פאַר איהם איז ליעבע סם!

ב ע ר ט ע: פאַרוואָס?

ל י ז ע: איך פערשטעה וואוהין חייקעלסאָן ציעלט.

ר אָ ז ע: און איך ניט.

ק י י ל ע (הויך און פריי): מיין טאַטע איז אַ שדכן — אַ גרויסער געגנער פון דער ליעבע. עס איז גאַנץ נאַטירליך...

ח י י ק ע ל ס אָ ן (איראָניש): און איהר זענט דעם שדכנ'ס אַ טאָכטער... איהר האַלט אויך ניט פון ליעבע.

ק י י ל ע (שפּאַסענדיג): אַלענפאַלס ניט פון אייער ליעבע צו מיר...

ח י י ק ע ל ס אָ ן (בעליידיגט): ווער האָט אייך דען געזאָגט, אַז איך בין פערליעבט אין אייך...

ק י י ל ע: אייערע אויגען. (צולאַכט זיך).

(דער פאָטער שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון טיר. די צוויי חבר'טעס לאַכען זיך פונאַנדער. קיילע דראָהט זיי מיט די פינגער. זיי קענען זיך ניט איינהאַלטען און לויפען אַרויס ניט זעגענענדיג זיך. חייקעלסאָן וויל אויך אַרויס־

געהן, נאָר נאָטע חייקין, דער פּאָטער, געהט ארויס צו זיי און קנאַקט הויך די פינגער).

ח י י ק ע ל ס א ן (פערוויירט): א גוט מאָרגען !...

ד ע ר ש ד כ ן: מען דארף שוין באלד מנחה דאווענען און איהר זאָגט: גוט־מאָרגען. מען קען שוין זאָגען: גוט־נ'אָווענד...

ק י י ל ע: דער הערר חייקעלסאָהן איז א פּאָעט און איז שטענדיג צוטראָגען...

ד ע ר ש ד כ ן: א פּאָעט... וואָס איז דאָס א פּאָעט?... א שלימזל, וואָס...

ק י י ל ע (לאכט): אָ, ווי דער טאַטע פערשטעהט גוט, וואָס א פּאָעט איז.

ח י י ק ע ל ס א ן (בעליידיגט): א שדכן, וואָס האנדעלט מיט ליעבע, פערשטעהט אודאי וואָס א פּאָעט איז... חאָטש, צוריק גערעדט, פּאָעטען קומען צו שדכנים קיינמאָל ניט אָן...

ד ע ר ש ד כ ן (מיט פעראכטונג): ווער דארף אייך האָבען...

ח י י ק ע ל ס א ן (הויבט זיך אויף פון פּלאַץ): האָט מיר א גוטען...

ד ע ר ש ד כ ן (סארקאסטיש): געהט געזונד...

ק י י ל ע (דערלאנגט חייקעלסאָנען די האַנד): קומט ארויף אמאָל, מיין ליעבער פּאָעט...

ד ע ר ש ד כ ן (נאָכדעם ווי חייקעלסאָן געהט ארויס): דארפסט איהם האָבען, דעם שלימזל. צו וואָס טראָגט ער אזא קאָפּ האָהר?...

ק י י ל ע שמייכלענדיג): א שדכן קען דאָס ניט פערשטעהן...

ד ע ר ש ד כ ן: אָט, דיינע בעקאנטע.... אז אַך און וועה צו דיר, טאָכטער!

קײלע: נו, אדרבא, דו האסט דאך עפּעס א בוך מיט יונגעלייט — גיב מיר עפּעס איינעם א רעכטען...

דער שדכן: פאר דיין פיהרונג װעסטו טאקע גריי־גען א רעכטען...

קײלע (שפּאסענדיג): גיב טאקע א חתן... גיב, גיב א חתן...

דער שדכן (בייז): אװעק פון מיר! איך האב חוץ דיך, װעמען צו געבען חתנים!

קײלע: גיסט ניט? װי דו װילסט זיך! (פערטראכ־טענדיג זיך) איך האב שוין אליין געפונען...

דער שדכן: אט דעם שלימזל מיט די לאנגע האהר?

קײלע: א, ניין, טאטינקע, א פיעל בעסערען: א הויכער, א שעהנער, א רייכער...

דער שדכן (פעראינטערעסירט): װאו האסטו איהם געקראגען?

קײלע: פאריגע װאך בין איך געװען אויף א קאנ־צערט, האב איך זיך מיט איהם בעקענט... ער האט מיך בע־גלייט ביז צו דער טיר...

דער שדכן: גוט נאך, װאס ניט ביז'ן צימער דיי־נעם. אויף דיר קען מען אלץ גלויבען...

קײלע: היינט פארנאכט דארף ער קומען צו מיר... זאלסט איהם, טאטע, נאר ניט בעליידיגען: ער איז ניט קיין פּאעט... הערסט!...

דער שדכן: מיינע דאגות! איך האב װיכטיגערע זארג!.. (פערקנייטשט דעם שטערן און פערקלערט זיך שװער — א קליינע פּויזע) אט װען איך פיהר אוים דעם שידוך, װאס איך האב די לעצטע צייט אנגעהויבען צוריידען דער פאמיליע גרינ־שפּאן...

קײלע: א רייכער שידוך?

דער שדכן: איך וואָלט געפּאַקט אַ פינף הונדערט קערבלעך... פערשטעהסטו מיך, פינף הונדערט קערבלעך!...

קיילע: נו, עס געהט צו שווער?

דער שדכן: נישקשה, דער חתן לאָזט זיך ריידען... עס געהט אַ גאַנג... איך דאַרף טאַקע באַלד אַריבערגעהן צו איהם. אַך, ווען גאָט העלפט מיר אויספיהרען דעם שידוך! איך בין אַזוי פערענגט אין געלד... אַזוי פערענגט אין געלד, אַזוי פער־ענגט...

קיילע: גאָט וועט העלפען... נעהם זיך אויף אַלע כלים, קענסט דאָך עפּעס!

דער שדכן: יאָ, מען דאַרף אַרבייטען... (ווענדעט זיך צום קיך) ציפּע, ציפּע, וואָס פּאַרעסטו זיך דאָרטען אין קיך? קום אַריין!

(עס ערשיינט ציפּע).

ציפּע: וואָס דאַרפסטו מיך?

דער שדכן: מאַך אַ גלעזעל טיי... איך דאַרף באַלד געהן...

ציפּע: טאַקע אַלץ וועגען יענעם שידוך?

דער שדכן (מיט רוגזא): וועגען יענעם שידוך, וועגען יענעם שידוך... איהרע עסקים!...

ציפּע (מיט אַ פרומער מינע): גאָט זאָל געבען, אַז די כלה זאָל געפינען חן אין חתן'ס אויגען! מען דאַרף אַזוי נויטיג געלד... אין יאַטקע אַליין בין איך שולדיג שוין איבער 30 קערבלעך...

דער שדכן (בייז): נעה שוין, נעה שוין, מאַך אַ גלעזעל טיי!

ציפּע (צוריקגעהענדיג): און פאַר דירה דאַרף מען שוין אויך נאָך שבת צאָהלען... (אָב).

ד ע ר ש ד כ ן (פערטראכט זיך שווער, רעדט ווי צו זיך): אז איך פיהר אוים דעם שידוך, וואָלטען זיך געעפענט די אויגען! די אויגען וואָלטען זיך געעפענט. (געהט אום איבער'ן צימער, קנאַקט מיט די פינגער).

צ י פּ ע (אריינטראָגענדיג אַ גלאָז טיי און אַוועקשטעלענדיג אויפ'ן טיש): טרינק, נאַטע, פרישער טיי, ערשט פערשאַטען... טרינק אָב און געה טאַקע אריבער וועגען שידוך...

ד ע ר ש ד כ ן: אַט געה שוין געה, איך ווייס אַהן דיר. (ציפּע אָב).

ק י י ל ע קוקענדיג דאָ אויפ'ן וואנד־זייגער, דאָ אין שפּיגעל): טאַטע, געהסט שוין באלד, הא?

ד ע ר ש ד כ ן: אַנטקעגען וואָס פרעגסטו?...

ק י י ל ע (אויפגערעגט): אַט אַזוי... אפשר קומט ער באלד... ער האָט צוגעזאָגט היינט קומען... (שמאָלצער) אז דו ווילסט מיר קיין חתן ניט געבען, דארף מען דאך אליין נעהמען.. אמת, טאַטע?... (לאכט).

ד ע ר ש ד כ ן: דיינע חתנים! אודאי עפּעס אַ שאַרלאַטאַן, אָדער אזוי אַ טויגעניכטס...

ק י י ל ע: דאָס פערלאָז זיך שוין אויף מיר, איך בין דאָך עפּעס דיינע אַ טאָכטער... איך פערשטעה זיך אויף חתנים!

ד ע ר ש ד כ ן: פון מיינטוועגען קענסטו חתונה האָבען מיט אַ גאסען־יונג.. איך האָב בילכערע זאכען צו טראכטען... (הויבט זיך אויף פון אָרט און גרייט זיך צום געהן; צוקעמט ברייט די באָרד, טוט אָן דעם האַרטען הוט און האַלט שוין אין האַנד דעם אויבער־בגד אָנצוטהאָן. אין דער זעלבער צייט קוקט קיילע אין שפּיגעל און פעררירכט איהר פריזור. עס הערט זיך אַ שטיל קלאַפּען אין טיר).

ק י י ל ע (העכסט אויפגערעגט): אַט דאָס מוז ער געהן... געה, טאַטישי, אוועק. (לויפט צום טיר).

ד ע ר ש ד כ ן: איך וויל איהם טאקע אנקוקען...

(עס געהט אריין הערמאַן ליכטענשטיין, בעמערקט ניט דעם שדכן, דערלאַנגט מיט אַ שיינענדיג געזיכט קיילען די האַנד).

ל י כ ט ע נ ש ט י י ן: גוט־אַנ׳אָווענד, פריילין!

ד ע ר ש ד כ ן (מיט שרעק): דאָס איז דאָך ער, וועה איז מיר — דו חצופה! (ווענדט זיך צוטומעלט צו ליכטענשטיי־נען) גוט־נ׳אָווענד, גוט־נ׳אָווענד! זיצט... זיצט, פאַני ליכטענ־שטיין...

ל י כ ט ע נ ש ט י י ן (דערזעהט איהם, דערקענט איהם ניט גלייך). עפּעס א בעקאַנט פּנים... א בעקאַנט פּנים.. וואו האָב איך אייך געקענט זעהן?...

ק י י ל ע (לאַכענדיג): מיין טאַטען קענען א סך... ער איז פּאָפּולער ביי אַלע יונגע־לייט...

ד ע ר ש ד כ ן (צו קיילען שיפענדיג): שווייג, חצופה, שווייג! (צו ליכטענשטיינען) וואָס הייסט — איהר דערקענט מיך נישט?... איך בין דאָך פאַריגע וואָך ביי אייך געווען וועגען גרינשפּאַנס מיידעל... איהר האָט דאָך מיר געהייסען קומען צו אייך היינט נאָך א תשובה... (ליכטענשטיין בלייבט פערווירט; קיילע קוקט איהם אַן בייז; אַ קליינע פּאַוזע).

ד ע ר ש ד כ ן (צו קיילען): געה א ווײַלע ארויס. איך דאַרף מיט דעם הערר ליכטענשטיין עפּעס שמועסען.

ק י י ל ע (שטרענג): ליכטענשטיין איז ניט צו דיר, נאָר צו מיר געקומען...

ל י כ ט ע נ ש ט י י ן (קומענדיג צו זיך): ווירקליך, איך בין געקומען צו דער פריילין...

ד ע ר ש ד כ ן (צוטומעלט): עט... צו דער פריילין... וועלכע פריילין... דאָס איז דאָך מיינע אַ טאָכטער.. דאָס איז גיט די כלה... ס׳איז בלויז מיינע אַ טאָכער... ניט מעהר.

ל י כ ט ע נ ש ט י י ן (שמייכלענדיג גוטהערציג): יאָ!

אבער אייער טאָכטער געפעלט מיר מעהר ווי פריילין גרינ־שפאן...

קײלע (צום טאַטען, לאַכענדיג): הערסט, דער הערר ליכטענשטיין פערשטעהט בעסער ווי דו...

דער שדכן (שרעקליך אויפגערעגט): אוועק פון מיינע אויגען! (צו ליכטענשטיינען) דאַרטען ווארט מען אויף א תשובה... זיי צעהלען 5 טויזענד רובעל צו די תנאים...

קײלע (בייז): טאַטינקע, הער אויף וועגען נדן... דער הערר ליכטענשטיין האלט ניט פון נדן...

ליכטענשטיין: ווירקליך, ליעבער פריינד, עס איז ניט פאר מיר יענער שידוך... אייער טאָכטער איז מיר זעהר געפעלען געוואָרען: קלוג, שעהן און אריגינעל... איך האלט ניט פון געלד.

דער שדכן (צוטומעלט): דאָס פריילין גרינשפאן איז א העכסט געבילדעט פריילין, שפיעלט פיאנא, רעדט פראנ־צויזיש און...

קײלע: טאַטינקע...

דער שדכן (האקט איהר איבער): מיין טאָכטער, דעם אמת געזאָגט, איז ניט פאר אייך... אנ׳אמת האָב איך ליעב צו זאָגען אויף אן אייגענער טאָכטער... איך בין אַן אנדער סאָרט מענש...

ליכטענשטיין (לאכענדיג): יאָ, עס איז זעהר שעהן פון אייער זייט... אָבער איך האָב מיין בעזונדערן גע־שמאַק. אייער טאָכטער געפעלט מיר דאָך...

דער שדכן (פערגעסענדיג זיך אָן אַלץ): מיין טאָכ־טער איז שוין א כלה מיט א פּאָעט מיט לאַנגע האָהר... עס האלט שוין ביי תנאים!.. (ליכטענשטיין קוקט אָן פראגענד קײלען).

קײלע: טאַטינקע, דאָס איז שוין גאָר נישט שעהן... ווייסט דאָך, אז עס איז ניט ריכטיג... דער פּאָעט האָט גאָר מיך ליעב, איך איהם, ווייסטו דאָך, אז ניט.

ליכטענשטיין: אַ, איך בין ווייט ניט קיין פּאָעט און דאָך... (קוקט איהר אַריין ליעבליך אין די אויגען — קיילע שטראַהלט פאַר גליק).

דער שדכן (צוהיצט): מיין טאָכטער האָט ניט קיין קליידער, קיין נדן — פאַר איך איז דאָס ניט קיין כלה... איהר פערשטעהט...

ליכטענשטיין: אייער טאָכטער איז שעהן אָהן קליידער און רייך אָהן נדן... (קוקען זיך ביידע ליעבליך אָן). איי־בעריגענס האָב איך אליין א ביסעל געלד. איך בין גרייט אלץ אוועקצוגעבען איהר...

דער שדכן (איבערראשט): און וואו בין איך? א טאַטען קומט אויך עפּעס... איך גיב ניט אוועק מיין טאָכטער אומזיסט! איהר פערשטעהט!

ליכטענשטיין: איך פערשטעה... איך פער־שטעה... אז איך האָב ליעב אייער טאָכטער, האָב איך ליעב איך... איך וויל אייך ניט בעליידיגען. (נאָך אַ קורצער פּויזע) קענט איהר מיר ניט זאָגען, ליעבער פריינד, וויפיעל וואָלט איהר בעקומען, ווען איהר פיהרט אוים דעם שידוך מיט פריילין גרינ־שפּאן און מיר?

דער שדכן (אויפגערעגט): 5 הונדערט קערבלעך! איהר פערשטעהט! גאַנצע 5 הונדערט!

ליכטענשטיין: די סומע בעקומט איהר פון מיר, וויבאלד איהר גיט נאָר אייער ברכה...

דער שדכן (ווי שיכור פאַר גליק; הויבט אויף די הענד צום בענשען): איך ווינש אייך, איהר זאָלט...

קיילע (איבערשלאָגענדיג): מיר וועלען זיך בעגעהן אָהן דיין ברכה, טאַטע...

דער שדכן (לאכענדיג צופרידען): האָב איך אזא יאָהר, וואָס פאַר א כלה דאָס איז פאַר אייך... פריילין גרינשפּאן קומט אזוי צו איהר, ווי א קאַץ צו א לייב...

ליכטענשטיין: איך ווייס דאס אלץ אליין...

קיילע (לאכענדיג): און וואס זאגסטו אויפ'ן חתן, דו ביזט דאך א מבין?...

דער שדכן (ארויסגעהענדיג אין זיין ראָלע): דער חתן איז א מושלם, א שרייבער, א זינגער, א פארשוין און א פערדיענער.

ליכטענשטיין (לאכענדיג): אזוי בין איך פערשריבען אין ביכעל ביי אייך?

קיילע: טאטע, איצט געה זיך דורך אביסעל... איך האב מיט ליכטענשטיינען עפעס צו ריידען!...

דער שדכן: יא, קינדערלעך, איך וועל מיר דורכגעהן... (צו ליכטענשטיינען) אך, ס'א פערגניגען, וואס איך דארף צו אייך ניט געהן דולען אייך א קאפ מיט פרייליין גרינשפאן!

(פון קיך ווייזט זיך ציפעס קאפ).

ציפע (ניט זעהענדיג ליכטענשטיינען): פארוואס געהסטו שוין ניט, נאטע, אריין אהין וועגען שידוך... האסט דאך געדארפט געהן...

נאטע: ס'איז שוין אויס שידוך! אויס שידוך!

ציפע: וועה איז מיר — ווער האט דאס קאליע געמאכט?

(זי געהט אריין אין צימער און בלייבט פערשעמט.)

נאטע: וועה האט דאס קאליע געמאכט? — אונזער טעכטערל... זעהסט, זי האט צוגענומען דעם חתן... געה טו איהר עפעס!

ציפע (שטראהלענדיג פאר גליק): זאל זיין מיט מזל!
(ליכטענשטיין מיט קיילען קוקען זיך ליעבליך אָן, געהען לאנגזאם אריין אין קיילעס צימער. ציפע געהט אריין אין קיך. נאטע בלייבט שטעהן שטארק פערקלערט וועגען א טיעפען ענין. — לאנגע פויזע.)

(עס עפֿענט זיך די טיר און עס געהט אַריין דער פּאָעט חיי־קעלסאָן).

ד ע ר ש ד כ ן (קוקט איהם אָן מיט פֿעראַכטונג): חייקעלסאָהן איך האָב דאָ פֿערגעסען מיין בוך.

ד ע ר ש ד כ ן (חיטרע): מיר ווייסען, מיר ווייסען... מען פֿערגעסט דאָס בוך, כּדי נאָך אַמאָל צו קומען. אַבער, פּע־טערקע, אומזיסט...

ח י י ק ע ל ס אָ ן (שטאַרק פֿערשעמט ווערענדיג): איהר מישט זיך ניט... מיט אייך האָב איך קיינע געשעפֿטען ניט... מענשען, וואָס האַנדלען מיט די העכסטע געפֿיהלען...

ד ע ר ש ד כ ן (ווערט פֿלוצלונג בעגייסטערט מיט אַ אי־דעע. נעהמט אַריין די באָרד אין האַנד און זינגט עפּעס אַ ניגונדעל, וואָס ווערט געזונגען ביי אַ שווער שטיקעל גמרא).

ח י י ק ע ל ס אָ ן (גרייט זיך צו געהן).

ד ע ר ש ד כ ן (שנעל): שטעהט, שטעהט, יונגערמאַן! איך האָב אייך געוואָלט עפּעס זאָגען. שטעהט!

ח י י ק ע ל ס אָ ן (קעהרט זיך אום, קוקט דעם שדכן אָן פֿערוואונדערט און מיט שטאָלץ).

ד ע ר ש ד כ ן (בעטראַכט חייקעלסאָנען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס): הם... הם... (פֿערטראַכט זיך). גאָר נישקשה, גאָר ניש־קשה... כּ'לעבען, אַן ענין... (צו חייקעלסאָנען) זאָגט מיר, איך בעט אייך... זיצט... זיצט, למאי זאָלט איהר שטעהן... זיצט.

ח י י ק ע ל ס אָ ן (פֿערוואונדערט): עס שאַדט ניט.. עס שאַדט ניט...

ד ע ר ש ד כ ן (זעהר גוטהערציג): זאָגט מיר, איך בעט אייך... פֿון וואַנען זענט איהר אליין?...

ח י י ק ע ל ס אָ ן (מיט שטאָלץ): אַ ווילנער.

ד ע ר ש ד כ ן (צופֿרידען): אַזוי... אַ ווילנער... ווילנאַ איז אַ היבשע שטאָדט... איך קען ווילנאַ, ווילנאַ איז אַן אַלטע

יחום־שטאָדט... יאָ, ווילנאָ קען איך. (פויזע). און ווי אַלט זענט איהר?...

חייקעלסאָן: 25 יאָהר.

דער שדכן: ווי אזוי זענט איהר בעפרייט געוואָרען פון פריזיוו?

חייקעלסאָן (קורץ): אַ בן־יחיד.

דער שדכן (צופרידען): אַ בן־יחיד, הייסט עס... (חאַפּט ארויס דאָס ביכעל און שרייבט).

חייקעלסאָן (פערוואונדערט): אנטקעגען וואָס איז איז דאָס?

דער שדכן (געשעפטסמעסיג): דאָס איז שוין מיין געשעפט... איהר וועט באַלד הערען! (שמייכלענדיג זיס): זאָגט מיר, ווען איך גיב אייך אַ כלה, וואָלט איהר גענומען?..

חייקעלסאָן (פערווירט): אַ כלה... ניין! איך דאַרף ניט אַ כלה... דורך אַ שדכן... פאַר מיר פּאַסט דאָס ניט.

דער שדכן: עט, נאַרישקייטען! וואָס הייסט, פאַר אייך פּאַסט עס ניט... איך ווייס מעהר ניט, צי וועט דאַרטען פּאַסטען... זיי קלויבען דאָרט... די גרינשפּאַנס... (בעטראַכט איהם גענוי) הם... אַ גאַנץ פיינער בחור, כ'לעבען.. (בעמערקט די לאַנגע האָהר פון הינטען) זי זוכט נאָר אַ שעהנעם. יאָ, אָט דאָס מאַכט אייך קאַליע — די האָהר... צו וואָס טראָגט איהר אזוינע לאַנגע קודלעס? צו אַ שידוך איז דאָס גע'הרג'עט...

חייקעלסאָן (מיט הכנעה): די האָהר קען איך אָבשערען. איך האָב שוין לאַנג געטראַכט וועגען דעם...

דער שדכן: אָט וועט איהר זיין אַ חוואַט... די האָהר טאַקע שערט אָב... פערשטעהט איהר מיך... און (קוקט איהם אָן מיט אַ ספּעציעלען שדכנישען שמייכעל) איהר וועט קריגען אַ כלה...

חייקעלסאָן (שעמעוודיג): אַ כלה... כ'ווייס... אַ כלה... (ראש) עפּעס אַ שעהנע?...

דער שדכן (שטרענג): א רייכע!...

חייקעלסאָן: א רייכע? און שעהן גאָר ניט?...

דער שדכן: שעהן... שעהן... נעהמט נאָר אראָב די האָהר... און לאָזט מיר אייער אדרעס.

חייקעלסאָן (הויבט אָן דיקטירען): פראנציסקאנס־קא... (עס געהט אַריין קיילע. נאָך איהר ליכטענשטיין. חייקעלסאָן, שטאַרק פערשעמט, הערט אויף צו דיקטירען).

קיילע: אַך, הערר פּאָעט! איהר זענט ווידער דאָ?...

חייקעלסאָן: איך האָב דאָס בוך דאָ פערגעסען...

דער שדכן: א בוך... א בוך... ס'וועט געהן א גאנג, ס'וועט געהן...

חייקעלסאָן (ווינקט צום שדכן).

דער שדכן: עס שאדט ניט... עס שאדט ניט... אייגענע מענשען.

קיילע (לאכענדיג): יאָ, טאַטע, עס וועט געהן א גאַנג. א פּאָעט איז אמאָל אויך פּראקטיש. וויפיעל גיבען זיי, די גרינשפּאַנס?... (קוקט אָן ליכטענשטיינען און שמייכעלט).

חייקעלסאָן (קוקט זי אָן בייז): ניט אייער געשעפט!

דער שדכן: קריג זיך ניט, טאָכטערקע, ער איז א וואוילער בחור, א גאנץ וואוילער בחור... עס וועט געהן א גאנג... איך געה טאַקע אריבער צו די גרינשפּאנס. (צו חייקעלסאָנען) נאָר די האָהר לְמען השם... די האָהר אראָבנעהמען...

(חייקעלסאָן געהט אַרויס, נאָך איהם קיילע מיט ליכטענשטיינען).

דער שדכן (בלייבענדיג אַליין): קען געמאָלט זיין, הייסט עס, אז איך זאָל נאָך האָבען פּרנסה אין צווייען... און דערצו האָט מיין טאָכטער א וואוילען חתן... (פרעהליך) ציפּע, דערלאנג א גלאָז טיי — די איז קאַלט געוואָרען...

(פאָרהאָנג לאנגזאם)

אַ רוהיגע דירה.

פערזאנען:

לאה, אן אלמנה.

ביילע }
זעלדע } איהרע טעכטער שניידערקעס.

חיים, איהר יונגער זוהן, שפיעלט פידעל.

שרייבער, א קוואטיראנט.

די סצענע קומט פאָר אין ווארשא.

(אַ קיך, זויבער אויפגערוימט. ביי די ווענד שטעהען צוויי צונויפגעלעגטע אייזערנע בעטלעך, אין אַ ווינקעל אַ נעה־מאַשין, איבערגעדעקט מיט אַ ליילעך. אויף דער פערד פערדעקטער קאַלטער פליטע שטעהט אַ קליינער לאָמח.

לאה זיצט ביים פליטע און פעררייכט אַ העמד.

לאה, צוגעהענדיג צום טיר) : ווער קראַצט דאָרטען די טיר? (שטעהט אויף און געהט עפענען)

ש ר י י ב ע ר (אין אָבגעטראָגענעם קורצען אָסיען־פּאַלטאָ, לאַנגע האָהר, צושראָקענע אויגען) : איך האָב געטראָפען צי ניט... דאָ איז פערטער שטאָק?

ל א ה (אָנגערוקט) : פערטער, פערטער, איהר קענט ניט צעהלען?...

ש ר י י ב ע ר (צו זיך קומענדיג) : איך האָב זיך צוטור־מעלט צעהלענדיג... (אָטהעמט אָב) ביי אייך גיט זיך אָב א בעט פאר א פערזאָן?

ל א ה (אָנקוקענדיג איהם מיט פערדעכטיגע בליקען) : דאָ... דאָ... דאָ... ביי מיר...

ש ר י י ב ע ר : איך זעה, אז ביי אייך דארף זיין שטיל, רוהיג... אזא דירה זוך איך טאַקע...

ל א ה : וואָס הייסט רוהיג... אודאי איז דאָ רוהיג... איהר זעהט דאָך... קיינער ניטאָ... א גאנצער טאָג — קיינער ניטאָ.

ש ר י י ב ע ר : און ביי־נאַכט?

ל א ה : וואָס הייסט ביי נאַכט? ביי נאַכט שלאָפט מען דאָך.

שרייבער: פערשטעהט איהר מיך — ביי מיר איז דער עיקר די נאכט.

לאה: וואס הייסט דער עיקר די נאכט?

שרייבער: איך בין, פערשטעהט איהר מיך, א שריי־בער.

לאה: וואס הייסט א שרייבער. איהר גיט אוראקען?

שרייבער. ניט דאס מיין איך — ס'הייסט אורפקען גיעב איך אויך, דאס הייסט אבער איך בין א לעהרער — איך בין אבער דער עיקר א שרייבער, — דאס הייסט איך שרייב, איהר פערשטעהט, איך שרייב.

לאה: וואס הייסט, איהר שרייבט? איהר שרייבט פא־פירען?

שרייבער: ניין, איך שרייב, פערשטעהט איהר מיך, זאכען.

לאה (פערוואונדערט): זאכען — וואס הייסט זאכען? זאכען נייהט מען דאך — איך פערשטעה ניט, וואס דולט איהר מיר א קאפ! (קוקט אויף איהם מיט חשד).

שרייבער (שמייכעלט): זאכען הייסט ניט דוקא קליידער, זאכען הייסט ארטיקלען.

לאה: ארטיקלען? איך פערשטעה ניט, וואס הייסט ארטיקלען?—עפעס רעדט איהר פערשטעלט. (מיט גרויס חשד) איהר זייט שוין לאנג אין ווארשא?

שרייבער. שוין צוויי יאהר.

לאה איך פערשטעה אבער ניט, וואס איהר טהוט! זאגט פשוט, וואס מיינט איהר?

שרייבער: פערשטעהט איהר מיך, איך בין א שרייבער. איך שרייב געדאנקען, זאכען, ליעדער.

לאה (בערוהיגט): אהא. איהר מאכט גראמען — איך פערשטעה.

ש ר י י ב ע ר (ווי בעליידיגט): וואָס הייסט גראַמען? — איך שרייב אויך אָהן גראַמען. גראַמען איז ניט דער עיקר — דער עיקר איז דער געדאַנק — אַמאָל קען זיין אַ ליעד אָהן גראַמען און זי זאָל זיין בעסער, ווי מיט גראַמען.

ל א ה. מילא, וואָס געהט עס מיר אָן — איהר ווילט, הייסט עס, וואָהנען דאָ.

ש ר י י ב ע ר. יאָ. — אָבער איך זאָג דאָך אייך, דער עיקר, צי איז ביי אייך רוהיג?

ל א ה: שייך רוהיג. איהר זעהט דאָך.

ש ר י י ב ע ר: יאָ, איצט זעה איך — דאָרט וואו איך וואוין איז איצט אויך קיינער ניטאָ, פונדעסטוועגען לאָז איך צוויי וואָכען בעצאָהלטע און איך ציה מיך ארויס.

ל א ה: פאַרוואָס?

ש ר י י ב ע ר: ווייל דאָרט טומעלט זעהר ביינאַכט, אַ סך קינדער און קוואַרטיראַנטען.

ל א ה (כיטרע): וואו זיינען זיי אַלע ביי טאָג?

ש ר י י ב ע ר: ביי טאָג ארבייטען זיי און ביי נאַכט, אַז זיי קומען זיך צונויף איז שרעקליך טומעלדיג. — איך קען אַ וואָרט ניט שרייבען.

ל א ה: ביי מיר איז דאָס ניטאָ. איך לאָז ניט טומלען. אַבגעגעסען און געגאַנגען שלאָפען.

ש ר י י ב ע ר: פאָלגט מען אייך דען?

ל א ה (בייז): וואָס הייסט פאָלגען? מיר מוז מען פאָלגען. וואָס הייסט עפּעס ניט פאָלגען!

ש ר י י ב ע ר (ווי דערשראָקען): יאָ, נאַטירליך, אַלזאָ וואָס וועט קאָסטען אַ חודש?

ל א ה: איהר האָט דאָך געלעזען אונטען אויפ'ן צעטעל — דריי רובל. שוין מיט געקאָכט וואַסער אַלע אין דער פריה.

ש ר י י ב ע ר. ניין, אַ דאַנק. געקאָכט וואַסער ברויך איך ניט — איך טרינק טהעע אין גאַס.

ל א ה: נו, איהר דארפט נישט. וועל איך אייך ניט צווינ־גען. איך צווינג קיינעם ניט — נאר ס'איז אלץ איינס צו מיט געקאכט וואסער, צו אהן געקאכט וואסער, דריי רובל. א דירה— א מלוכה!

ש ר י י ב ע ר (בעטראכטענדיג פון דער קיך דעם צווייטען צימער): יא, די דירה איז א שעהנע — גאר א שעהנע! איך האב אבער מורא, אז ביי־נאכט וועל איך אויך דא ניט קענען שרייבען — ווי פיעל קינדער, זאלען געזונד זיין, האט איהר?

ל א ה (בעזארגט): אז אך און וועה — דריי שטיקלעך קינדער — צוויי מיידלעך און א איינגעל — זעהר א געראטענער איינגעל.

ש ר י י ב ע ר: הייסט עס, נעהם איך ביי אייך די וואוינונג. (בעטראכט די קיך מיט דעם צימער) וואו וועט איהר מיך, למשל, לייגען?

ל א ה: וואו איהר ווילט — איהר קענט ארבייטען אין צימער און שלאפען אין קיך מיט'ן בחור'ל צוזאמען.

ש ר י י ב ע ר: דאס שלאפען איז ביי מיר נארישקייט. דער עיקר די רוהיגקייט.

ל א ה: וועגען רוהיגקייט רעדט נישט, דאס וועט איהר שוין זעהן.

ש ר י י ב ע ר: דארף מען אייך, הייסט עס, געבען האנד־געלד און איך ציה מיך באלד אריין.

ל א ה: פון מיינעטוועגען קענט איהר אפילו שוין.

ש ר י י ב ע ר: איך וואוין טאקע דא ניט ווייט, דאס 5טע הויז פון אייך — כ'האב נאך צוויי וואכען צו וואוינען דארט, נאר מיר ארט ניט די אנדערהאלבען רובל — איך האב דארט פאר צוויי וואכען קיין איין אות ניט געשריעבען — געלד שפיעלט ביי מיר קיין ראלע ניט.

ל א ה (פילאזאפיש): געלד איז בלאטע.

ש ר י י ב ע ר: אלזא אט האט איהר א רובל האנד־געלד.

ל א ה : און די אנדערע צוויי?

ש ר י י ב ע ר (ווי פערוווירט): די אנדערע צוויי בע־קומט איהר אין דריי טעג ארום — ס'איז פערשטעהט איהר מיך, שווער — איך לאז צוויי וואכען איינגעצאהלטע דירה־געלד.

ל א ה (גוטהערציג): נו, נו — זאל זיין אין דריי טעג ארום — ביי מיר ווערט איהר נישט דארפען לאזען. איהר ווערט זיין צופריעדען. געקאכט וואסער ווי פיעל איהר ווילט.

ש ר י י ב ע ר (גערירט פון איהר ווייכקייט): ניין, א דאנק—קיין געקאכט וואסער ברויך איך ניט — איך טרינק שטענדיג טהעע אין גאס, ס'הייסט, אין א קאווארניע. — איך האב שוין מיין קאוויארניע.

ל א ה : נו, צווינגען וועל איך אייך ניט — איך צווינג קיינעם ניט.

ש ר י י ב ע ר (אויפגערוימט): הייסט עס, קען איך מיך טאקע גלייך איבערציהען.

ל א ה : פון מיינעטוועגען כאטש די מינוט.

ש ר י י ב ע ר (פרעהליך): אלזא געה איך ברענגען מיין טשעמאדאנטשיקעל — (אב).

ל א ה (אליין). רוהיגקייט וויל ער — פאר דריי רובעל א חודש וויל ער רוהיגקייט — א ליטוואק אביסעל — אלץ קע־נען זיי — ליעדער שרייבען און נאך — אז ער וועט ניט שריי־בען קיין ליעדער בין איך בדלות — מיינע וועהטאגען אויף זיין קאפ — פאר דריי רובעל וויל ער א רוהיגע דירה (דערהערט טריט). די קינדער געהען שוין. (שטעלט זיך אויף).

(עס געהט אריין ז ע ל ד ע, א מיידעל פון א יאהר 23, אויס־געפוצט אין א גרויסען הוט און אין א מאדנעם מאנטעל).

ל א ה : ווייסט זעלדע, שוין דא א קווארטיראנט — א ליטוואק.

ז ע ל ד ע (בייז): פאַרט פערדונגען! — וואו וועסטו איהם לעגען — ביי דיר צופוסען סיידען.

ל א ה (ווייך): אַט רעד ניט קיין נארישקייטען — וואו וועל איך איהם לעגען? א שאלה אביסעל — איך וועל שוין געפינען אן אָרט — אזא יקרות קוילען — דריי רובעל וועט צו־ניץ קומען.

ז ע ל ד ע: מילא, מאך א הקדש פון דער דירה, נעהם צונויף אלע קבצנים פון דער וועלט און לאָז זיי דאַ אריין! מילא ס'איז ניט מיין דאגה. גיעב עפּעס עסען — איך וויל מיך זע־צען נעהען.

ל א ה: שוין! (דערלאנגט זעלדען וועטשערע. דערווייל קומט אַן די יונגערע טאָכטער, ביילקע).

ל א ה: אַט איז שוין ביילקע. ווייסט ביילקע, כ'האָב שוין א קווארטיראנט.

ב י י ל ק ע: פרעהליך איז מיר — עפּעס א שעהנער בחור?

ל א ה: אַ ליטוואק. ער מאכט ליעדער.

ב י י ל ק ע: אוי גוט! איך האָב טאקע ליעב ליעדער. (זינגט).

שעהן ביזטו ליבטשע, ליובטשע!
שעהן ווי די גאנצע וועלט.
נאָר איין חסרון איז אין דיר,
וואָס דו האָסט קיין געלד.

ל א ה (איראָניש): איצט קענסטו זינגען, באלד קומט ער, וועט ער ניט וועלען לײדען. ער וויל רוהיגקייט — פאר דריי רובעל א חודש וויל ער רוהיגקייט.

ז ע ל ד ע (אָבעסענדיג, זעצט זיך ביי דער מאַשין נעהען...) אַט וועט ער האָבען רוהיגקייט. איך דארף היינט זיצען ביז דריי און נעהען — איך מוז ענדיגען דאָס קלייד.

(עס הערען זיך טריט, עס געהט אריין ח י י ם אַ בחור פון אַ יאָהר 18).

ח י י ם : מאמע גיעב עסען. איך וויל אביסעל שפּיע־לען אויף דעם פּיעדעל. (געהט אריין אין צימער, ברענגט פון דאָרט אַ פּיעדעל, שפּיעלט די גאַמע).

ל א ה : שפּיעל, שפּיעל, דער ליטוואק וויל האָבען רוהיג־קייט. (געהט אריין אין צווייטען צימער).

(באַלד געהט אריין דער שרייבער, די מאַשין קלאַפּט, די פּיע־דעל ברומט, ער בלייבט שטעהען מיט'ן טשעמאָדאַנטשיקעל אין טיר און קוקט פאַראויס...)

ש ר י י ב ע ר : אַה, ענטשולדיגט. איך האָב א פּנים פער־בלאָנדזשעט — איז דאָס דער פערטער שטאָק.

ל א ה (צוריק ארויסגעהענדיג) : דאָ, דאָ.

ש ר י י ב ע ר (אויסשטעלענדיג די אויגען) : איך פער־שטעה נאָר ניט. אָט אזוי נאָרט מען דאָס אָב. דאָ איז דאָך שרעקליך. איך וועל דאָך ניט קענען א וואָרט שרייבען.

ל א ה : נו, וואָס האָט איהר געוואָלט. צוליעב אייערע דריי רובעל זאָל זיין טאָכטער ניט נעהען און מיין זוהן ניט שפּיעלען. גיש־קשה, מען קען שרייבען ליעדער ביי־טאָג.

ש ר י י ב ע ר (אַוועקשטעלענדיג דעם טשעמאָדאַנטשיק) : מילא, די נאַכט וועל איך שוין ביי אייך נעכטיגען. איך האָב ניט וואוהין צו געהן — מאָרגען וועלען מיר זעהן.

(פאָרהאַנג).

די אורזאַבע.

פערזאָנען:

ליפּא שטיינער, 27 יאָהר אַלט.
ברוך הײלפּערט, אין די זעלבע יאָהרען.
פּענני, 23 יאָהר אַלט.

(די סצענע קומט פאָר אין דער לעצטער צייט נאָך דער רעוואָלוציע אין אַ גרויסע שטאָדט אין רוסלאַנד. די סצענע שטעלט פאָר אַ קליינעם צימער מיט אַ בעזונדער איינגאַנג. דאָס צימער איז איינ־פאַך מעבליערט, אויפ'ן טישעל, וועלכעס שטעהט ביים איינציגען פענסטער ליגען איניגע דיקע ביכער, עטליכע בראָשורען, צייטונגען; אויף די וואַנד פון ביידע זייטען פענסטער הענגען אַ פּאָר קונסט־בילדער און איניגע פאָ־טאָגראַפישע פּאָרטרעטלעך. אַ הערבסט אָווענד, דאָס צימער ווערט בעלויכטען פון געז).

ל י פ א ש ט י י נ ע ר (אָנשטענדיג אָבער נאָכלעסיג גע־קליידעט, וואָס גיט איהם צו אַ געוויסען חן, זיצט ביים טישעל און בלעטערט אַ בוך. עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיהר, שטיינער רייסט זיך אָב פון בוך, געהט צו צום טיהר און רופט): אריין!

ב ר ו ך ה י י ל פ ע ר ט (שעהן געקליידט, זעהט אויס ווי א פראָנט און אַן אינטעליגענט צוזאמען, מיט אַ שמייכעל אויף די ליפען): וואָס טהוסטו, שטיינער?

ש ט י י נ ע ר : אָט, מען בלעטערט א בוך... לעזען איז ניטאָ קיין חשק... אין אַלגעמיין זיינען די ביכער זעהר לאַנג־ווייליג געוואָרען, איבערהויפּט פאַר די לעצטע צייט.

ה י י ל פ ע ר ט : ווער הייסט דיר זיי לעזען?

ש ט י י נ ע ר : וואָס טהוסטו דען?

ה י י ל פ ע ר ט : איך לעז זיי ניט... איך לעז אמאָל, די אַלטע, די קלאַסיקער...

שטיינער: די קלאסיקער... זיי ריידען צו מיר גאר נישט... מיין הארץ בענעהרט א נייע ווארט... די אלטע זיינען געווען צו געזונד... מיין זעלע איז אבער אנגעגריפען... איך זוך דאס קראנקהאפטע... דאס ראפענירטע... דאס אוננעוועהנליכע...

הײלפּערט: נו, די נייע גיבען דאך דיר דאס אין א גרויסע מאס... זיי זיינען דאך אלע קראנקהאפט, ראפאנירט און ניט נור אוננעוועהנליך, נור פּשוט משוגע...

שטיינער: ניין, ניט אלע... עס איז דא א פּאר... די זיינען טאקי גוט, די איבעריגע אבער זיינען נאכאהמער, נאכ־קרימער, קייען איבער ווערטער, וואס זיינען אין דער מאדע, זיי פּיהלען עס אבער ניט דורך... זיי שטעקען מיר ניט אן מיט זייער געפיהל, וועלכען זיי האבען אליין ניט... עס איז, ברודער, ניטא וואס צו לעזען פאר דעם נייעם מענשען...

הײלפּערט: פּראזען... נייער — אלטער מענש... מענשען זיינען אלע מאל געווען דיזעלבע, מען ברויך זיך ניט גריבלען.

שטיינער: ווי איז אבער, אז עס גריבעלט זיך ממילא... עס קומען פראגען, ווי אומגעבעטענע און לאזען דיך ניט אפּ.

הײלפּערט (אין א חוזק טאן): למשל?

שטיינער: למשל. (פערטראכט זיך) אט טאקע ווע־גען לעבען... צו וואס לעבען מיר?... וואס איז דער תכלית? וואס איז דער זין?

הײלפּערט: א, יא א מאדערנע פראגע... איך בין אבער ניט קיין מאדערנער מענש. איך פרעג עס ניט... היינט האט גערעגענט, האב איך געקויפט א רעגען־שירם. א וואוילע זאך א רעגען־שירם...

שטיינער (פערוואונדערט): וואס הייסט — א רעגען־שירם... עפּעס א סימבאל?...

ה י י ל פ ע ר ט (לאַכענדיג): אַ, דו סימבאַליסט... אַלץ איז ביי איהם אַ סימבאַל... וואָס האָט צו טהאָן אַ רעגען־שירם מיט אַ סימבאַל? פשוט, ס'האָט גערעגענט האָב איך געקויפט אַ רעגען־שירם, איך זאָל מיך ניט איינעצען...

ש ט י י נ ע ר: איך פערשטעה דיך נישט...

ה י י ל פ ע ר ט: פערשטעהסט ניט קיין איינפאַכע זאַכען... איך מיין דערמיט צו זאָגען, אַז איך לעב, ווייל איך לעב, איך טהו אַלץ, אום צו לעבען און צו פערהיטען מיך פון אַלץ, וואָס מאַכט מיר דאָס לעבען אונבעקוועם. רעגענט, קויף איך אַ רעגען־שירם; איז היים, טהו איך מיר אָן איין לייכטע קליידער; איז קאַלט, טהו איך מיר אָן איין דיקע קליידער... עס איז אַלץ אַזוי איינפאַך...

ש ט י י נ ע ר: וואָס איז אָבער מכח דעם זין פון לעבען? דאָס לעבען מוז דאָך האָבען אַ זין...

ה י י ל פ ע ר ט: צו וואָס אַ זין? ס'איז מיר גענוג דער אינסטינקט...

ש ט י י נ ע ר (בייז): דו רעדסט ווי ציניקער... און ווי איז, אַז דעם אינסטינקט ביזטו אַריבערגעוואַקסען, און בלייבסט בלויז ביים אינטועלעקט, ביים ריינעם פערנונפט, אַזוי צו זאָגען...

ה י י ל פ ע ר ט: ווען דער געזונטער אינסטינקט פערלאָזט דיך און דו בלייבסט ביים ריינעם פערנונפט, טאָ געה דאַן אין משוגעים הויז אַריין... דאָרט געפינען זיך מענשען מיט'ן ריינעם פערנונפט...

ש ט י י נ ע ר (פערטיעפט): פערשטעהסט מיך שלעכט... אָבער זאָלען מיר דאָס דערווייל לאָזען... מיין ניט אַז דו האָסט מיך בעקעמפפט, בעזיעגט... איך בלייב ביי מיינס, אַז דאָס לעבען מוז האָבען אַ זין, אָבער איך בין גענוג געדולדיג צו זוכען איהם; גענוג זעהענדיג צו געפינען איהם; אָבער וואָס טהוט מען, ווען די דאָזיגע פראַגע גנב'עט זיך אַריין צו אַ שוואַכערע פער־

זעגליכקייט. ווייסטו, אז אזא פערזענליכקייט קען זעהר לייכט בעגעהן זעלבסטמאָרד...

הייל פ ע ר ט: אך זעלבסטמאָרד... א שעהנער וואָרט... ער קלינגט מוזיקאַליש... זעלבסטמאָרד... איך האָב ניט לאַנג געזעהן א בוך מיט'ן טיטעל: טויט... איך בין אריין צום פערלעגער און האָט געפרעגט וואָס קאָסט אבצוקויפען די גאַנצע אויפלאַגע.

שטיינער: צו וואָס האָסטו עס געדאַרפט?

הייל פ ע ר ט: אך, צו וואָס... נאַטירליך ניט צום לעזען, ניט צום פערטיילען צווישען די אָרעמע מענשהייט. נאָר פּשוט צום פערברענען... א, ווען איך קען די אַלע ביכער וואָס פּרעדיגען דעם טויט, פערברענען! אָדער ווען איך קען ווערען א צענזאָר און פערביטען אזוינע ביכער גאָר צו ערשיינען. אָט רייד בעסער מיט מיר נישט וועגען אזוינע פראַגען.. זיי זיינען ערשטענס דום, און צווייטענס נישט אויפריכטיג, דער סאַמע ניט־אויפריכטיגער טויט, איז דער טויט פון מאָדערנעם זעלבסטמערדער...

שטיינער: ווי איז אבער, אז דער לעבען איז פּאָרט שווער?

הייל פ ע ר ט: ליידט מען מיט א שמייכעל... דאָמאָלס איז שוין לייכט! פערשטעהסט... בלויז איין שמייכעל...

שטיינער: ניט אַלע קענען שמייכלען.

הייל פ ע ר ט: ווארום? יעדער וואָלט עס געקענט, ווען ער וואָלט נאָר געקוקט אויפ'ן לעבען מיט אנדערע אויגען.

שטיינער: אָט צום ביישפּיעל, האָב איך א בעקאַנטעס מיידעל, פּעני הייסט זי... זי איז שעהן, קלוג, געבילדעט... די לעצטע צייט אבער טראָגט זי זיך ארום מיט'ן געדאַנק, אז דאָס לעבען איז פּוסט, וואָכעדיג, ניט אינטערעסאַנט, און ווערט לאַכען, איך האָב שטאַרק פאַר איהר מורא...

הייל פ ע ר ט (איראָניש): איך האָב אויך שטאַרק מורא...

שטיינער (נאאיוו): פאר וואס האסטו מורא?

הילפערט: און פאר וואס האסטו מורא?

שטיינער: איך האב מורא... גאר איינפאך זי זאל ניט בעגעהן קיין זעלבסטמארד...

הילפערט: און איך האב מורא, אז זי זאל זיך ניט פערליעבען, חתונה האבען און געבוירען קינדער...

שטיינער (ווי אייפערזיכטיג): אך, מיין גאט הלואי... מיר דאכט אבער, אז זי איז אזוי ווייט דערפון...

הילפערט: פון וואנען נעהמסטו עס?

שטיינער: זי קומט צו מיר אלע אווענד... איך וואלט אמאל וועלען מיט איהר מאכען א שמועס וועגען ליעבע, האב איך אבער מורא... זי איז אזוי ערענסט, אזוי פעסימיס־טיש געשטימט... א פאר מאל האט זי מיר דאס דייטליך געגע־בען אנצוהערען, אז זי וועט ענדליך מיט אלעם איבעררייסען, מאכען אן ענדע.

הילפערט (שמייכעלדיג): א־ווא! ווירקליך שרעקליך... איך הער שוין דעם שאס אין איהר איינזאם צי־מער... (פויזע) שוטה!... איז זי ווירקליך א שעהן מיידעל?

שטיינער (שעהמעוודיג): א זעהר, זעהר חן'עור־דיג, האט שווארצע אויגען, לאנגע האר...

הילפערט: געה ווייטער: א שעהן ענטוויקעלטע ברוסט, לאנגע צארטע פיס...

שטיינער: געה, דו ביזט א ציניקער, איהרע פיס האב איך נישט געזעהן.

הילפערט: הם.. ניט געזעהן... ביזטו אן עהרלי־כער מאן... וועגען שעהנע פיס לעזטו דאך בלויז אין די דע־קאדענטישע ביכער... יא... נור ניט דאס, ענטשולדיג... איך בין ניט קיין ציניקער, איך האב אבער שטארק ליעב דאס לעבען.. און לעבען איז ליעבע, און ליעבע איז די פרוי... (פויזע) קענסט מיך אפשר בעקענען מיט דער דאזיגער פעני,

וואָס האָט שווארצע אויגען, לאַנגע האָר און טראָגט זיך ארום מיט זעלבסטמאָרד גערדאַנקען.

שטיינער (אין פערלעגענהייט): יאַ... פאַר וואָס ניט?... זי דאַרף דאָ טאַקי זיין באַלד... זי דאַרף דאָ נעהמען אַ בוך, זי לעזט זעהר פיעל...

הײלפּערט: נאַטירליך... אז לעבען לעבט מען ניט, לעזט מען פיעל נייע ביכער און מען טראָגט זיך ארום מיט זעלבסטמאָרד גערדאַנקען.

שטיינער: הייסט עס, אז לעזען ביכער...
(עס הערט זיך טריט און אַ קלאַפּ אין טיהר).

שטיינער (צוטראָגען): דאַכט זיך זי... (הײלפּערט ענטפערט) אריין!

(עס בעווייזט זיך אויף די שוועל פעני, געקליידט אײנפאַך אָבער אנציהענד... פון קליינעם היטעלע וואָס איז אראָבגעריקט אױ־בער'ן שטערען, קוקען אַרויס גלענצענדע שווארצע, פער'חלום'טע, פערבײנקטע אויגען, זי גיט שטיינער'ן די האַנד און שמייכעלט ווי אין פערלעגענהייט).

פעני (דערזעהענדיג הײלפּער'ן): ביי אייך איז דאָ אַ פרעמדער מענש...

שטיינער: אַ, ניין. עס איז אַ פריינד, אַן אייגע־נער... פאַרדאַן... איך שטעל אייך ניט פאָר: פריילין פעני, הער הײלפּערט.

הײלפּערט (אויסציהענדיג איהר פריינדליך די האַנד און אַ דריק טהוענדיג שטאַרק איהר קליינע הענטעל): עס פרעהט מיך ווירקליך אייך צו קענען... (קוקט זי דרייסט אָן; זי לאָזט אַראָפּ די אויגען, הויבט זיי אָבער אויף צוריק און קוקט הײל־פּערט'ן אָן מיט נייגעריגקייט... געהט ענדליך צו צום טישעל און זוכט צווישען די ביכער).

שטיינער: דאָס בוך וואָס איהר האָט געבעטען האָב ־איך שוין פאַר אייך...

ה י י ל פ ע ר ט: אך, גענוג שוין מיט די ביכער... לאז מען אביסעל אזוי שמועסען...

פ ע נ י (מיט א טרויעריגען, אבער חן'עוודיגען שמייכעל): האט איהר אזוינע אינטערעסאנטע טהעמאס?

ה י י ל פ ע ר ט (ראש): יא, איך האב א שעהנע טהעמא.

פ ע נ י: וועגען וואס?

ה י י ל פ ע ר ט: וועגען ליעבע...

פ ע נ י (שמייכעלט, באלד אבער ווערט זי טרויריג): איז עס ניט בלויז א ווארט... איז דען דא ליעבע? גלויבט איהר אין ליעבע?...

ה י י ל פ ע ר ט (דריקענדיג מיט די פלייצעס): זאנ־דערבאר... אין ליעבע ברויך מען דען גלויבען... ליעבע איז דען אן אבסטראקט... ליעבע איז דאך א ממשות'דיגע זאך... מיין גאט!

פ ע נ י: א, איהר זייט אן אפטימיסט... עס פרעהט מיך... שוין לאנג ניט געזעהן אזא'ן אפטימיסט ווי איהר. (קוקט איהם אן גאנץ דרייסט).

ש ט י י נ ע ר (פיהלענדיג זיך ניט בעקוועם): א, דער הערר היילפערט איז שוין צופיעל אפטימיסט, מיט אבסטראקטע פראגען אינטערעסירט ער זיך ניט...

ה י י ל פ ע ר ט (לאכענדיג): א, פריינד שטיינער, איהר טרייבט רכילות... וואס הייסט איך אינטערעסיר מיך נישט? אין געגענטהייל, דאס אבסטראקטע איז ביי מיר א זעהר שעהנער שפיעל. אזוי צו זאגען, א גימנאסטיק פאר מיינע געהירן, וועלכע פאדערען ארבייט, בעוועגונג, אבער ווי קומט עס צו פעסע־מיזם? שפינאזא איז ניט געווען קיין פעסימיסט...

פ ע נ י (נאאיוו): אבער אנדרעיעוו... אך מיין גאט, ער איז אזוי שווארץ ווי דער טויט... ער איז אזוי טיעף...

ה י י ל פ ע ר ט: אַ, מיין שעהנע מיידעל (פעני וויל בייז ווערען, קוקט איהם אָבער אָן און גיט אַ שמייכעל, שטאַרק רויט ווערענדיג) אנדרעיעוו זאָגט איהר, צו וואָס זשע לעזט איהר איהם. ווען ער וואָלט געווען אַן אויפריכטיגער פעסימיסט, וואָלט ער דאָך אזוי פיעל ניט געשריבען, א פעסעמיסט ליגט אין זיין צימער'ל, פיפקעט א ליולקע און שפייט אין באלקען (אָבגעהאַקט) אלזא ווענען ליעבע. (צולאכט זיך).

פ ע נ י (שמייכעלט): אויב איהר האָט עפּעס שעהנעס צו זאָגען...

ש ט י י נ ע ר (האַלטענדיג אַ בוך אין האַנד): אָט האָט איהר דאָס בוך... לעזט איהר פריהער, נאָכדעם וועל איך לעזען.

ה י י ל פ ע ר ט (לוסטיג און פריינדליך צו שטיינער'ן): אָה, גענוג שוין! מיר געהען דאָך ריידען וועגען ליעבע.

פ ע נ י (אונשולדיג): דאָס בוך איז דאָך קליגער פון אונז אלע.

ה י י ל פ ע ר ט (בייז): ווער זאָגט עס איך?... אלענ־פאלס האלט איך מיך קליגער פאר אלע ביכער...

פ ע נ י (דרייסט): אויב אזוי, וואָלט געווען אינטע־רעסאנט אייך דורכצולעזען...

ה י י ל פ ע ר ט (לאכענדיג): אַ, ווען איהר לעזט מיר דורך, וואָלט איהר געוויס פערשפּארט ביכער צו לעזען...

פ ע נ י (ווערענדיג אין גאַנצען דרייסט און שטאַרק פער־כאַפּט פון'ם נייעם בעקאַנטען): ברויך מען אייך לאנג צו לעזען?

ה י י ל פ ע ר ט (קוקט זי אָן ערענסט): אַ, זעהר לאנג, דאָס גאנצע לעבען...

פ ע נ י (ווי איבערראשט): און איהר וואָלט עס ער־לויבט?...

ה י י ל פ ע ר ט (קוקט זי אָן מיט ליעבע): איך — יא...

ש ט י י נ ע ר (מיט אויפערזוכט אין טאָן): ס'וועט אייך נמאס ווערען...

הײלפּערט: מעגליך... אַלענפאַלס װאָלטען די ערש־טע בלעטער געווען אינטערעסאַנט...

פּעני (פערשעהמט): און נאָכהער געהט עס פערוועלק־טער און פערוועלקטער...

הײלפּערט: וואָס נאָכדעם וועט זיין טראַכטען ניט קיין אמת'ע קלוגע.

פּעני: איך מיין אויך אזוי...

הײלפּערט (צופריעדען פון זיין ווירקונג אויף איהר): וואָלט איהר ניט וועלען זיך דורכגעהן אביסעל מיט מיר?

פּעני (כאַפּט זיך אָן): אָ. יאָ... ווארום ניט... מיט פערגעניגען! (זיי קלייבען זיך צו געהן).

פּעני (קאַלט): און איהר שטיינער?

שטיינער (אונבעהאָלפען): הא... איך... (קוקט אויף הײלפּערט'ן) ניין... איך וויל דערענדיגען א בוך...

הײלפּערט (לוסטיג): נו, געהן מיר ביידע!
(דורך די שויבען הערט זיך גיסען אַ רעגען).

פּעני: אוי, מיין גאָט, א רעגען גיסט!...

הײלפּערט: אַ דאָס מאַכט ניט... איך בין א פּראַק־טישער מענש... איך האָב היינט געקויפט א שירם...

פּעני (לאַכט): אויב א שירם איז זעהר גוט... קומט!...
(זיי געהען אַרויס... שטיינער בלייבט אַליין, געהט אום אַ ווײלע הין און צוריק איבער'ן צימער; מורמעלט: — אַ שירם... אַ שירם... ס'ווערט פינסטערער און פינסטערער, געהט צו צום טיש נעהמט בלעטערן לאַנגזאַם אַ בוך).

(פאָרהאַנג)

ערשטע ליעבע.

פּערזאָנען:

ליעבמאַן, אַ מאַן פון אַ יאָהר 30, מיט אַ סימפּאַטיש געזיכט.
אין די ווינקלען פון זיין געזיכט רוהט אַ פיינע, קוים בעמערקבאַרע איראָניע. אין די גרויסע ברוינע אויגען שווימט שווערמונג מיט ערפאָהרונג.

ראָזע, אַ מיידעל פון אַ יאָהר 23; מיטלער גראַציעזער וואוקס. דאָס פּנים רונד און אָנציהענד. די אויגען גרויס און שווארץ. זי לאָזט זיי אָפּט אראָב, אָבער ווען זי הויבט זיי אויף און קוקט אָן אין געזיכט איהר אָנשפּרעכענדען, מערקט זיך דאָרט עפּעס געהיימניספולעס און אונבעשטימטעס.

אין ליעבמאנ'ס צימער. אַ דריי שטוהלען, אַ זאָפע, אַ טיש, צוויי פענסטער צום גאַס. אויף די ווענד—בילדער.

ליעבמאַן (זיצענדיג אויף אַ ברעג זאָפע און אָנבויגענדיג זיך צו ראָזע'ן, וועלכע זיצט אויף אַ שטוהל נעבען איהם): אַלזא, ראָזע, ווי פיהלסטו זיך? (שמייכעלט) גוט?

ראָזע (צופריעדען): זעהר גוט... (קוקט איהם אין די אויגען און לאַכט).

ליעבמאַן (מיט מעהר הייטערקייט): און דו האָסט מיך טאַקע נאָך אַלץ ליעב?

ראָזע (תמימות'דיג־קאָקעטיש): רעדסט נארישקייט...

ליעבמאַן (לאַכט): אזוי גאָר? — איך רעד נארישקייט? דארפסטו דאָך טאַקע מיך שוין אויפהערען צו ליעב האָבען...

ראָזע (שפּאַסענדיג): וואָס מיינסטו? אז דו וועסט מיר אזוינע פראַגען שטעלען, וועל איך בייז ווערען...

ליעבמאַן (גוטמוטיג): נו, שאַ, מיין ליעבע... שוין מעהר ניט... קיינמאָל מעהר ניט. איך מאַך אַלץ אַ שפּאַס... איך האָב אזוי ליעב מיט דיר אמאָל אַ שפּאַס צו מאַכען...

ראָזע (גלעטענדיג איהם זיינע הענד): דו ביזט, ליעבמאַן, אזא גוטער, אזא גוטער...

ליעבמאַן (מאַכענדיל זיך ווי דערשראָקען): אַי, דאָס איז שלעכט! קיין גוטער וויל איך ניט זיין... קיין גוטע האָט איהר פרויען ניט ליעב...

ראָזע (אָנגע'ברוגז'ט): דו פערשטעהסט פרויען

שלעכט... איבריגענס זיינען דא פערשיעדענע... איך האב בלויז ליעב די גוטע מענער...

ל י ע ב מ א ן : און די שלעכטע ניט?

ר א ז ע (פעסט) : ניין! ניין!

ל י ע ב מ א ן : נו, און מיין חבר גאלדבערג איז געווען א גוטער? (קוקט איהר אריין אין די אויגען).

ר א ז ע (פערליערט זיך עטוואס) : גאלדבערג... ער... ער איז געווען א שלעכטער... אבער ער איז דאך געווען דער ערש־טער, וועמען איך האב ליעב בעקומען... איך האב דעמאלט אזוי וועניג פערשטאנען מענשען...

ל י ע ב מ א ן (צארט) : א, מיין ארים מיידעלע... מיר דאכט זיך, אז דו האסט איהם נאך איצט אויך אמאל אין זינען. אמת, ראזע...

ר א ז ע (בייז): הער אויף צו רעדען! מאכסט מיר בייז! איך האב איהם שוין לאנג פערגעסען...

ל י ע ב מ א ן : ווייל ער איז אוועקגעפאהרען און דו זעהסט איהם ניט. אבער ווען ער קומט, למשל, צוריק?...

ר א ז ע (פעסט) : איך וואלט איהם אפילו אנקוקען נישט געוואלט...

ל י ע ב מ א ן : פארוואס?

ר א ז ע (קוקט איהם ליעב אין די אויגען) : ווייל... ווייל איצט האב איך ליעב בלויז דיך...

ל י ע ב מ א ן : ביזטו זיכער דערין?

ר א ז ע : אודאי... זיכער! זעהסטו דען ניט? פיהלס־טו דען ניט?...

ל י ע ב מ א ן (צערשטרייט) : יא... איך פיהל, איך פיהל... (מיט אן ענדערונג אין דער שטימע, אויפשטעלענדיג זיך און דורכגעהענדיג זיך איבער׳ן צימער) און דאך, ווען ער קומט צו מיר, למשל, וואלסטו זיך שטארק אויפגערעגט...

ר א ז ע (פעסט) : איך וואלט גלייך אוועקגעגאנגען...

ליעבמאן: פאר וואס וואלסטו אוועק?

ראזע: ווייל איך האס איהם איצט...

ליעבמאן: האסען? פאר וואס זאלסטו איהם האסען? נארעלע...

ראזע: רעד נישט וועגען איהם... איך וויל מעהר זיין נאמען נישט הערען...

ליעבמאן: א מאדנע זאך... ער איז מיין בעסטער פריינד און דאך, ווען דו האסט איהם, פרעה איך מיך אזוי.. עס איז נישט שעהן פון מיר...

ראזע (שמייכלענדיג): מעגליך, אז עס איז נישט אזוי שעהן... אבער דיין דאזיגער געפיהל קומט דאך פון דיין ליעבע צו מיר, אמת?...

ליעבמאן (ענטציקט): א, דו ביזט א קלוגע מיידעלע! פערשטעהסט גוט זאכען...

ראזע (מיט א שפיעלענדען שטאלץ): געוויס בין איך קלוג... וואס דען מיינסטו, אז נאר איהר זענט קלוג?...

ליעבמאן (ערנסט): א, איך מיין עס גאר ניט... אפטמאל דאכט מיר, אז די פרויען זיינען קליגער פאר אונז... אפט שרעק איך מיך פאר זייער שכל...

ראזע: שרעק זיך ניט, ליעבמאן... מיר וועלען דיר קיין שלעכטס ניט טהאן...

ליעבמאן: ווער ווייס... (קוקט איהר אין די אויגען אריין): אפט דאכט מיר, אז גאלדבערג איז געקומען און דו געהסט צו איהם צוריק אוועק... ראזע, הא? קען עס אמאל נאך פאסירען?...

ראזע: רעד ניט, ליעבמאן... פון גאלדבערג'ן האב איך שוין אויף אימער זיך אבגעזאגט... איבריגענס אינטערעסירט ער מיך ניט מעהר...

ליעבמאן: איז עס מעגליך אזוי גיך צו פערגעסען?

ראזע (שוואך): זעהסט דאך אז יא...

ליעבמאַן (געהט ארום הין און צוריק איבער'ן צימער, שטעלט זיך פּלוצים אָב נעבען ראָזע'ן, נעהמט זי אָן פאר דער האַנד און שרייט אויס, ווי ניט מיט זיין שטימע): ווייסט, ראָזע, גאָלד־בערג איז היינט געקומען!...

ראָזע (איבערראשט): וואָס רעדסטו? דו ווילסט מיך גענאַרען...

ליעבמאַן (טרוקען): עס איז א פאקט. היינט פריה איז ער געקומען... און פאָהרט היינט ביינאכט צוריק אוועק...

ראָזע (קוים בעהערשענדיג זיך): בלויז איין טאָג?...

ליעבמאַן: יא, בלויז אויף איין טאָג...

ראָזע: נו, האָסט מיט איהם שוין גערעדט?...

ליעבמאַן: געוויס...

ראָזע: און זיך שוין מיט איהם געזעגענט?...

ליעבמאַן: ניין, איך דאַרף איהם נאָך זעהן... (קוקט אויפ'ן זייגער) נאָך א האַלבע שעה...

ראָזע (שטארק אויפגערעגט, נישט קענענדיג זיך בעהערשען): וואָס רעדסטו?... באמת? נאָך א האַלבע שעה! מיין גאָט, וואָס עס קען פּאַסירען...

ליעבמאַן: איך האָב אבער, ראָזע, אז דו וועסט מיך לאָזען אליין מיט איהם... צו וואָס זאָלסטו זיך דארפען פיהלען אין אן אונאנגענעהמער לאגע? דו וועסט באַלד אוועק־געהן...

ראָזע (ווי אונצופריעדען): געוויס... איך וועל גלייך אוועקגעהן...

ליעבמאַן: אַ, מיין גוטע מיידעלע! (וויל זי קושען).

ראָזע (ליכט אָבשטויסענדיג איהם): איך בין אזוי איבערראשט... גאר אין מיטען דערינען גאָלדבערג!... האָט איהר געהערט אביסעל. (אויפגערעגט).

ליעבמאן: ווילסט איהם ניט זעהן... איך ווייס, ראָזע, דו וועסט גלייך אוועקגעהן... איך רעכען, אז דו דארפסט טאקע שוין אוועקגעהן... אפשר געהט מיין זייגער ניט ריכ־טיג...

ראָזע (צוטומעלט): דיין זייגער געהט שוין גאָר ריכ־טיג... באלד געה איך... ווען קומט ער, זאָגסטו?

ליעבמאן: ער קומט אכט.

ראָזע: איז נאָך דאָ צייט?...

ליעבמאן: ניין, עס איז שוין ווייניג צייט געבלי־בען... וויבאלד אז דו ווילסט זיך מיט איהם ניט בעגעגענען, דארפסטו שוין געהן...

ראָזע (אָנקוקענדיג איהם מיט פאָרוואורף): דו טרייבסט מיך שוין גאָר?...

ליעבמאן (פערוואונדערט און בעליידיגט): ראָזע, וואָס רעדסטו? איך טרייב דיר? ווי אזוי קענסטו עס זאָגען!... איך מיין בלויז צו אויסמיידען פאר דיר אן אונאַנגענעהמליכקייט, צו בעגעגענען זיך מיט איהם...

ראָזע (פערלאָרען): געוויס... איך וויל איהם ניט זעהן... איך האס איהם, איך פעראכט איהם... ער איז א מיאוס'ער מענש!...

ליעבמאן (קוקענדיג אויפ'ן זייגער): אָ, ער דארף שוין קומען... ראָזע, איך בעט דיך, געה אוועק.. עס איז בעסער פאר אונז אלע דריי...

ראָזע: געוויס... איך קען זיין פרצוף ניט אָנקוקען... איך האָב קיינמאָל א מענשען אזוי ניט פיינד געהאט, ווי איהם...

ליעבמאן (אויפגערעגט): יא, ראָזע... איך ווייס... איך גלויב דיר... אבער דו מוזט שוין געהן...

ראָזע: געוויס געה איך... וואָס דען האסטו געמיינט? איך וועל ווארטען ביז ער וועט קומען?.. ער וועט דערצו ניט

זוכה זיין!... ערשט איצט האב איך דערפיהלט מיין גאנצען האס צו איהם... ערשט איצט...

ל י ע ב מ א ן (שטארק פערלארען): איך שעץ אב דיי־נע געפיהלען... ביי דיר האט ער עס פערדיענט... אבער, ראזע, עס איז שוין פינף מינוט צו אכט... ער קען דיך נאך טרעפען אויף די טרעפ... צו וואס דארפסטו דאס?...

ר א ז ע (שפרינגט אויף): אז איך וועל איהם טרעפען אויף די טרעפ וועל איך גלייך ארויפלויפען אויפ'ן העכסטען שטאק...

ל י ע ב מ א ן (אין העכסטער אויפרעגונג): א, מיין גאל־דען קינד... דיין צארען פערשטעה איך... אבער זעה, עס איז געבליבען בלויז דריי מינוט... ער קען דאך אנקומען, און דו וועסט קיין צייט ניט האבען איהם אויסצומיידען...

ר א ז ע: איך וועל שפרינגען דורכ'ן פענסטער... זיי רו־היג, ליעבמאן... איהם וועל איך שוין ניט אנקוקען...

ל י ע ב מ א ן (מיט גרויס שרעק): א, מיין גאט! עס איז שוין באלד אכט... נאך צוויי מינוט... שנעלער, ראזע... אט איז דיין מאנטעל.

ר א ז ע (היסטעריש): קיינמאל וועל איך איהם ניט וועלען זעהן... ער איז א שלעכטער מענש...

ל י ע ב מ א ן (שפרינגט פון ארט): דו ביזט גערעכט... אבער דאן מוזטו דאך שוין ענטלויפען, ווארום נאר איין מינוט און עס וועט שוין זיין שפעט..

ר א ז ע (וויינענדיג): מיין ליעבער ליעבמאן... נעהם מיך ארום... דריק מיך פעסט צו צו דיר... אבער פעסט... א, ווי ליעב איך האב דיך!.

ל י ע ב מ א ן (צוטומעלט: יא.. ראזע... אט, איך געה צו דיר... (עס הערט זיך א קלינגען) ראזע! ער געהט!... וואס וועסטו טהאן?

ר אַ ז ע (מיט אַ בעהאַלטענער פרייד): איך גלויב ניט, אַז דאָס איז ער...

ל י ע ב מ אַ ן: זיכער ער... ער איז אַלעמאָל פּינקטליך...

ר אַ ז ע (בייז): נו, אַז ער — איז וואָס? איך לאַך מיך אויס פון איהם!... איך וויל זיך גאָר ניט בעהאַלטען פון איהם... געה שנעל עפען איהם די טהיר...

ל י ע ב מ אַ ן (צורודערט, געהט עפענען די טהיר).

ר אַ ז ע (שטעלט זיך אַוועק ביים שפּיגעל... קעהרט זיך צום אריינקומענדיגען גאָלדבערג'ן): העללאו מר. גאָלדבערג. (דריקט איהם די האַנט).

ל י ע ב מ אַ ן (בלייבט איבעררראַשט).

(פאָרהאַנג)

דער נייער צימער.

פּ ע ר ז אָ נ ע ן:

נח שפּירא, דרייסיג יאָהר אַלט.
חיים בערגעל, אין דיזעלבע יאָהרען.
העניע בלוט, א מיידעל פון עטליכע און צוואנציג יאָהר.

(די סצענע שטעלט פאָר אַ צימער מיט צוויי פענסטער, וועלכע געהען אַרויס צום הויף; די פענסטער זיינען פערהאנגען מיט ווייסע גארדינען; אין מיטען צימער אַ קיילעכדיגער טישעל, ארום טישעל צוויי שטוהלען, ביי דער זייט אַ וויעג־שטוהל, אין איין ווינקעל צימער אַ עטאַזשערקע וואו עס ליגען אין אונאָרדענונג אייניגע ביכער; ביי דער וואנט געגען איבער די פענסטער שטעהט אַ גרויסע ברייטע, שעהן פערבעטע בעט מיט צוויי קי־שעלעך אין דער ברייט).

שפּירא (מיט אַ בלאס אינטעליגענטען אויסזעהן, שטעהט נעבען אַ פענסטער און קוקט אַ ווײלע אין הויף אַרויס, נאָכדעם געהט ער צו צום בעט, גיט א פיהר איבער אַ קישעלע און בלייבט ווידער פערטיעפט, עס הערט זיך אַ קלאַפּען אין טיהר, שפּירא רופט אויס): אַריין!

בערגעל (קוקט זיך אַרום ווי איבערראשט מיט אַ שמייכעל אויף'ן גלאט ראזירטען פּנים): אַבער א צימער, א פּאַלאַץ, וואָס איז מיט דיר, שפּירא, ביזט רייך געוואָרען!...

שפּירא (שמייכלענדיג): ניין, ברודער, קיין גביר בין איך נים געוואָרען. אַבער עס האָט זיך מיר געמאכט א מציאה, שטעל זיך פאָר, אזא צימער דריי דאָלאר א וואָך... עס איז דאָך ווירקליך אונערהערט ביליג!

בערגעל: יא, ווירקליך ביליג (קוקט זיך ווידער אַרום זיינע בליקען פאַלען אויף'ן בעט, צולאכט זיך): אבער, ברודער, אַ בעט! ווערסט דאָך אין איהם פערלאָרען...

ש פ י ר א (פערלעגען): אמת טאקע... צו גרוים! ס'איז איינגעטליך א בעט פאר א פאר פאלק...

ב ע ר ג ע ל (שמייכלענדיג): וואס מיינסטו? שפירא ס'וואלט שוין טאקע צייט געווען... ביזט שוין, ברודער ניט קיין אינגעלע... ווי באלד א בעט איז שוין דא, נעהם א ווייב און פטר אן עסק!

ש פ י ר א (כלומרשט בייז): דול מיר ניט קיין קאפ... איך האב ניט ליעב די נארישקייט...

ב ע ר ג ע ל (ערענסטער): נארישקייט? איך בין נאך ניט זיכער, אז עס איז נארישקייט... די גרעסטע חכמים האבען געהאט ווייבער.

שפ י ר א (לאכענדיג): ס'הייסט ווייל ס'איז דא א גרויסע בעט, דארף מען שוין חתונה האבען...

ב ע ר ג ע ל: נו, יא, דאס בעט האט אביסעל א שייכות דערצו.

ש פ י ר א: נא... איך לייקען דאס ניט... איך אבער קוק אויף די הייראט אביסעל העכער...

ב ע ר ג ע ל (וויציג): ווארום? דאס בעט איז גענוג הויך...

ש פ י ר א: אט לאמיר ריידען וועגען פרעהליכערע זאכען! (צוטראגען) קאפע וועסטו טרינקען?... איך קען בעשטעלען ביי דער מיסעס, זי איז א זעהר פריינדליכע קריסטין. זי האט מיר געזאגט, אז אויב איך וויל אמאל אויפנעהמען א גאסט, קען איך אנקלינגען, וועט זי מיר ברענגען קאפע.

ב ע ר ג ע ל: ניין, א דאנק... איך דארף שוין געהן... איך בין בלויז אריין אויף א ווילע, געוואלט זעהן דיין נייעם צימער.

ש פ י ר א: איך דאנק דיר... עס איז טאקע אומעטיגליך. איך האב געשריבען העניען אויך, זי זאל קומען, קען זיין זי זאל נאך היינט קומען. איך געה דערפאר ניט אוועק.

בערגעל (צופֿריעדען): אַט דאָס מיין איך טאַקע. זאָל זיין העניע, זאָל זיין איידע... אַבי ניט אַליין (קוקענדיג אין בעט) און בפֿרט איצט, אַז דו האָסט אַזאַווירקליך בעקוועם בעט...

שפּירא (כלומרשט בייז): נו געגוג!...

בערגעל: זיי מיר מוחל, איך מיין ניט קיין שלעכטס... גלאַט אַזוי — מען קוקט אויפֿ'ן בעט, רעדט זיך ממילא... איצט ברודערקע, געה איך... איך דאַרף דאָ אַריין געהן פֿאַר דריי בלאָקס.

שפּירא: קום נאָכדעם צוריק...

בערגעל: אפשר, אויב איך וועל דאַרטען ניט טרעפֿען קיינעם אין דער היים. דערהווייל גוד־באַי, פֿריינד. (אָב).

שפּירא (בלייבענדיג אַליין): זי וועט קומען צו ניט? (געהט צו צום בעט און ציהט זיך אויס אין דער ברייט. עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיהר. ער שפּרינגט אויף, לויפֿט צו צום טיהר און עפֿענט איהר. עס קומט אַריין העניע; אָנגעטהאָן אין אַ נייעם סוט, דאָס געזיכט אביסעל אָבגעלעבט, אָבער נאָך מיט צאַרטען חן; די אויגען גלאַנצען מיט בענקשאַפֿט און בעגעהר).

העניע: אַ קוים געטראָפֿען! הייסט עס — דאָ וואָהנט איהר! (בעטראַכט דאָס צימער) אַ זעלטען שעהנער רום, צוויי פֿענסטער... (געהט ווייטער): אַ וויעג־שטוהל אויך... איך וועל זיך טאַקע אביסעלע וויעגען (בעטראַכט דאָס בעט, שיסט אויס מיט אַ גרויס געלעכטער) אַ, מיין גאָט, זעהט ס'אַרע בעט! אַזאַ גרויס בעט! שפּירא, צו וואָס בעדאַרפֿט איהר אַזאַ גרויס בעט? הי־הי־הי! אוי, איך דערהאַלט ניט.. דאָ קען דאָך שלאָפֿען אַ גאַנצע פֿאַמיליע...

שפּירא (פֿערשעהמט): נו, וואָס קען איך העלפֿען... דאָס איז אַן אַמעריקאַנער מיסעס.. ביי די אַמעריקאַנער זיינען אַלע בעטען אַזעלכע גרויסע...

ה ע נ י ע (לאכענדיג אלץ): נו, איהר האט גאר ניט קיין מורא צו שלאפען אליין אין אזא בעט?...

ש פ י ר א: וואס מיינט איהר... אביסעל איז טאקע נישט בעקוועם, מיר דאכט זיך, אז איך וועל אין איהר פערלארען, די ערשטע נאכט האב איך ניט געקענט איינשלאפען. איך האב מאד־נע געפיהלט.

ה ע נ י ע (ערנסטער): ווירקליך מאדנע.. איך וואלט ניט געקענט ליגען אליין אין אזא גרויסע בעט...

ש פ י ר א: יא, מיר איז אויך ניט אנגענעהם... מענ־ליך, אז די מיסעס וועט מיר געבען אן אנדער בעט...

ה ע נ י ע (כאפט זיך אן): א, ניין, צו וואס איבער־טרייבען? פערקעהרט, ס'איז גאנץ בעקוועם. ניין, בייט ניט אום... מיר געפעלט עס — ברייט, פריי!

ש פ י ר א: יא, אבער איהר האט דאך געלאכט...

ה ע נ י ע: א, איך האב ניט געלאכט... איך האב גלאט געזאגט, אז עס איז א גרויסע בעט..

ש פ י ר א: אבער עס איז באמת ניט בעקוועם...

ה ע נ י ע: פאר וואס אייגענטליך?

ש פ י ר א (דרייסטער): ווייס איך, עס איז אייגענטליך א בעט פאר א פאר פאלק, פאר א מאן און ווייב... איך בין דאך א בחור... איהר ווייסט דאך... צו וואס זאל איך געברויכען אזא גרוים בעט...

ה ע נ י ע (שמייכלענדיג): נו, נעהמט מען א ווייב... וואס איז? ווייניג מיידלעך זיינען דא אין אמעריקא...

ש פ י ר א: אך מיין גאט! נעהמען א ווייב... קויפט מען דען א ווייב אין א דעפארטמענט סטאר...

ה ע נ י ע: צו וואס קויפען? איהר קענט דאך אויס־קלייבען איינע פון אייערע בעקאנטע.

שפ י ר א: ווייס איך, עפעס האב איך דאריבער קיינ־

מאָל ניט געטראַכט... אַט קען איך אייך שוין אַ צוויי־דריי יאָהר און דאָך האָבען מיר וועגען אַזעלכעס קיינמאָל ניט גערעדט...

ה ע נ י ע (פּאַכעט זיך מיט'ן טיכעל): אוי, ביי אייך איז דאַכט מיר, צו הייס... עפענט אויף אַ פענסטער...

ש פּ י ר א: יאָ, איך קען עפענען... אָבער טהוט אויס דעם דזשעקעט...

ה ע נ י ע (פערלעגען): יאָ, ווירקליך, איך וועל מיך אויסטהאָן! (טהוט אויס דעם דזשעקעט, בלייבט אין אַ דורכזיכטיגע ווייסע וועסט, דורך וועלכע עס קוקט ארויס איהר שעהנע ווייסע ברוסט).

ש פּ י ר א (קוקענדיג אויף איהר וועסט): אַך, מיין גאָט, איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אייך אַזוי שעהן...

ה ע נ י ע: אַ, איהר מאַכט מיר קאָמפּלימענטען... פון אייך האָב איך עס ניט ערוואַרטעט...

ש פּ י ר א (אויפגערעגט): פאַר וואָס? איהר מיינט אַז איך ווייס ניט ווי אַזוי צו שעצען אייך?...

ה ע נ י ע (רויטלענדיג זיך): פאַר וואָס עפּעס דוקא היינט?

שפּ י ר א: היינט האָב איך מיר עפּעס דערפיהלט דרייסטער, לעבענסלוסטיגער.. אַ נייער צימער... נייע האָפנונגען (נעהמט זי אָן פאַר'ן האַנד): זעצט זיך, העניע, לעבען מיר... אַט דאָ...

ה ע נ י ע (פערשעהמט): וואָס עפּעס דאָ? איך וועל מיך זעצען אויפ'ן וויעג - שטוהל...

ש פּ י ר א (אין העכערע אויפרעגונג): אַ, צו וואָס אויפ'ן וויעג־שטוהל... דאָ, איז זעהר, זעהר אנגענעהם... (ער ציהט זי צו זיך, זי פאָלגט איהם ווילענלאָז, זיי זעצען זיך ביידע צו. ער גלעט איהר די האָר.) איהר האָט זעלטען שעהנע האָר... צולאָזט זיי, איך בעט אייך, צו וואָס די שטאָהלענע האָר־נאָדלען, די שווערע קאַמען, בעפרייט זיך פון זיי...

ה ע נ י ע (ווי דערשראָקען): ניין, ניין, מען דאַרף ניט!... עס קען נאָך אימעצער אַנקומען...

ש פ י ר א (פליסטערענדיג): ניין, מיין הענעלע, קיינער וועט ניט קומען... קיינער ניט... אז איהר זייט דאַ, ברויך איך קיינעם ניט... איך וועל קיינעם ניט אַריינלאָזען... (שלעפּט נער־וועז די האָר־נאָדלען און די קאַמען פון איהר קאָפּ, אַ מאָמענט, און די שווארצע שעהנע האָר ווערען צושאָטען איבער די שולטערען).

ש פ י ר א (שרייט אויס מיט ענטציקונג): ווי הערליך! מיין גאָט! (שליסט זי אין זיינע אָרעמס) הענעלע, טהייערע, איך האָב אייך יעצט אַזוי ליעב, אַזוי ליעב!

ה ע נ י ע (אין זיינע אָרעמס): בלויז איצט?...

ש פ י ר א (פייערדיג): ניט בלויז איצט.. שטענדיג, שטענדיג, שטענדיג וועל איך דיך ליעבען... (ראָש) ווילסט, הע־נעלע, זיין מיט מיר שטענדיג?...

ה ע נ י ע (קוקט איהם אָן מיט פערשעהמענדע בליקען): מיינט איהר עס ערענסט?

ש פ י ר א (מיט גלוט): אַ, מיט דעם הייליגסטען ערענסט, העניעלע, מיין גאָלדענע! גלויב מיר! איך מיין עס ערענסט... (נעהמען זיך שטאַרק ארום).

ה ע נ י ע (בליבענדיג פערגליווערט אין זיינע אָרימס): אַ מיין טהייערער! ווי גוט עס איז צו זיין צוזאַמען!

ש פ י ר א: דאָס העכסטע גליק פון וועלכע איך האָב די לעצטע יאָהרען געטרוימט...

ה ע נ י ע (צולאַכט זיך): און ווער, שפּירא, איז אונזער שדכן געוועזען...

ש פ י ר א (גלעטענדיג זי): אַ, דער שדכן איז דאָס שעה־נע בעט, וועלכע האָט שאַרפער געמאַכט מיין איינזאַמקייט.

ה ע נ י ע (אין עקסטאז): געבענטשט זאָל עס זיין אויף אימער!

ש פ י ר א (מיט כונה): יא, געבענטשט!

(העניע און שפּירא קושען זיך הייסער און הייסער).

(פאָרהאַנג)

דער שפּאַניער.

פערזאנען:

ליזא, 25 יאָהר, א ברונעטין, זעהט אויס ווי א שפאניערין.
ראָזא, 20 יאָהר, איהר שוועסטער.
נחום, 25 יאָהר, זייערער א קוזין.
באַרדאשי, 30 יאָהר, עבטער ברונעט.
(די סצענע קומט פאָר אין ניו־יאָרק, די לעצטע צייט)

די סצענע שטעלט פאָר אַן אָרים, אָבער זויבער אויפגע־רוימט צימער. די צוויי בעטען זאָרגפעלטיג פערבעט. בלאַנק־ווייסע ציכען אויף די קישענס. איבעראל מערקט זיך די אַרבייט פון געשמאַקפולע פרויען־הענד. 7 אַ זייגער אין אָוועגד. דער גאַז איז שוין אָנגעצונדען. אַז דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, געפינט זיך אויף דער סצענע ליזא און ראָזא.

ל י ז א : די אידישע יונגעלייט מעגען זיך אלע אויפהענגען... אלע ביז איינעם...

ר אָ ז אַ : יאָ, זיי זיינען אלע גראָב... איך האָב זיי אויף פיינט...

ל י ז א : זיי זיינען נישט אויפריכטיג און האָבען נישט קיין שום אהנונג פון וואהרער ליעבע...

ר אָ ז אַ : פאָרהאַן זאָגאר אויסנאהמען..

ל י ז א (האַקט זי בייז איבער): געה זוך די אויסנאהמען! מען! דו ביזט נאָך יונג, אָבער איך... פון אלע מיינע ליעבעס מיט אידישע יונגעלייט האָט זיך אויסגעלאָזט א טייך. (פערהאַפט זיך) קיין טייך אויך נישט... דאָס הארץ איז אזוי טרוקען...

ר אָ ז אַ : מיינסט, אז ניט־אידען זיינען בעסער?...

ל י ז א : יאָ! איך בין זיכער... איך בין זיכער... (געהט אום אויפגערעגט הין און צוריק איבער'ן צימער).

ר אָ ז אַ (מיט אָנטייל): ליזע, עפּעס ביזטו צופיעל פערטיעפט...

ל י ז א : יאָ, איך האָב עפּעס צו דערצעהלען, נאָר איך ווייס נישט, וועמען קען איך עס ענטרעקען...

ר אַ ז אַ : פאַר מיר, דאַכט זיך, קענסטו אַלץ דערצעה־לען... ווייסט דאָך, אַז איך פערשטעה דיך און פיהל דיר מיט.

ל י ז אַ (פאַלט איהר אַ ווײַנענדיגע אויפ׳ן האַלז) : אוי, ראַזעלע, אַז דו וואָלסט ווייסען, וואָס ביי מיר קומט איצט פאָר אין הארצען...

ר אַ ז אַ (געריהרט) : דערצעהל מיר, ליזא, דערצעהל...

ל י ז אַ (בערוהיגט זיך אַביסעל) : יאָ, דיר וועל איך עס דערצעהלען... אייגענטליך וועל איך עס מוזען אַלעמען דערצעה־לען... איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט... ווייסט, ראַזע־לע, עס קאָן זיין, אַז איינגיכען זאָל איך פריי ווערען פון מיין שאָפּ...

ר אַ ז אַ (שטאַרק פעראינטערעסירט) : וואָס הייסט?

ל י ז אַ : איך האָב מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק זיך בע־קענט מיט איינעם, וואָס געהט אוים נאָך מיינע טריט...

ר אַ ז אַ (גליקליך) : זעהר גוט! זעהר גוט... אוי, ווי צו־פרידען איך בין... דערצעהל מיר, ווער ער איז... בעקען מיך מיט איהם...

ל י ז אַ : אַט דאָס איז אָבער דאָס איינציגע, וואָס איז מיר שווער...

ר אַ ז אַ : פאַרוואָס...

ל י ז אַ : ער איז נישט קיין איד.

ר אַ ז אַ (ווי דערשראָקען) : הם... אַ גוי...

ל י ז אַ (בייז) : דו אויך!... אַ גוי! קענסט נישט זאָ־גען האָטש אַ קריסט...

ר אַ ז ע : ענטשולדיג, איך האָב מיך אויסגערעדט... איך מיין טאַקע... אַ קריסט...

ל י ז אַ : ביי מיר איז נישטאָ קיין גוי און נישט קיין קריסט — איך ווייס נאָר, אַז ער איז אַ שפּאַניער...

ר אַ ז אַ : ווי אַזוי האָסטו זיך מיט איהם בעקענט?...

ל י ז א (שטראַהלענד): אויף זעהר אַן אינטערעסאַנטען אופן... איך בין מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק געפאָהרען מיט'ן עלעוואַטאָר, זיצט אַזוי נעבען מיר אַ ברונעטער יונגערמאַן מיט אויגען, שוועסטערקע, מיט אויגען, אַז זיי האָבען מיך דורכגעדרונגען... שוואַרץ ווי קויהל!... און האַלט אַזוי די אויגען אויף מיר און קוקט אויף מיר אַזוי.. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב אויך אויף איהם געקוקט... עפּעס האָב איך זיך נישט געפיהלט גענוג שטאַרק, נישט צו קוקען אויף איהם... ענדליך הער איך ווי ער פרעגט מיך: — זענט איהר נישט קיין שפּאַניערין?... איך בין אין אָנפאַנג געוואָרען צוטומעלט און האָב נישט געקענט איהם ענטפערן, נאָר באַלד האָב איך געפּאַסט מוט און איהם געענטפערט: צום בעדויערען, ניין... ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן און זיך אָנגערופען: ווירקליך צום בעדויערן... איך האָב געמיינט, איהר זענט מיינס אַ לאַנדס־מיידעל... דאָ זיינען דאָ אַזוי וועניג אונזערע פרויען... ער האָט מיך אַזוי דערמיט געריהרט, אַז איך האָב גלייך בעקומען מוט און געפרעגט: און נישט קיין שפּאַניערין קען איך דען קיין פריינד נישט זיין? איך ווייס אַליין נישט, וואו איך האָב געקריגען דעם מוט צו זאָגען איהם דאָס... ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַזוי פיעל ליעבע, אַז איך האָב געמיינט, איך צוגעה. נאָכדעם רופט ער זיך אָן: קען איך האָבען דאָס גליק צו זעהן אייך נאָך אַמאָל?

איך האָב איהם געענטפערט, אַז איך קען איהם נישט... דאָך האָב איך איהם פערשפּראָכען צו טרעפען זיך מיט איהם אַמאָל... אַז עס איז געקומען די סטיישאַן, וואו איך האָב געדאַרפט אַראָב, איז ער אויך אַראָב און האָט זיך אָנגערופען: איך וועל אייך אַליין נישט לאָזען געהן, איך וועל אייך בעגלייטען... אַראָבגעהענדיג פון די טרעפּ, האָט ער מיר גלייך גענומען אונטערן אָרים. איך האָב נישט געהאַט קיין קראַפט ווידערצושטעהן און ער האָט מיך בעגלייט ביז'ן הויז...

ר אָ ז אַ: זעהר אינטערעסאַנט!

ל י ז א : זיט דאן טרעפען מיר זיך אלע אווענד...

ר א ז א : האט איהר שוין גערעדט וועגען ערנסטעס?... כ'מיין, צו וואס קען עס פיהרען?...

ל י ז א : ער דארף היינט צו מיר קומען אהער. מיר דאכט, ראזעלע, אז ער וועט זיין מיין חתן און שפעטער מיין מאן... איך וויל, דו זאלסט איהם טאקע קענען...

ר א ז א : איך וויל איהם טאקע זעהן... איך האב נאך קיינמאל קיין שפאניער נישט געזעהען... מען זאגט, זיי האבען זעהר היים בלוט... און אמת טאקע, ליזא?...

ל י ז א (פערשעמט) : ווייס איך...

ר א ז א : ווי הייסט, דו ווייסט נישט... האט ער דען דיך נישט געקושט אמאל...

ל י ז א (לאכענדיג גוטהערציג) : נארעלע, אויף דער גאס קען מען זיך נישט קושען.. א פאליסמאן קען נאך אוועקפיהרען אין סטיישאן־הויז... אט וועסטו איהם היינט זעהן...

ר א ז א : איך וויל איהם זעהר זעהן! (נאאיוו) איך וועל גלייך אוועקגעהן, איך וועל דיר נישט שטערען...

ל י ז א (פערשעמט) : ביזט א נאר... וואס וועסטו מיר שטערען... דארפסט נישט אוועקגעהן...

ר א ז א (צוהיצט) : ניין, איך וועל אוועקגעהן, איהר וועט זיך דא פערברענגען...

ל י ז א (אויפגערעגט) : אוי, מיין גוט שוועסטערל! (צעוויינט זיך).

ר א ז א : טא וואס וויינסטו, נארעלע? געהערט אבי־סעל... וויינט נאר... (בתמימות) וויינסטו ווייל א קריסט?...

ל י ז א : ניין, דאס ארט מיך נישט. וואס ארט מיך, ווער עס וועט מיר געבען גליק... איך וויין גלאט אזוי, עס וויינט זיך...

ר א ז א (דערמאהנענדיג זיך אן עפעס) : אוי, ליזא... ווען נחום זאל דאס וויסען! ער איז אזא נאציאנאליסט, ער וועט אזוי בייז זיין!

ל י ז א : נו, וועט ער בייז זיין! איהם איז גוט, אז ער האָט ארום זיך פיעל אידישע מיידלעך... זאָל ער פּרובירען לע־בען אזוי איינזאם ווי איך... א גאנצען טאָג ארבייטען אין שאפּ און אין אָוועגד לייענען א פּייפּער, — וועט ער אויך נישט מא־כען קיין אונטערשיד פון א אידישער ביז א קריסטין...

ר אָ ז א (נאָכדענקענדיג): אודאי אזוי... אין ליעבע־זא־כען איז נישטאָ קיין איד און קיין קריסט...

ל י ז א :בכלל האָב איך קיין מורא נישט פאר קיינעם... איך וועל מיין גליק נישט אָבשטויסען צוליעב אמונה... אז נחום קומט, דערצעהל איך איהם...

ר אָ ז א : ער דארף שוין טאקי דאָ באלד זיין. ער האָט נעכטען מיר געזאָגט, אז היינט קומט ער. — שא, מיר דאכט, אז ער געהט...

ל י ז א : אפשר געהט דאָס דער שפּאניער? (עס עפענט זיך די טיר און נחום געהט אריין).

נ ח ו ם : (דערלאנגענדיג ביידען די הענד): וואָס מאכט איהר, מיינע שוועסטערליך?...

ר אָ ז א (לאכענדיג): א תנאים!

ל י ז א (צו ראָזען): רייד נישט קיין נארישקייט..

נ ח ו ם : עפּעס א סוד... דערצעהלט מיר, נארישע קינ־דער. עפּעס בין איך דאָך אייער גייסטיגער אַפּעקון...

ל י ז א : א נארישקייט, איך האָב מיך בעקענט מיט א יונגענמאן, הייסט שוין ביי איהר מאכען תנאים...

נ ח ו ם : אדרבא, גאנץ פיין. תנאים איז א אידישע זאך...

ל י ז א (ראש): דער חתן איז אָבער נישט קיין איד.

נ ח ו ם (איבערראשט): נישט קיין איד... וואָס הייסט נישט קיין איד?...

ר אָ ז א (שיסט אויס): א קריסט...

נ ח ו ם : א קריסט! ווי קומט ליזא צו קריסטען? אר־בייטסט דאך אין א אידישען שאפ!...

ל י ז א : וואס מיינסטו טאקע, אז אין ניו־יארק איז שוין גאר קיין קריסטען נישטא?...

נ ח ו ם (לאבענדיג) : סיידען אין בראנזוויל... איך בין שוין דא דריי יאהר און האב נאך קיין קריסט נישט געזעהען...

ל י ז א : נו, איז דאך גוט... טא וואס דארפסטו ארץ־ישראל? איז דאך דא ארץ - ישראל....

נ ח ו ם : דאס איז אן אנדער פראגע. וועגען ארץ־ישראל האבען מיר מארגען טאקע א מיטינג... היינט אבער דערצעהל מיר, ווער איז טאקע דיין נייער בעקאנטער. זיי פארזיכטיג.

ל י ז א (בייז) : פארזיכטיג! פארזיכטיג! נאר זיי היטען זיך!

ר א ז א (קען נישט איינהאלטען זיך) : ווייסט, ווער איהר חתן איז?... א שפאניער!...

נ ח ו ם (דערשראקען) : א שפאניער! ווי קומט זי צו א שפאניער... דו בלאפסט.

ל י ז א : ניין, ברודערל, זי בלאפט נישט. מיין בעקאנ־טער איז א ריינער שפאניער.

נ ח ו ם (ערנסט) : ליזא, וואס רעדסטו, — געהסט זיך פערבינדען מיט א שפאניער?... האסט נישט געלעזען די אידי־שע געשיכטע?...

ל י ז א : וועלכע געשיכטע?...

נ ח ו ם (צוקאכט) : דו ווייסט נישט פון דער געשיכטע פון אידען אין שפאניען... ווייסט נישט, אז מען האט אונז דאר־טען געברענט אויפ'ן אויטא־דא־פע...

ל י ז א (פער'חדוש'ט) : אויפ'ן וואס?

נ ח ו ם (קרימט זי בייז) : אויפ'ן וואס? אויפ'ן וואס?

— אויפ'ן אויטא־דא־פע... די אינקוויזיציע...

ליזא: אינקוויזיציע... מיינע געשעפטען... אין שאפ איז מעהר אינקוויזיציע...

נחום: איך וועל דיר נישט לאזען האבען קיין געשעפ־טען מיט'ן שפאניער... (אויפגעבראכט): וועה! וואס א אידישע טאכטער קען זיך ערלויבען!... אט דאס זאגט טאקע מאקס נארדוי...

ליזא: שוין מאקס נארדוי — וואס איז דאס פאר א מין אינקוויזיציע?

נחום (ווייכער): ליזא, ווייסט דאך, אז איך בין נישט קיין פאנאטיקער, מיך ארט נישט זאלסט חתונה האבען, למשל, מיט א סאציאליסט, כאטש פיינט האב איך זיי אויך, ווי א איד — חזיר. (ווידער בייז) האב חתונה מיט אן איטאליענער, צו אלדי טייוועל! מיט א יאפאנעזער, מיט א חינעזער, מיט אן עסקימאס... וויבאלד אז איך ציהט צו גוים! אבער מיט א שפא־ניער... דאס פאלק, וואס האט אידען אזוי געפייניגט...

ליזא (סארקאסטיש): מיך האבען זיי נישט געפיי־ניגט... מיין אידישער באס פייניגט מיך מעהר...

נחום: רעדסט ווי אן אנטיסעמיטין, ווי א פעררעטע־רין!

ראזא (האקט איבער): עמיצער גייט.

ליזא (אויפכאפענדיג זיך): דאס איז ער! דער שפא־ניער!

נחום: איך וועל איהם ארויסיאגען!

ליזא: איך בעט דיך, זיי א מענש, גיי אריין אין מיין לאגע...

נחום: א, טארקוועמאדא! אינקוויזיציע! אויטא־דא־פע! פערפלוכט זאלט איהר זיין!

ראזא: ששש...

(עס עפענט זיך די טיר און עס געהט אריין בארדאשי. נחום שטעלט אויף איהם אויס די אויגען, גיט זיך א חאפ צו איהם און צולאכט זיך).

נ ח ו ם : פייטעלאוויטש... א רוח אין דיין טאטען אריין!... ווען ביזטו דאס געווארען א שפאניער?...

(ליזא פערברעכט מיט די הענד; ראזא האלט זי צו, זי זאל ניט פאלען).

נ ח ו ם (צו בארדאשי) : אוי, איידער אזא איד, איז שוין טאקע בעסער א שפאניער...

(פארהאנג)

לידער.

פ ע ר ז א נ ע ן :

פייערמאן, א שריפטשטעלער, א פעסט געבויטער מאן
פון 30 יאהר.
מערי, זיין פרוי, אונגעפעהר 25 יאהר.

סצענע: א שרייב־קאבינעט, פאר מיטאג, די שטארען זיי־נען ארא̈בגעלאָזט איבער די פענסטער. אויף די ווענט קא־פיעס פון מאָדערנע און קלאסישע קונסט־בילדער. אין מי־טען צימער דער שרייב־טיש, ארום טיש אָ צוויי שטוה־לען, ביי דער זייט אָ סאפע, די פרוי הויך און שלאַנק מיט אָ בלאסט צארט געזיכט, מיט גרויסע, קלוגע און ענערגישע אויגען. מאַכט אָרדענונג אין צימער. זי איז געקליידעט אין אָ מאָרגען־ראָק. עס געהט אַריין פייערמאַן מיט אָ צייטונג אין דער האַנד. דאָס יונגע פריש ראזיר־טע געזיכט שפּראָצט מיט לעבען, גלויבען און גליק. ער בעמיהט זיך אָבער צו זיין אונצופריעדען, אומזיסט. די אויגען גרויסע, שווארצע און אויסדרוקספאלע, ווי ביי אָ קלוג קינד — לאַכען.

פ י י ע ר מ א ן (אזוי ווי בייז): שוין ווידער א קרי־טיק איבער מיין נייעסטעס בוך...

מ ע ר (צופריעדען) י ריהמט מען דיך ווידער ? (לאַ־כענדיג) געוויס ריהמט מען דיך... כ'האב נאָך קיינמאל קיין שלעכט ווארט איבער דיר געלעזען.

פ י י ע ר מ א ן (שמיכעלט): די אידיאָטען ריהמען מיך שטענדיג. אבער דער היינטיגער קריטיקער איז שוין עטוואס קליגער — ער ווארפט מיר וואס פאַר.

מ ע ר י (אונרוהיג): אזוי גאָר! ווי וואגט ער עס איי־גענטליך ?...

פ י י ע ר מ א ן (ווי פערוואלקענט): ער האט געכאפּט מיין שוואכע זייט...

מ ע ר י : געמליך, וועלכע ?

פ י י ע ר מ א ן (בייז) : ער שרייבט, אז אין מיין שאפען פעהלט דאס ליידען..

מ ע ר י : א חסרון: די כלה איז צו שעהן !...

פ י י ע ר מ א ן (בייז אויף מערי'ן) : ער איז דאך גע־רעכט... איך האב עס שטענדיג געפיהלט און האב געוואוסט, אז ענדליך וועט מען מיך פאקען. איצט האט מען מיך געפאקט ! (נאכדענקענדיג) אין דער אמת'ן — ווי אזוי האב איך פרע־טענזיעס אויף געניאליטעט, אז איך האב אין מיין לעבען קיין מאל ניט געליטען, נישט פיזיש, נישט מאראליש... מיר האט קיין מאל קיין צאהן ניט וועה געטהאן, מיך האט קיין מאל דאס געוויסען ניט געביסען (נאך א פויזע, בייז) : איך וויל ליי־דען, הערסט, מערי, איך וויל ליידען !

מ ע ר י (צולאכט זיך) : אה מיין גאט, ווי קאמיש ! א מענש וויל ליידען...

פ י י ע ר מ א ן : נאר דו, נישט צוליעב מיר וויל איך ליידען — צוליעב דער קונסט !

מ ע ר י (אנקוקענדיג איהם פער'חדוש'ט) : נו, וואס קען איך דיר טהאן, דו זאלסט ליידען ?... זאל איך דיר אפשר אויפ־הערען טריי צו זיין ?...

פ י י ע ר מ א ן (מיט א שטראהלענדען געזיכט) : דענקסטו, אז עס וואלט געהאלפען ?...

מ ע ר י (בייז) : און דו ווייסט עס ניט ? פיהלסט עס ניט, אז דו וואלסט דערפון געליטען ?

פ י י ע ר מ א ן (ערענסט) : געוויס, געוויס, נשמה מיי־נע ! אך, ווי וואלט איך געליטען ! אט איך פיהל שוין די ליידען! אה, מערי, פערלאז מיך ניט !

מ ע ר י (שמייכלענד) : אבער דו ווילסט דאך ליידען צוליעב דער קונסט !

פ י י ע ר מ א ן : הא, צוליעב דער קונסט.. די קונסט... אך, יאָ, עס וואָלט כדאי געווען, מערי — איך פיהל, אז אהן שטארקע איבערלעבעניש לעשט זיך מיין שאפען. איך מוז אנ־הויבען שטארק פון עפּעס צו ליידען. איך מוז מיין קונסט פער־טיעפען. צו שעהן איז זי, צו גלאט; זי מוז אין דער טיעף געהן, מערי! וואָלסט אימשטאַנדע געווען מיר אונטריי ווערען ?

מ ע ר י (שמייכלענד) : צי איך וואָלט אימשטאַנד געווען? וואס מיינסטו, דו ביזט דער איינציגער, וועלכען מען קען ליעב האבען ? נאָר דו ! (קוקט איהם אָביסעל חוזק'דיג אָן).

פ י י ער מ א ן (איבערראשט) : דאָס איז פאר מיר אַן אונערוואַרטעטע ענטדעקונג. טאַקע אמת ? נאָך אזא ליעבע וואָלסטו מיך געקענט פערלאָזען ?

מ ע ר י (רוהיג און שטאָלץ) : נאָך ווי פערלאָזען ! ס'איז נאָר ניט אזוי שווער ווי דו מיינסט..

פ י י ע ר מ א ן (פערטראכט זיך) : אוי, וואָלט עס גוט געווען... אוי, וואָלט איך געליטען !

מ ע ר י (שטרענג) : קענסט שוין ליידען..

פ י י ע ר מ א ן : ווארום עפּעס שוין ?...

מ ע ר י (בעדייטענד) : ווייל איך האָב דיך שוין לאַנג פערראַטהען, אונטריי געבליבען...

פ י י ע ר מ א ן (שפּרינגט אויף) : דו האָסט מיך שוין לאַנג פערראַטהען, ווען ? ווי אזוי ? דערצעהל !

מ ע ר י (לאָזט אראָב די אויגען) : כיין דערצעהלען דיר קען איך עס ניט, איך וואג עס ניט, איך האָב מורא...

פ י י ע ר מ א ן (נעהמט זי אָן ביי די הענד) : נייִן, דו מוזט, דו מוזט מיר אַלץ דערצעהלען. איך וועל דיר אַלץ מוחל זיין, נאָר דערצעהל... (קושט זי) דערצעהל, טהייערע מערי, דער־צעהל ווען און ווי אזוי איז דאָס צוגעגאַנגען...

מ ע ר י (שעמעוודיג) : דאָס איז געווען מיט א יאָהר צוריק, געדענקסטו ווען דו האָסט פון דער זומער־וואוהנונג גע־

מוזט וועגן דיינע ליטעראַרישע געשעפטען אויף אַ פּאָר וואָ־כען אָבפּאַהרען ?...

פ י י ע ר מ אַ ן (מיט ברענענדיגע אויגען) : איך גע־דענק, נו ?...

מ ע ר י (פערדעקט מיט די הענד די אויגען) : ניין, כ'קען ניט דערצעהלען... איך קען ניט... איך קען ניט דערצעהלען... איך קען ניט... איך בעט דיך, פּייערמאַן, לאָז מיך איצט אָב... אַן אַנדערס מאָל...

פ י י ע ר מ אַ ן (העכסט אויפגעבראַכט כאַפּט זי פאַר די הענד) : ניין, מערי, איך לאָז דיך ניט אָב, מוזט מיר איצט אַלץ דערצעהלען, אַלץ, פון אַלף ביז תיו... ווי אַזוי איז עס צוגעגאַנגען און ווער איז ער געווען, און וואו איז ער איצט... אַלץ, אַלץ...

מ ע ר י (וויינענדיג) : וועסט שוין צופיעל ליידען...

פ י י ע ר מ אַ ן (בעפעהלענדיג) : ניט דיין עסק ! פער־גינסט שוין מיר ניט דאָס ביסעל גליק, אַז איך וועל ליידען? אַזוי ווייט האַלט עס שוין !...

מ ע ר י (צאַרט) : ניין, מיין ליעבער — אַזוי ווייט האַלט עס ניט ! אויב דאָס ליידען איז פאַר דיר ווירקליך אַ מוז, וואָלט איך אודאי געוואָלט דו זאָלסט ליידען, מיר פערדריסט אָבער, פאַרוואָס זאָלסטו דוקא דורך מיר דיין ערשטע שווערע איבערלעבעניש בעקומען... אַך, מיין גאָט... (זי זיפצט פער־צווייפעלט).

פ י י ע ר מ אַ ן (צושטעהענדיג צו איהר) : נו, מערי, דאָס זאָל דיר גאָר ניט אַרען, פערקעהרט, דו דאַרפסט זיך פון איין זייט גליקליך פיהלען, וואָס אַ דאַנק דיר וועט מיין שאַפען נעהמען אַן אַנדער ווענדונג.

מ ע ר י (אויפלויכטענד) : אויב דיר איז ניחא.. אַל־זאָ איך וועל דיר אַלעס דערצעהלען.

פ י י ע ר מ אַ ן (שטאַרק געשפּאַנט) : גיבער.. ווי אַזוי איז עס פאַרגעקומען.

מ ע ר י (עפּוואָס שעמעוודיג, אָבער דרייסט): דו ביזט דאמאָלס אוועקגעפאָהרען, קענגען איבער, געדענקסט דאָך, האָט געוואָהנט א יונגער מאַן...

פ י י ע ר מ א ן (גלעטענדיג דעם שטערען): אַט דער ברונעם פון קרים, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א גרוזין.

מ ע ר י (שמייכעלט פערשולדיגט): יאָ, אַט דער יונ־גער־מאַן... אָנפאַנגס האָט ער מיר בלויז פריינדליך בעגריסט. נאָכדעם האָט ער געבעטען ערלויבעניש מיך צו בעגלייטען ביז'ן וועלדעל אויף מיין שפּאַציער. דאָס דריטע מאָל האָט מיך שוין אליין צו איהם געצויגען און ווען ער האָט מיך איין מאָל איינגע־לאַדען צו זיך אין שטיבעל א גלעזעל קרימער ווייז טרינקען, האָב איך ניט געקענט ביישטעהן און בין אריין צו איהם... אָך, מיין גאָט, עס איז געווען א שטאַרקער מאָמענט.

פ י י ע ר מ א ן (אין גאַנצען פערכאַפּט פון דעם ראָמאַן): אין וואָס איז דער מאָמענט אייגענטליך בעשטאַנען... דערצעהל דאָך...

מ ע ר י (פרעך שמייכלענדיג): איז עס דיר ניט בע־קאַנט... האָסטו דען מיך אויך אָנפאַנגס אזוי ניט פערלאַקט, ווען אפילו ביי אנדערע אומשטענדען! ? אָבער דעם אמת גע־זאָגט, ביי דעם „קרימער ברוינעט" איז עס נאָך פאַנטאַסטישער און מעהר בעצויבערענד געווען... אָך, זיין ערשטער קוש! דעם וועל איך ניט פערגעסען כל זמן איך וועל לעבען. ניין, פּייער־מאַן, דו האָסט נאָך קיין מאָל מיך אזוי שעהן און ליידענשאַפט־ליך ניט געקושט... זיין קוש איז אזוי ווי א פייער אין מיינע ביינער אריין און האָט מיך פאַרברענט...

פ י י ע ר מ א ן (מיט שטראַהלענדע אויגען): אָה, עס איז אזוי הערליך!..

מ ע ר י (גאַנץ ערשטוינט): וואָס איז הערליך?

פ י י ע ר מ א ן (מיט בעגייסטערטען געזיכט): אַט די

גאנצע געשיכטע און ווי אזוי דו גיבסט עס איצט איבער — ס'איז ווירקליך א זעלטענע פּאעמע...

מ ע ר י (בייז): נו, און וואָס איז פון דיין לײדען?...

פ י י ע ר מ אַ ן (ווי דערמאָנענדיג זיך אָן עפּעס): אה, בנאמנות, איך האָב גאָר פערגעסען.. די געשיכטע איז אזוי שעהן, אז איך האָב גאָר פערגעסען, אז דאָס אלץ האָט מיט דיר, מיין געליעבטער, פּאסירט.

מ ע ר י (אויסשטעלענדיג די אויגען): נו, לײדסטו דערפון גאָר ניט?

פ י י ע ר מ אַ ן (פערוואונדערט): יא, ביזט גערעכט, איך וויים אויך ניט... מיר דאכט, אז איך לײד גאָר ניט.. איך פערשטעה עס גאָר ניט... די גאנצע געשיכטע איז צו שעהן...

מ ע ר י (בייז): ביזט אַן אידיאָט! די גאנצע געשיכטע איז א ליגען, דאָס האָב איך בלויז אויסגעטראכט צוליעב דיין גליק...

פ י י ע ר מ אַ ן (שטאַרק ענטוישט): אה, ס'איז א ליע־גען.. אה, אזא שעהנע געשיכטע! א שאָד!... ביזט א שלעכ־טע!... עס פערדריסט מיר באמת, עס טהוט מיר ווירקליך לײד...

מ ע ר י (וויינט): איצט זעה איך, אז דו האָסט מיך גאָר ניט ליעב... איצט לײד א י ך...

פ י י ע ר מ אַ ן (קושט זי): נארעלע, איך האָב דיר זעהר, זעהר ליעב, אבער די קונסט האָב איך דאָך ליעבער... פערשטעהסט? — די קונסט. איך וואָלט פאַר איהר באמת גע־וואָלט לײדען.

מ ע ר י (נאָך אַלץ בייז): ווערסט נאָך לײדען, ווארט!

פ י י ע ר מ אַ ן (פרום): הלוואי!

מ ע ר י (געהט אָב פון כעס, צולאכט זיך).

(פאָרהאנג).

די שידוכים.

פּערזאָנען:

ראָזע און ליזא, צוויי מיידלאך — חבר'טעס.

בערמאַן, אַ יונגערמאַן פון עטלאכע און צוואנציג.

אין ראָזע׳ס צימער, ריין אויפגערוימט. אַ קליינע שמאָלע בעט ביי דער וואנט. איבער׳ן בעט הענגען בילדער און אַ קליינער פּאָרטרעט. ראָזע און ליזע זיצען ביים קליין טישעל. לאנגע פּאַוזע).

ל י ז א (אויפשטעלענדיג זיך): ראָזע... איז דאָס טאקע אַן אמת, אַז... (האקט זיך אָב).

ר אָ ז ע (קוקט זי אָן): וואָס?...

ל י ז ע (צוגעהענדיג צו דער וואנט און אָנקוקענדיג דאָס פּאָרטרעטעל): אַז ער האָט שוין אַן אנדער מיידעל...

ר אָ ז ע: מען זאָגט... (שמייכעלט).

ל י ז ע: נו, וואָס געהסטו פּאַרנעהמען?

ר אָ ז ע (דריקט מיט די פּלייצעס): פּאַרנעהמען?! מיין גאָט! צו אזא שטופּע בין איך נאָך גאָט צו דאנקען ניט דערגאַנ־גען — שלעפּען אין געריכט וועל איך איהם ניט. קיין טויזענד דאָלאר פאר יעדען קוש, וואָס ער האָט מיר געגעבען וועל איך ביי איהם ניט פאָדערען.

ל י ז ע (לאכט): טויזענד דאָלאר פאר יעדען קוש!... עס וואָלט אזוי פיעל געלט אויף דער וועלט ניט געווען. איך דענק, אַז ווען דו מאָהנסט ביי איהם אַ ניקעל פאר אַ קוש וואָלסטו אויך געוואָרען אַ גביר׳טע...

ראָזע (אַביסעל פֿערשעמט) : ניט אַזוי ווי דו מיינסט... אָבער וואָס געווען איז געווען... איצט איז אַלעס אויס...

ליזע : אַרט עס דיך גאָר ניט ?...

ראָזע (נאָכדענקענדיג) : פֿאַר דיר וועל איך זאָגען דעם אמת... עס מהוט אַזוי וועה, שוועסטער...

(קעהרט זיך אום מיט'ן פּנים צום וואַנט).

ליזע (געריהרט) : האָסטו שוין גערעדט מיט איהם?

ראָזע : יאָ... אָבער ניט וועגען דעם... איך שפּיעל דאָך די ראָלע, אַזוי ווי מיר וואָלט די גאַנצע זאַך ניט אָנגעגאַנגען... ער איז גאַנץ איבערראַשט.

ליזע (פֿאָרשענדיג) : זעהסטו זיך נאָך אַמאָל מיט איהם ?

ראָזע : יאָ... ער דאַרף דאָ באַלד אויך זיין... אָבער שוין דאָס לעצטע מאָל...

ליזע : צו וואָס ?

ראָזע : (שמייכלענדיג) : זעגענען זיך.. ער וויל זיך צוגעהן, ווי פֿריינד.

ליזע (פֿערוואונדערט) : דאָס איז קאָמיש... מיין מיי־נונג איז, אַז קוים פֿערלאָזט ער מיך, וואָלט איך איהם אַפילו ניט וועלען בעגעגנען...

ראָזע (מיט וועהטאָג) : עס איז גרינג צו זאָגען...

ליזע : געוויס איז עס ניט אַזוי לייכט... איבריגענס וועל איך דיך לאָזען אַליין. איך וויל זיך מיט איהם ניט טרעפֿען... איך קען איהם אין פּנים ניט קוקען...

ראָזע : וואָס ביזטו אויף איהם אַזוי בייז ?...

ליזע : איך וויים... אַ מאַן, וואָס ליעבט ניט טריי זיין געליעבטער האָב איך פֿיינט...

ראָזע (פֿערטיעפֿט) : פֿיינט ?... נאָך אַלע זאַכען איז דאָך דאָס אַ געפֿיהל זאַך... אָבער אויב דו ווילסט געהן וועל איך

דיך ניט אָבהאַלטען... עס איז טאַקע בעסער... די צושיידונג וועט וואהרשיינליך פּאַרקומען זעהר טראַגיש (לאַכט מיט גאַל).

ל י ז ע : נו, טאַ זיי מיר געזונט... האַלט זיך מוטיג.

ר אַ ז ע (ווי בעליידיגט) : דאָס לאָז שוין איבער צו מיר.

(ליזע אָב).

ר אַ ז ע (אליין) : אַך, ווי דאָס האַרץ קלעמט! גאָט גיב מיר כח! (עס הערט זיך אַ קלאַפּען אין טהיר) דאָס איז ער!... (כאַפּט זיך פאַר'ן ברוסט, געהט עפענען).

ב ע ר מ אַ ן (אריינגעהענדיג, בלייבט שטעהן פערווירט).

ר אַ ז ע : (בעהערשענדיג זיך) : זעצט זיך, מיסטער בערמאַן.

ב ע ר מ אַ ן (מאַכט איהר נאָך) : „מיסטער" בערמאַן!... ווי לאַנג בין איך אַ מיסטער געוואָרען?

ר אַ ז ע : דאָס ווייסט איהר בעסער...

ב ע ר מ אַ ן (בעטראַכטענדיג זי) : מיסטער... איהר?!... אַך, מיין גאָט!... ווי אַלץ לאָזט זיך אוים אזוי!

ר אַ ז ע : איהר האָט נאָך טענות?...

ב ע ר מ אַ ן (לאָזט אַראָב דעם קאָפּ) : געוויס... אָבער דאָך די פריינדשאַפט קען מען דאָך נאָך אָנהאַלטען....

ר אַ ז ע : פריינדשאַפט? יאָ... איך ווינש אייך ניט קיין שלעכטס...

ב ע ר מ אַ ן (בעלויכטען) : מיינט איהר עס אמת? מיין ליעבע ראָזע!

ר אַ ז ע (שטרענג) : אָהן צערטליכקייטען! איך ליעב עס ניט...

ב ע ר מ אַ ן (פערחדוש'ט) : ראָזע! איהר ליעבט ניט קיין צערטליכקייטען?!

ר אַ ז ע (נאָך שטרענגער) : אַלענפאַלס ניט איצט און ניט פון אייך...

ב ע ר מ אַ ן (קוקט זי אָן אַ בעליידיגטער): יאַ... אפשר ביזטו גערעכט... פּאַרדאָן — אפשר זיינט איהר גערעכט... איך קען מיך אַלץ ניט אבגעוועהנען פון דעם „דו“...

ר אָ ז ע (סאַרקאַסטיש): אַזוי געפעלט ער אייך, דער ליעבער „דו“?...

ב ע ר מ אַ ן (ענטציקט): יאַ... לאָמיר זיין ווידער אויף דו...

ר אָ ז ע (שמייבעלט זיעגעריש): און יענע מיידעל?... ווי אַזוי וועט איהר זיין מיט יענער מיידעל?...

ב ע ר מ אַ ן: ראָזע, פּייניג מיך ניט!

ר אָ ז ע: איך פּייניג אייך? אויב אַזוי, געהט אוועק...

ב ע ר מ אַ ן: אוועקגעהן אין אַזאַ שטימונג? ניין, דאָס איז מיר אונמעגליך... אַלרייט, איך געה... אָבער מיר מוזען זיך שיידען ווי פריינד...

ר אָ ז ע (האַלטענדיג זיך שטאָלץ): געוויס...

ב ע ר מ אַ ן (בעטענדיג): גיט מיר אייער האַנט...

ר אָ ז ע (ציהט איהם אויס די האַנט)...

ב ע ר מ אַ ן: מעג איך אַ קוש טהאָן?...

ר אָ ז ע (מיט ווירדע ווי אַ קעניגין): אין האַנט—יאַ...

ב ע ר מ אַ ן: ערלויבט מיר אויך אין די ליפּען...

ר אָ ז ע (ווי בעליידיגט): אין די ליפּען! דאָס איז שוין פון אייער זייט אַ ביסעל פרעך...

ב ע ר מ אַ ן: פרעך?! וואָס רעדט איהר?...

ר אָ ז ע (בייז): צוזאַגאַר צו פרעך (זי נעהמט צו צו־ריק די האַנט) ניין, איך ערלויבט אייך אפילו אין האַנט אויך ניט... איבריגענס, עס איז שוין שפּעט... איך האָב נאָך וואו צו געהן...

ב ע ר מ אַ ן (אַ צוטומעלטער): ראָזע... איך בעט דיך, איך קען פון דיר אַזוי נישט אוועקגעהן... זאַנדערבאַר... דער

געדאנק, אז די, וואָס איז מיר אזוי נאָהענט געווען, זאָל פּלוצים מיר ווערען אזוי פרעמד, מאכט מיך משוגע... עס איז דאָך אונ־בעגרייפליך!... די, וואָס איך האָב אין מיינע אָרימס געהאלטען, זאָל איך פּלוצים נישט טאָרען אָנריהרען און אזוי אויף אייביג פערלירען... דאָס איז אַ גרויזאמע שטראָף... (נאָכדענקענדיג) אויב אזוי... (קען עס ניט ארויסזאָגען).

ר אָ ז ע : אויב אזוי — איז וואָס?

ב ע ר מ אַ ן (קומענדיג צו זיך): אויב אזוי, ביזטו מיינע ווידער... איך וויים ניט פון קיין אנדערע... ראָזע, מיין טייערע... איך קען נישט אוועקגעהן פון דיר אָהן אַ קוש!... דו און נאָר דו ביזט מיינע...

ר אָ ז ע (ווי אַ זיעגערין) : וואָס־זשע וועט איצט יענע זאָגען?...

ב ע ר מ אַ נ ע ן : אַ, דאָס איז געווען אַ מיספערשטענד־ניס, אַ טעות. ליעב האָב איך בלויז דיך.

ר אָ ז ע (ציהט צו איהם אוים די האַנט): איצט מעגסטו...

ב ע ר מ אַ ן : און אין די ליפּען?...

ר אָ ז ע (קלערט מיט אַ שעלמישער מינע) : אין די ליפּען? אין די ליפּען?... נא, זאָל זיין אין די ליפּען אויך! אָבער מיט אַ בעדינג... מוזט מיר זאָגען, ווער איז יענע...

ב ע ר מ אַ ן (ווי פערשעהמט) : אַך, פרעג ניט... צו וואָס זאָלסטו פערלירען אַ חבר'טע...

ר אָ ז ע (איבערראשט) : איז עס ליזע?

ב ע ר מ אַ ן (לאָזט אַראָב דעם קאָפּ) : יאָ...

ר אָ ז ע (לאכענדיג) : אויב אזוי, ביזטו ווערט אַ קוש...

(פאַלען אַריין איינע די אַנדערע אין די אָרעמס...)

(פאָרהאַנג שנעל).

דער הומאָריסט.

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

פֿייערמאַן, אַ שריפטשטעלער, אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג.

ביילא, זיין פרוי; אין זעלבען עלטער, זעהט אָבער אויס פער'חשך'ט און געעלטערט פאר דער צייט.

ד ע ר ל ע נ ד ל אָ ר ד, אַ איד פון עטליכע און פירציג יאָהר.

די סצענע קומט פאָר אין ניו־יאָרק.

פ י י ע ר מ אַ ן (קומט אַריין פון גאַס אין קיך, דאָס ווייב שטעהט מיט אַ פערקאַשערטע קלייד, האַלט אין מיטען וואַשען דעם פלאָר): חאַ־חאַ־חאַ (לאַכט נאָכאַנאַנד).

ב י י ל אַ (קוקט איהם אָן ערשטוינט): וואָס איז מיט דיר די שמחה?

פ י י ע ר מ אַ ן: קענסט עס נישט פערשטעהן? איך קען דיר נאָר זאָגען איין וואָרט: פּרנסה...

ב י י ל ע (דערשראָקען): פּרנסה? פון לאַכען וועסטו האָבען פּרנסה...

פ י י ע ר מ אַ ן (מיט געבעט): איך בעט דיך ביילא, פון היינט אָן מוזטו מיט מיר לעבען גוט, ווענינגסטענס ווען איך וועל דאַרפען שרייבען. (דערמאָנט זיך עפּעס און צולאַכט זיך ווידער).

ב י י ל אַ (קוקט איהם אָן): וואָס איז מיט דיר, זעהסט דאָך אויס ווי אַ חוזק...

פ י י ע ר מ אַ ן: ווי אַ חוזק... חוזק איז איצט מיין פּרנסה.

ב י י ל אַ (פערוואונדערט): חוזק דיין פּרנסה... ביזט ווירקליך משוגע געוואָרען.

פ י י ע ר מ אַ ן (ערנסטער): משוגע געוואָרען בין איך ניט, מיין עובדא איז אבער איצט, צו מאַכען זיך משוגע, (דער־מאָנט זיך אין עפּעס) חאַ־חאַ־חאַ: ווי מיינסטו, איך וועל קע־נען?... (פערטראַכט) איך דאַרף בלויז אריין אין דער שטימונג... דו זאָלסט מיר אבער נישט קאַליע מאַכען מיט דיינע תחינות...

ב י י ל אַ: מיט וועלכע תחינות?

פ י י ע ר מ א ן: איך רעד עס וויציג, איך מיין מיט דיינע טרויריגע שמועסען וועגען געלד און נאך זאכען... פאר מיר איז דאס איצט סם.

ב י י ל א: דער לענדלארד איז שוין דא צוויי מאל גע־וועז, ער...

פ י י ע ר מ א ן (האקט איהר דערשראקען איבער): דער־צעהל מיר ניט קיין מעשות איצט... איך בעט דיר רחמים, איך טאר עס ניט וויסען...

ב י י ל א: (בייז) וואס זאגט מען צו איהם? ער וויל שוין גאר פון לענדלארד ניט וויסען... ער וועט דיר ארויסשטע־לען אויפ'ן גאס...

פ י י ע ר מ א ן (פערשטאפט זיך די אויערען): גזלן'טע, הרג'עסט מיר אוועק!... איך טאר היינט אזוינס ניט הערען, ווען ניט בין איך קאפוט מיט מיין נייעם דזשאב...

ב י י ל א: וואס פאר א נייעם דזשאב? האסט דאך אין פייפער א דזשאב ביי דעם פנקס פון די מתים, האט מען דען איהם דיר שוין אויסגעכאפט — דיינע קאלעגען!...

פ י י ע ר מ א ן: הערסטו דאך, אט דאס איז דאך דאס אונגליק... איך האב ביז אהער געהאט מיין אבטיילונג, דעם פנקס פון די מתים, די מודעות שרייבען וועגען די בית־עולם'ס, דאס איז געווען אנגעמאסטען פאר מיר, אין דעם אבטהיילונג האב איך מיך געפיהלט ווי א פיש אין וואסער... מיינס א מודעה'לע וועגען א שטיקעל קרקע אויף א קבר איז געווען אן אמת שטיקעל שעקספיער... דעם טויט פערשטעה איך דורך און דורך... אז איך בין געווען א אינגעל, אין מיין שטעדטעל, פלעג איך גאנצע טעג אבליגען אויפ'ן בית־עולם... איז דאך אבער אמעריקא... מען כאפט אויס דעם ביסען פון מויל...

ב י י ל א (דערשראקען): ווער האט דיר דעם פנקס פון די טויטע אויסגעכאפט?

פ י י ע ר מ א ן : ווער פרעגסטו, טאקי דער רעווערענד פון דער רעדאקציע... דאכט זיך א טייערער איד, פסקנ'ט שאלות אלע ווייבער, נעהמט זיך צו מתיר מאכען די עגונות חתונה צו האבען און האט ברויט בשפע, האט זיך איהם פערוואלט מיינע מתים...

ב י י ל א : אט דאס רעווערענדיל... איך וואלט איהם די ציעגענע בערדעל אויסרייסען...

פ י י ע ר מ א ן (ווייכער) : ער איז אין גאנצען נישט שולדיג, אביסעל האט דער „מענעדזשער" זיך געסטארעט פאר איהם, דער מענעדזשער איז א גרויסער קלעריקאל, טענה'ט ער: אז ביי דעם מתים פנקס פאסט זיך בעסער א רעווערענד.

ב י י ל א : וואס איז, און דו ביזט דען אן אפיקורס חלילה?

פ י י ע ר מ א ן : נארישקייט, אן אפיקורס? זיי ווייסען, אז איך האב מיין פליכט צו די מתים ערפילט עהרליך... נאר געה טענה מיט זיי, בפרט, אז זיי האבען מיר געגעבען אן אנדער אבטהיילונג אין דער צייטונג...

ב י י ל א : וועלכע?

פ י י ע ר מ א ן (דערמאנענדיג זיך, סטארעט זיך צו זיין פרעהליך) : די קיצעלדיגע וועלט... אביסעל משמח זיין דעם לעזער.

ב י י ל א : ווערסטו דאס קענען?

פ י י ע ר מ א ן (פערטראכט זיך) : כ'מיין, וואס איז שייך קענען... מיט די מתים איז לייכטער, אבער אז מען מוז... אט דאס בעט איך דיך דאך טאקע — דערצעהל מיר ניט קיין טרויריגע זאכען: דאס קען מיך אוועק'הרג'ענען. איך דארף אויף מארגען אוועקשטעלען א פאר פרעהליכע שטיקלעך... גאט ווייס...

ב י י ל א (בייז) : א, דו מרה שחורה'ניק איינער, ער נעהמט זיך אן צו קיצלען דעם עולם! ביזט דאך א טויטער

מענש... און וואָס איז מכח דיין מאַגען... געוועזן ביים דאָקטאָר היינט?

פ י י ע ר מ אַ ן (דערשראָקען): דערמאָן מיר ניט מיין מאַגען, איך בעט דיך, איך טאָר עס ניט וויסען...

ב י י ל אַ (נאָך מעהר ביי): ער טאָר עס ניט וויסען!... ביזט דאָך שוין אַ סקעלעט...

פ י י ע ר מ אַ ן (וואַרפט מיט די הענד): גזלן'טע, הער אויף!... קוילעסט מיך... איך דאַרף היינט אַזוינע זאַכען ניט הערען... לאָז מיר עפּעס אָנשרייבען אַ פרעהליך שטיקעל...

ב י י ל אַ (פער'יאוש'ט): אַ פרעהליך שטיקעלע... געפעלט אייך מיין בעל־שמחה... דער לענדלאָרד דאַרף באַלד קומען, און ער וויל פרעהליך זיין...

פ י י ע ר מ אַ ן (וואַרפט זיך ביזז צו ביילא'ן): הערסט ניט אויף?... ווידער דער לענדלאָרד...

ב י י ל אַ (העכסט אויפגערעגט): אויב דער לענדלאָרד איז דיר וועניג, קומט באַלד דער גראָסערי־מאַן אויך...

פ י י ע ר מ אַ ן (פערצווייפעלט): דו לאָז מיך אָב היינט מיט דיינע טרויעריגע ידיעות, וואָרים מיר וועלען בלייבען אָהן ברויט... איך מוז מאָרגען ברענגען אַ וויציגע זאַכעלע... דאָס ערשטע מאָל, פערשטעהסט?...

ב י י ל אַ (וויל עפּעס ענטפערען, נאָר עס עפענט זיך די טיהר און עס געהט אריין דער לענדלאָרד).

ל ע נ ד ל אָ ר ד: נו, וואָס וועט זיין, היינט איז שוין דער צעהנטער, איהר צאָהלט זעהר ניט פּינקטליך... איך וועל מוזען אָננעהמען מיטלען...

פ י י ע ר מ אַ ן (מיט גרויס בקשה אין טאָן סטאַרעט זיך צו שמייכלען): איך בעט אייך היינטיגעס מאָל ניט אָבעסען מיר דאָס הארץ, עס געהט מיר אין לעבען... איהר פערשטעהט.

ל ע נ ד ל אָ ר ד (פערוואונדערט): וואָס הייסט, ניט

אַבעסען אייך דאָס הארץ?... וואָס זייט איהר ביי מיר, א בן יחיד? צו וואָס? וואָס מאַכט איהר זיך נאַריש?...

פ י י ע ר מ א ן (וויל איהם געבען צו פערשטעהן): פערשטעהט איהר מיך מיסטער... איך האָב פערשטעהט איהר מיך אזא שטעלע געקראַגען, וואָס איך טאָר נישט האָבען קיין עגמת נפש... דאָס איז אַזאַ מין אבטהיילונג אין מיין צייטונג... ס'איז אַ פרעהליכע אבטהיילונג, פערשטעהט איהר מיך, זעהר א פרעהליכע אַבטהיילונג...

ל ע נ ד ל אַ ר ד (מיט אויסגעשטעלטע אויגען): הייסט עס, אז איך זאָל אייך נישט מאַהנען... און געבען אייך פרייע וואָהנונג...

פ י י ע ר מ א ן: ניין, ניט דאָס... פערשטעהט איהר מיך, ביז אהער האָב איך געהאַט מיין אבטהיילונג וועגען די מתים, סעמעטעריע און דאָס גלייכען... דאַמאָלס וואָלט מיך אפילו נישט געאַרט, איהר זאָלט מיך ארו"סשטעלען אויפ'ן גאַס, איצט אָבער, פערשטעהט איהר מיך, האָט די מתים דער רעוורענד אין די רעדאַקציע איבערגענומען און מיר האָט ער איבערגעגעבען די קיצעלדיגע וועלט, ס'איז אַזאַ מין אבטהיילונג צום לאַכען... א צייטונג דאַרף האָבען אַלץ, אומעטיגעס און פרעהליכעס, ווי א טהעאַטער למשל... נו, האָט מען מיר אנשטאָדט די מתים מפצה געווען מיט דער פרעהליכער אבטהיילונג... היינט פערשטעהט איהר מיך, מוז איך אָנשרייבען די ערשטע פרעהליכע זאַך... נאַטירליך, דאַרף עס זיין געראָטען, ס'הייסט וויציג, פול מיט הומאָר... נו, אז איהר וועט מיך „באַדערען" מיט דירה געלד, וועל איך דען קענען?

ל ע נ ד ל אַ ר ד: דאָס זיינען תרוצים, איך וויל פון אַזוינע זאַכען ניט וויסען, פון מיינעט וועגען מעגט איהר בעגראַבען מתים, פון מיינעט וועגען מעגט איהר קיצלען אייערע לעזער — איך וויל דירה־געלד, מאָרגען פריה וועט איהר מיר מוזען געבען... (לענדלאָרד בייז אָב).

פ י י ע ר מ א ן: נו, ווי עס איז פּטור געוואָרען... דער גראָסערי־מאַן זאָל כאָטש היינט נישט קומען..

ב י י ל א: און אז ער וועט מאָרגען קומען, איז שוין גוט?

פ י י ע ר מ א ן (מיט געבעט): דו אויך...

ב י י ל א יא, איך אויך...

פ י י ע ר מ א ן: גזלן'טע, לאָז מיר שרייבען א פּרעהליכע זאַך אויף מאָרגען...

ב י י ל א (בעטראַכט זיך און געהט אַוועק פון איהם עפּעס מורמלענדיג, א לאַנגע פּויזע).

פ י י ע ר מ א ן (אויפ'ן קול): מיר איז גוט! מיר איז גוט!... אלץ איז א ליגען: דער לענדלאָרד מיט'ן גראָסערי מאַן, דער מאָגען מיינער קאָכט אויסגעצייכענט... עס וועט זיין מאָרגען א פרעהליכע זאַך.. (זעצט זיך שרייבען, שרייבט אַן עטליכע צייל'ען און לאַכט צו ביילע'ן) הערסטו ביילע, עס געהט! נישט ערגער פון די מתים... דער עולם וועט צופּלאַצט ווערען פאר געלעכטער...

קינדער.

פערזאנען:

יאזעף, א יונגערמאן פון א יאהר דרייסיג.
אידא, זיין פרוי, א יאהר זעקס־און־צוואנציג.
ביילע, אידאס א שוועסטער, פינף־און־דרייסיג יאהר אלט.

איב, א אינגעל פון ניין יאהר.	אלע ביילעס קינדער.
בעני, א אינגעל פון אכט יאהר.	
בעסי, א מיידעלע פון זיבען יאהר.	
א קינד, אויף דער ברוסט.	

די סצענע קומט פֿאָר אין ניו־יאָרק, אין דאַון־טאַון.
אַ זונטאָגדיגער פֿריהלינג־טאָג. נאָכמיטאָג. אידא זיצט אין אָרים־מעבלירטען פראַנט־צימער און האַלט אַ בריעף אין האַנד. די אויגען איהרע קוקען אָבער אין דער זייט, ווי זי וואָלט געווען שטאַרק פערטראַכט.
עס געהט אַריין יאָזעף פון צווייטען צימער.

יאָזעף: נו, אידא... וואָס טראַכסטו? ווילסט אפשר אויסטראַכטען אַ מיטעל, ווי אַזוי רייך צו ווערען?

אידא (טרויעריג): אויף דעם האָף איך שוין נישט. איבעריגענס, יאָזעף, יאָג איך מיך גאָר נישט אזוי שטאַרק נאָך רייכקייט.

יאָזעף: רייכקייט... עס רעדט זיך נאָר אזוי... מיי־נען מיין איך, איך זאָל זיך ארויפאַרבייטען כאָטש אויף פינף־און־צוואַנציג דאָלאַר די וואָך, דו זאָלסט נישט דאַרפען געהן ארבייטען... מיין טייער טייבעלע! (נעהמט זי צערטליך אַרום).

אידא (שוואַך אָבשטויסענדיג איהם): לאָז מיך אָב, איך בעט דיך.

יאָזעף: דו ביסט בייז, אידאַ?

אידא (פריינדליכער): ניין, איך בין נישט בייז... איך האָב געלייענט דעם בריעף פון דער מאַמען, וואָס איך האָב נעכטען פאַרנאַכט בעקומען פון יוראָפּ.

יאָזעף: וואָס שרייבט זי? זי וויל אודאי עטליכע דאָלאַר... ממה נפשך, וועלען מיר אַברייסען פון אונזערע ווייי־דזשעס און שיקען איהר.

אידא: זי בעט נישט און דאַרף נישט קיין געלד...

י אַ ז ע ף: וואָס דען?

אַ י ד אַ (ווי פערשעמט): זי פאָדערט גאָר עפּעס אַנ־דערש.

י אַ ז ע ף: וואָס, צום ביישפּיעל?...

אַ י ד אַ (שוואַך): ווייס איך וואָס... (דרייסטער) און אפשר איז זי טאַקע גערעכט?

י אַ ז ע ף: ווייז אהער דעם בריעף.

אַ י ד אַ: עס איז רעכט, אַז דו וועסט נישט לייענען מיין מאַמעס חכמות... אַ אידענע פון דער אַלטער וועלט... זי ווייס נישט פון היינטיגע המצאות...

י אַ ז ע ף (נייגיריג): וואָס, למשל, שרייבט זי?

אַ י ד אַ (מיט אַ טרויעריגען שמייכעל): זי הייסט מיר דאָקטאָרען זיך.

י אַ ז ע ף: וואָס איז דען? האָסט איהר געשריעבען, אַז דו ביזט קראַנק?

אַ י ד אַ (בייז): ביסט אַ נאַר.

י אַ ז ע ף: פּלוצלונג אַ נאַר געוואָרען... דאָס שטעהט אויך אין דיין מאַמעס בריעף?

אַ י ד אַ: ניין, דאָס זאָג איך אליין...

י אַ ז ע ף: פאַרוואָל בין איך אַ נאַר?

אַ י ד אַ (ערנסט): ביסט אַ טרום.

י אַ ז ע ף: שוין אַ טרום אויך?

אַ י ד אַ (פעסט): יאָ... איך אויך. מיר זיינען נאַרען און טרומען... מיר, די היינטיגע, די כלומרשט ענטוויקעלטע, בע־וואוסטזיניגע... די מאַמע אָבער ווייס פון קיין חכמות נישט... זי מאַהנט אַז אייניקעל...

י אַ ז ע ף (ווי ערוואַכענד): אהאַ! אַ קינד! (געהט אַרום הין און צוריק איבער׳ן צימער).

אַ י ד אַ: יאָ, אַ קינד... זי הייסט מיר געהן צו אַ דאָק־טאָר... קורירען זיך... (סאַרקאַסטיש) די קליינשטעדטעלדיגע אי־

דענע ווייס נישט, אז איך בין שוין געוועזן ביי אַ דאָקטאָר אַ פּאָר מאָל, ווי אזוי קיין קינדער נ י ש ט צו האָבען...

י אָ ז ע ף : אָט וועל איך זיך אפשר איינגיכען ארויפאַר־בייטען אויף העברעע ווייזשעס.... דו וועסט נישט דאַרפען גע־הען אַרבייטען, פערשטעהסט, מיין טייערע? (געהט צו צו איהר און קושט זי מיט גרויס ליעבשאַפט).

א י ד אַ (ווערט געריהרט) : אָט דאָס זאָג איך דאָך, אז מיר זיינען טרוסען. און מיט קלענערע ווייזשעס קען מען זיך נישט ערלויבען קינדער צו האָבען?... (זי צעוויינט זיך). יאָזעף, עס איז מיר זעהר אומעטיג. איך בענק אזוי נאָך אַ קינד... אפט־מאָל פאַרנאַכט, אז עס ווערט פינסטערליך אין האָל, איך געה דורך און זעה אַ וועלכעס קינד אויף די טרעפ זיצען, מעג עס זיין אַן אָרימס, אַ שמוציגעס, חאַפּ איך עס און קוש עס אויס די גליעדער. קומט די מוטער פון קינד, דאַן אנטלויף איך פון קינד כבושת גנב... איך בין דאָך עפּעס אַ היינטיגע, האַלט נישט פון קינדער...

י אָ ז ע ף (זיפצט).

א י ד אַ (היציגער) : און וואָס איז דאָס אומגליק, אז מען נעהמט וועניגער ווייזשעס?... אָט, מיין שוועסטער דאָ, זי איז אַ פּראָסטע ווייבעל, איהר מאַן פערדינט, דאַכט זיך, וועני־גער ווי דו, און דאָך...

י אָ ז ע ף (איראָניש) : ביזט איהר מקנא?

א י ד אַ : אפשר יאָ... (פּויזע). איך האָב איהר געשריע־בען, זי זאָל קומען אהער. עס קען זיין, זי זאָל טאַקע באַלד קו־מען... זי האָט אפילו נעבעך קיין צייט נישט. שטענדיג מיט די קינדער האָט זי צו טאָן... אפשר וועט זי קומען...

י אָ ז ע ף (איראָניש) : אַ גרויס גליק. „אָנגעפּלאָדיעט“ אזוי פיעל קינדער, לעבען אַלע אין שמוץ, אין דחקות... ניין, זאָג דיר, וואָס דו ווילסט... מיר געפעלט עס נישט...

(עס הערט זיך אַ קלאַפּען אין טיר).

אידא: יאָזעף, געה עפּען, עמיצער געהט.

(יאָזעף געהט אויפמאַכען די טיר. עס שטעהן זיך אַריין אין צימער אייב, בעני, בעסי, נאָכדעם ביילע מיט אַ קינד אויף ד הענד).

אידא (דערפרעהט): אָ, ביילע! גוט, וואָס דו ביזט געקומען... וואָס מאַכסטו? (זי צוקושען זיך) און דאָס איז דיין קלייניגקע... (וויל דאָס קינד נעהמען צו זיך, דאָס קינד צעוויינט זיך).

ביילע: וואָס רעדסטו... זי וועט דען געהן צו אַ פרעמדען?... אָט נאָר אויף די הענד און אויף די הענד.

אידא (פערזאָרגט): האָסט פון זיי געניוג, נעבעך...

ביילע: קיין בייז נישט... זיי האָדעווען זיך אויס... אָט אייב איז שוין אַ פערדינער (לאַכט).

(אידא און יאָזעף ווענדען זיך צו אייב'ן. יענער פערשעמט זיך)

אידא: אַזוי, אייב, דו פערדיענסט שוין געלד... וואָס טהוסטו דען?

אייב (מיט גרויס גדלות): איך פערקויף שבת נאָכ'ן סקוהל „הענקיטשיפס" און פּייפּערס.

ביילע (שמייכעלט מוטערליך): אַז אַך און וועה צו זיין פרנסה! פונדעסטוועגען פערדיענט ער אַ האַלבען דאָלאַר...

יאָזעף: אָ, איז ער דאָך טאַקי אַ לייט. וואָס טהוט ער מיט'ן געלד? מוז אודאי אויסספּענדען אויף קענדי?

ביילע: דאָס דוקא נישט... ער גיט אוועק ביז אַ גראָ-שען... עס קומט צוניץ... און בעני, מיינט איהר, פערדיענט שוין אויף אַ קוואָדער אַ וואָך (לאַכט).

אידא (לאַכט לוסטיג): אַ גאַנצען קוואָדער...

יאָזעף: וואָס טהוט ער?

ביילע (מיט עניוות): איך הייס איהם אַ פּנים, נאָר ער וויל אליין... שבת און זונטאַג פריה חאַפּט ער זיך ארויס מיט אַ בערשטעלע און אַ קליין בענקעלע און מאַכט אַ „שיין", ווער עס וויל... ער גיט מיר אויך אוועק אינגאַנצען...

אידאַ (לוסטיג): שפּייזער!

ביילע: וואָס מיינט איהר, מיר האָפּען טאַקע, אז זיי וועלען אונז אַמאָל שפּייזען... זיי זאָלען זיך נאָר אויסהאָדעווען...

(יאָזע מיט אידען קוקען זיך איבער).

ביילע: און דו אידאַ... נאָך אַלץ אַזוי אָהן א קינדפּע, עס געפעלט מיר נישט...

אידאַ (סאַרקאַסטיש): מיין יאָזעף דאַרף אָנהויבען נעהמען מעהר ווייזשעס... (רעדט צום קינד): שאַ, שאַ! (דאָס קינד ציהט זיך צו איהר. זי ווערט דערפרעהט) קום, טייערינקער, קום צו מיר. (דאָס קינד געהט. אידא נעהמט עס ליעב ארום און געהט אַרום איבער'ן צימער, זינגענדיג אַ קינדיש ליעדעלע).

ביילע: נישקשה, וועסט קענען זיין אַ מאַמע...

יאָזעף (ליעב אָנקוקענדיג אידען מיט'ן קינד): מיר האָפּען...

מאַבט.

פערזאנען:

שטארק, א מאן פון אונגעפעהר 35 יאהר.

שטילמאן, אין דעם זעלבען עלטער.

ראזע, א פרוי פון א יאהר 30.

די סצענע שטעלט פאַר אַ גרויסען זאַל, רייך מעבלירט, לינקס אַ סאמעטענער פאָרהאַנג, וואו עס געפינט זיך די צווייטע אבטהיילונג פון זאַל. אוועגד. דער זאַל איז העל בעלויכטעו. שטאַרק, אַ זעלבסטצופריעדענער מיט אַ גליקליכען שמייכעל אויף די ליפען, שפּאצירט אַרום אי־בער׳ן זאַל. געהט צו צו דעם פאָרהאַנג, נעהמט איהם פאַר־נאַנדער און מורמעלט.

שטאַרק (פאר זיך): זי שלאָפט... גליקליך ווי אַ קינד... ריין פון זינד... זאָל זי שלאָפען. (מאַכט צו צוריק די צוויי טהיילען פון פאָרהאַנג. דערהערט קלינגען). ווער זאָל עס זיין? (געהט עפענען די טהיר).

שטילמאַן (געהט אַריין שטיל, מיט געמאָסטענע טריט. די ליפען פערביסען, ווי ער וואָלט מורא האָבען זיי אויפצומאַכען, עס זאָל פון מויל ניט ארויספליהען אַ סוד. ענדליך מורמעלט ער אַרויס): גוטען אָוועגד.

שטאַרק: גוטען אָוועגד (געגעצט צופריעדען).

שטילמאַן: מעג איך זיך זעצען?

שטאַרק (געגעצט געמאַכטערהייט): וואָס פרעגסטו?

שטילמאַן (קוים שמייכלענדיג): ווייס איך... איך האָב מורא דו זאָלסט מיר ניט הייסען ארויסגעהן.

שטאַרק: נו, אזוי ווייט בין איך נאָך ניט שלעכט. (שמייכעלט).

שטילמאַן: יא... אזוי ווייט נאָך נישט. (זעצט זיך אַנידער. — פּאָוזע).

שטאַרק: האָסט עפּעס צו זאָגען?...

שטילמאן: אַ סך.. זעהר א סך...

שטארק (גענעצט): פאר א סך האָב איך ניט קיין געדולד. וואָס? ווידער טענות...

שטילמאן: האָסט מורא פאר מיינע טענות?...

שטארק: מורא? גאָט בעוואהר... איך האָב קיינ־מאָל ניט מורא געהאט פאר שטארקערע, בפרט פאר דיר.

שטילמאן: אזוי שטארק פיהלסטו זיך?

שטארק: געוויס... ווען איך וואָלט ניט געפיהלט אין מיר א גרויסע מאכט וואָלט איך ניט בעזעסען דעם דאָזיגען זאָל.

שטילמאן (שמייכעלט): וואָלט דער דאָזיגער זאָל מיינער געוועז.

שטארק: מעגליך... איך וויל עס ניט לייקענען.

שטילמאן: לייקענען? אלע ווייסען, אז דו האָסט מיך בערויבט...

שטארק: דאָס הייסט ניט בערויבט... קיין רויבער בין איך ניט... איך האָב בלויז געהאט די מאכט און אלעס איז צו מיר אריבערגעגאנגען.

שטילמאן: אפילו מיין יונג־שעהן ווייבעל...

שטארק (גוטמוטהיג): אפילו דיין יונג, שעהן וויי־בעל... איבריגענס שעהן איז זי ערשט ביי מיר געוואָרען... אבער לאָמיר ניט רעדען אזוי הויך. זי שלאָפט דאָ אונטערן פאָרהאנג זי קען זיך אויפכאפּען און זיך איבערשרעקען...

שטילמאן: ניין, זי שלאָפט אלע מאָל גאנץ גע־שמאַק... איך קען איהר שלאָף...

שטארק: אלזאָ, וואָס ווילסטו זאָגען?

שטילמאן: זאָגען? זאָגען וויל איך גאָר ניט... איך וויל נאָר אביסעל פילאָזאָפירען!

שטארק (קוקט איהם אָן פערוואונדערט): וואָס עפּעס

אין מיטען דערינען. ווייסט דאָך, אז צו פילאָזאָפיע האָב איך קיינמאָל קיין נייגונג ניט געהאט.

ש ט י ל מ אַ ן : יאָ, אבער איך — יא. די לעצטע צייט, זייט דו האָסט דאָס געשעפט פון מיר אוועקגערויבט און מיין ווייב, בין איך שטענדיג פערטראכט: ווי אזוי איז דאָס געשעהן.

ש ט א ר ק : איינפאך: איך בין שטארקער פאר דיר... איך האָב די מאכט.

ש ט י ל מ אַ ן : מאכט? יא... געווים... (פּאָוזע). און ווי ווערט זיין, אז איך וועל קריעגען די מאכט?

ש ט א ר ק (שמייכעלט) : דאָס קען קיינמאָל ניט פּאַסירען. מיט דער מאכט ווערט מען געבאָרען...

ש ט י ל מ אַ ן : געבאָרען... הם... טשיקאווע... אָט ווע־גען דעם טאקע טראכט איך: צו איז מאכט א צופאל, אָדער עס ליעגט אין דעם מענשען'ס נאטור...

ש ט א ר ק : דו ברעכסט זיך אומזיסט דעם קאָפּ.. מאכט איז ניט קיין צופאל. אזעלכע שלים־מזל'ס, האָב איך קיין פאר־איבעל ניט, ווי דו, ווילען זיך איינרעדען, אז עס איז א צופאל, אז ס'ווענדעט זיך אָן קאפריז פון דער השגחה ווי איהר פילאָ־זאָפישע שלים־מזל'ס רופט עס... אָ, איך ווער שוין באלד אליין א פילאָזאָף (לאכט).

ש ט י ל מ אַ ן : אביסעל פילאָזאָפיע קען דיר ניט שאַ־דען... ווער ווייס — אפשר וועסטו אויך אמאָל א שלים־מזל ווערען, וועט עס דיר צוניץ קומען.

ש ט א ר ק : איך בין היינט צו גוטמוטהיג געשטימט, זאָנסט וואָלט איך דיר דיינע לעצטע ווערטער ניט געשוויגען— איך וועל ווערען א שלים־מזל? — קיינמאָל ניט!

ש ט י ל מ אַ ן (שמיכלענדיג קוים בעמערקבאר) : מעגליך... אָז ניט... אבער מיין מיינונג וועגען מאכט איז אַן אנדערע.

ש ט א ר ק (נייגעריג) : נעמליך?

שטילמאן: געמליך, אז אַט היינט האָסטו זי און מאָרגען האָב איך זי, די מאכט, מיין איך.

שטארק: דו רעדסט נארישקייטען.

שטילמאן (שטאָלצער): בעליידיג מיך ניט...

שטארק (בייז): וואָס איז דען?

שטילמאן (שטאָלץ): אזוי... איך האָב ניט ליעב, אז מען בעליידיגט מיך...

שטארק (מיט חוזק): ביזט א גאנצער שיסער געוואָרען...

שטילמאן (טראַציג): אפשר יא... איבריגענס בין איך געקומען ברעכען דיין מאכט.

שטארק (לאכט): עס אמוזירט מיך. איך פערשפּאָר צו געהן מיט ראָזע'ן אין טהעאטער: ער איז געקומען צוברעכען מיין מאכט! ווי געפעלט עס אייך? (לאכט געזונד און צופריעדען).

שטילמאן (ארייגלעגענדיג די רעכטע האַנד אין טאַש): לאָך נישט!

שטארק (לאכט נאָך שטאַרקער).

שטילמאן: איבריגענס — לאָך... דו ביזט דאָך אַן אַלמעכטיגער...

שטארק: געוויס!

שטילמאן: ביזטו זיכער?

שטארק: נאָך ווי.

שטילמאן (געהט צו נעהנטער צו איהם, קוקט איהם אַן מיט פייערדיגע, אָבער שמייכלענדיגע בליקען): קיין מינדעסטער צווייפעל?

שטארק: דער וואָס האָט די מאכט צווייפעלט ניט.

שטילמאן: און איצט?

שטארק (דערשראָקען): שטילמאן! וואָס בעדייטעט עס?

(פאר שטארק'ס אויגען גיט אַ בליץ דער שפּיץ פון אַ רעוואָל־ווער).

שטילמאַן: דאָס איז אַ רעוואָלווער געלאָדען... זיי פאָרזיכטיג, ווארים איין דריק און דו ליעגסט מיט דיין מאכט, ווי אַ פגר אויף דר'ערד... נו, וואָס זאָגסטו איצט וועגען מאכט?

שטארק (שטאַמלענדיג): נאַטירליך... אזוי אונער־װאַרטעט... אבער בערוהיג זיך, שטילמאַן...

שטילמאַן: איך בין גאַנץ רוהיג... זיי רוהיג בלויז דו... ווייל איין וואָרט, וואָס עס וועט מיר ניט געפעלען פון דיר, קען דיך טויטען...

שטארק (בלייך און דערשראָקען): אַ, יאַ! איך בין רוהיג.

שטילמאַן: דיין מיינונג וועגען מאכט?

שטארק: נאַטירליך, מיר מאַכען אָפט טעות'ן...

שטילמאַן: ניין, דאָס שטעלט מיך ניט צופריע־דען — דו זאָג דייטליך: דו ביזט אַ נישטיגקייט.

שטארק: בעליידיגסט מיך.

שטילמאַן: קיין דינגעניש ניט! איך האָב איצט די מאַכט, אלזאָ: (שטעלט אָן דעם רעוואָלווער).

שטארק: נאַטירליך...

שטילמאַן: וואָס, נאַטירליך?

שטארק (גאַנץ שטיל): איך בין אַ נישטיגקייט.

שטילמאַן: איצט זעה איך, ווי וואָהר עס איז: ביזט אַ נישטיגקייט און אַ לומפּ. אַ יאַ, ביזט אַ לומפּ?

שטארק: מעהר אָדער וועניגער...

שטילמאַן: און אין מאכט גלויבסטו נאָך?...

שטארק (פילאָזאָפיש): וואָס איז מאכט... אַ נאַ־רישער צופאַל. אַ פערבלענדעניש...

שטארק: אַט איצט האָב איך דיך געזען, רעדסט ווי

א פילאָזאָף, ווי אַ שלים־מזל, ווי איך האָב פאַראַכטאָגען געֿ רעדט... (פּויזע) און זי שלאָפט?

שטארק: יאָ... זי האָט מיין חרפּה ניט בייגעוואָהנט...

שטילמאַן: איך האָב געוואָלט זי זאָל יאָ בייוואָהנען... געה וועק זי אויף...

שטארק (פערצווייפעלט): אַ, ניין, ניט זיי אזוי גרויזאם... נוץ ניט אוים דיין מאכט געגען א שוואכערען...

שטילמאַן (גרויסמוטיג): גוט... טאָ פערלאָז גלייך דאָס הויז... איך וויל דאָ בלייבען אליין מיט איהר...

שטארק (כאַפּט זיך אָן): אַ, אויב דו לאָזט מיך אָפּ, געה איך אוועק מיט פערגעניגען... זי איז דאָך דיין ווייב... איך האָב זי ביי דיר אַוועקגענומען מיט מיין מאכט, — איצט קלינגט עס אזוי וויציג... אדיע... ווען זאָל איך צוריק קומען?

שטילמאַן: וועסט שוין קומען צו מיר...

שטארק: זיכער, זיכער! נעהם זי געזונטערהייד... זי זאָל נאָר ווערען.

שטילמאַן: אַ, זי וועט שוין ווערען...

(שטאַרק אָב).

שטילמאַן (פונאַנדערנעהמענדיג די צוויי טהיילען פון פאָרהאנג, עס בעווייזט זיך אַ ברייטע בעט. ביי אַ ווינקעל, איינגעוויקעלט אין קישענס ליעגט ראָזע אין די קליידער און שלאָפט).

שטילמאַן (אריינלעגענדיג דעם רעוואָלווער צוריק אין טאש): ראָזע!

ראָזע (וועקענדיג זיך): שטארק?

שטילמאַן: שטעה אויף, ראָזע.

ראָזע (דערקענט נישט די שטימע): שטארק, גיב מיר א קוש...

שטילמאַן: וואַרט א ווײַלע...

ראָזע (כאַפּט זיך אויף, דערזעהט שטילמאַן'ען און בלייבט

פערווירט) : שטילמאַן, ווי קומסטו אַהער?...

שטילמאַן: איך בין געקומען דיך געוואָהר ווערען, זעהען וואָס דו מאַכסט. (נעהמט זי אָן ביי דער האַנד).

ראָזע (בייז): לאָז אָב, צווישען אונז איז איצט אַלעס צוריסען.

שטילמאַן: געוויס, געוויס...

ראָזע: וואָס טהוסטו דאָ? און וואו איז שטאַרק?

שטילמאַן: מיט שטאַרקען איז שוין אויס... (לאַכט).

ראָזע: וואָס מיינסטו אויס... שלים־מזל איינער. (וויל אַרויס פון בעט).

שטילמאַן: ליעג נאָך!...

ראָזע (שטופּט איהם אָפּ): ריהר מיך נישט אָן, ביזט מיר דערוויעדער... (שרייט) שטאַרק... שטאַרק! וואו ביזטו?

שטילמאַן: שטאַרקען האָב איך געהייסען געהן...

ראָזע: דו איהם? ווי אַזוי, וואָס פּלוידערסטו? ביזט משוגע געוואָרען?...

שטילמאַן: אפשר הייסט עס משוגע... איך האָב איהם געצייגט אַ רעוואָלווער...

שטילמאַן: גלויבסט ניט? נאַ זעה! (נעהמט אַרויס פון טאַש און צייגט איהר).

ראָזע (דערשראָקען): מיין גאָט, ווי קומט עס צו דיר?...

שטילמאַן: איך האָב מיך איבערגעלעגט... פערשטעהסט, איך האָב ערפאַהרען, אַז מיט די מעכטיגע מוז מען זיך בעגעהן ווי מיט הינט... אַך, ווי ער האָט זיך דערשראָקען, דער הונד.

ראָזע: ווער האָט זיך דערשראָקען?

שטילמאַן: דיין מעכטיגער שטאַרק!...

ראָזע: ווירקליך?

ש ט י ל מ א ן : נאך ווי.. ער האט מיר צוגעגעבען, אז ער איז נישטיגקייט און א לומפּ און איז געלעגען ביי מיינע פיס... עס איז געווען א הערליכע סצענע...

ר א ז ע (שמייכעלט) : ביזט דאך גאר א גאנצער העלד געווארען... אינטערעסאנט.

ש ט י ל מ א ן : זעהסטו!

ר א ז ע : אויב אזוי דריק איך דיר די האנד.

ש ט י ל מ א ן : און מעהר גאר נישט?... א, דו שלעכט ווייבעלע...

ר א ז ע (שעלמיש) : ווילסט, איך זאל דיר טאקע א קוש געבען?

ש ט י ל מ א ן : געווים...

(כאפּט איהם אריין אין איהרע ארעמס).

ר א ז ע : אינטערעסאנט... איז ער געלעגען פאר דיינע פיס?... אט דער מעכטיגער מאן...

ש ט י ל מ א ן (שמייכלענדיג) : שטעל זיך פאר!

ר א ז ע : יא, ווירקליך — מאדנע... ער האט ביי מיר אלעס פערלארען...

ש ט י ל מ א ן : און איך?

ר א ז ע : א, דו האסט ביי מיר צוריק געוואונען...

ש ט י ל מ א ן : אלעס?

ר א ז ע (שעלמיש) : אלעס... אלעס...

(עס הערט זיך א קלינגען).

ר א ז ע : ער קומט דאך צוריק...

ש ט י ל מ א ן : איך בין זיכער, אז מיט פּאליציי.

ר א ז ע (גערירהרט) : ער וועט דיך ארעסטירען?

ש ט י ל מ א ן (שמייכלענדיג) : מעגליך...

ר א ז ע : א, ניין, איך וועל ניט ערלויבען. דער פייגלינג! ניין! בעהאלט דעם רעוואלווער... גיב מיר איהם אהער, איך וועל איהם בעהאלטען ביי מיר... געה עפען!

שטילמאַן (געהט אויפמאַכען. עס געהט אַריין שטאַרק מיט צוויי פּאָליציוליוט).

שטאַרק (אָנווייזענדיג אויף שטילמאַן'ען): אַ, ־ער איז דאָס!

ראָזע (לויפט צו): וואָס איז?

שטאַרק: בעזוכט איהם!

(די פּאָליציי בעזוכט שטילמאַן'ען).

איין פּאָליציסט: ער האָט ניט קיין רעוואָלווער.

דער צווייטער: ווירקליך..

ראָזע (מאַכט זיך כאלו לא ידעה): וואָס פאר א רע־וואָלווער — ער איז מיין מאַן און איז געקומען נאָך מיר.

שטאַרק: דו ביזט דאָן געשלאָפען, דאָן... וואָס ווייס־טו דען, פערלאָז זיך אויף מיר...

ראָזע (אויפגערעגט): אַ, דו פייגלינג, לומפּ, אויף דיר זיך פערלאָזען!... (צו די פּאָליציי ליוט): דער הערר שטאַרק מאַכט א בלבול... איך בין ניט געשלאָפען... ער וויל רואינירען מיין מאַן...

די פּאָליציי ליוט (העפליך): אויב אַזוי ענטשולדיגט... (צו שטאַרק'ען): דאָס עדות זאָגען פון אַ דאַמע מוזען מיר אָננעהמען, בעזאָנדערס, ווען קיין שום רעוואָלווער האָבען מיר ניט געפונען.

ראָזע: ווי קומט צו מיין מאַן הערר שטילמאַן, א רע־וואָלווער... א געמיינער בלבול!

(די פּאָליציי אָב).

ראָזע (צו שטאַרק'ען): ביזט אַ נאַר און א פייג־לינג...

שטאַרק (איבעראראשט): ראָזע!

ראָזע: איך האס דיך! (צו שטילמאַן'ען): קום, שטיל־מאַן, פערצייה מיר...

שטילמאן: אַדיע, שטארק. נו, וואָס איז עפּעס מכח מאכט...

שטארק: ביזט אַ העלד מיט אַ רעוואָלווער...

שטילמאן: שוטה — דער רעוואָלווער איז אַ קינ־דערשער, צום שפּיעלען, ניט צום שיסען... דו האָסט זיך אומ־זיסט געשראָקען.

ראזע (נעהמט ארויס דעם רעוואָלווער פון אונטער דער בלוזע, וואו זי האָט איהם בעהאַלטען): ווירקליך — חאַ — חאַ — מיין העלד! און פאר אזא רעוואָלווער האָט ער זיך דערשראָקען... שטילמאן! ביזט ווירקליך אַ העלד!.. קום!

שטילמאן: נו, שטארק... וואָס איז עפּעס מכח מאכט... אַ געבוירענע זאַך אָדער אַ נארישער צופאַל?...

שטארק (בלייבט שטעהען אונבעוועגליך מיט אַן אראָב־געלאָזטען קאָפּ...)

(פאָרהאַנג לאַנגזאם).

צו שפּעט.

פערזאנען:

לאה, אַ מיידעל פון אַ יאָהר זיבען־און־צוואנציג, מיט אַ פערוועלקט געזיכט, האַלב אויסגעלאָשענע אויגען, אַ נייטאָרין.

ביילקע, אַ יונג מיידעל, מיט אַ בליהענדען געזיכט, שווארצע ברע־נענדיגע און גוטע אויגען, אויף שכירות ביי לאה׳ן.

די אַלטע מוטער, אַ אידענע פון אַ יאָהר פינף־און־זעכציג, געהט איינגעבויגען, רוקט זיך אין שטיבעל ווי אַ שאָטען, רעדט שטיל מיט אַ קרעכץ.

איסאק, אַ בחור פון אַ יאָהר דרייסיג, מיט אַן ערנסט פּנים, טראָגט אַ שווארצע בלוזע.

די סצענע קומט פאָר אין אַ פּראָווינציעלער שטאָדט אין דער ליטא, אין די לעצטע יאָהרען נאָך דער רוסישער רע־וואָליוציע.

די סצענע שטעלט פאָר אַ קליין שטיבעל, ביי דער טיר — רעכטס — אַן אויוועז; קעגענאיבער דער טיר ביים איינ־ציגען פענסטער, וואָס קוקט ארויס אין שמוציגען הויף, אַ הילצערנער נישט־געפּארבטער טיש, אויף וועלכען עס זיינען אַנגעוואָרפען וועשצייג; נעבען טיש שטעהט אַ נייה־מאַשין און אַ טאַבורעט. ביי די איבעריגע צוויי שווארצע וועגד פון שטיבעל שטעהען — רעכטס אַ בעטעל מיט בעט־צייג, לינקס אַ הילצערנע סאָפקע. אַ ווינטער־אָווענד. ל א ה און ב י י ל ק ע זיצען ביי דער אַרבייט ביים טיש און נייהען, פערזונקען אין געדאנקען. דער לאָמפּ אין מיטען טיש ברענט טונקעל.

ב י י ל ק ע (נאָך אַ לאַנגער פּויזע, קוקענדיג צום אַלטען וואנד־זייגער): שוין צוואנציג מינוט צו אַכט, נאָך צוואנציג מי־נוט...

ל א ה (גוטמוטיג): קוקסט מיר צופיעל אויפ׳ן זייגער.

ב י י ל ק ע (האַלב פערשעמט): ס׳איז א געוועהנהייט...

ל א ה: ס׳איז נישט קיין געוועהנהייט. ס׳איז א ליעבע. ער שטעהט שוין אודאי אין ראַג און ווארט אויף דיר. יאַ, בייל־קע?...

ב י י ל ק ע (לאכט): ס׳איז נישט אזוי ברענענדיג, ווי איהר מיינט. (קוקט ווידער צום זייגער, מיינענדיג, אַז לאה בע־מערקט ניט).

ל א ה (מיט אַ זיפֿץ): יאָ, ס'איז נישט אַזוי ווי איך מיין. וואָס ווייסען מיר פון אַזוינע זאַכען... (שטיל ווי צו זיך) אויף מיר האָט קיינער ניט געוואַרט... קיינער ניט געוואַרט...

ב י י ל ק ע: וואָס איז?.. פאַרוואָס? (קוקט אויף איהר ווי מיט מיטגעפיהל).

ל א ה: פאַרוואָס? האַ, פאַרוואָס? (שמייכעלט ביטער־ליך) כ'לעבען, איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס. (קוקט אויפ'ן זייגער). נו, קענסט שוין באַלד געהן, וועסטו איהם שוין זעהן, באַלד... עס ציהט, וואָס?... זאָג, שעם זיך נישט... עס ציהט?...

ב י י ל ק ע (מיט אַראָבגעלאָזטע בליקען): וואָס איז זיך דאַ צו שעמען. איך וויל איהם טאַקי זעהן... ס'ציהט טאַקי..

ל א ה: יאָ, עס ציהט, איך ווייס... (אויפגערעגט עטוואָס) זאָג מיר ביילקע, אַז איהר טרעפט זיך ביידע, וואָס טהוט איהר? זאָג, נאַרעלע, זאָג...

ב י י ל ק ע (פערשעהמט): וואָסהייסט וואָס טוען מיר... מיר געהען שפּאַצירען, מירריידען...

ל א ה (קוקט זי אָן ליידענשאַפטליך): און אַז דו קומסט צו איהם... זאָג נאָר...

ב י י ל ק ע: צו איהם... צו איהם געה איך זעהר זעלטען.. כ'לעבען זעהר זעלטען..

ל א ה (מיט מעהר ליידענשאַפט): אָבער אַז דו ביזט ביי איהם, ווי אַזוי פערברענגט איהר?... זאָג... מיר מעגסטו זאָגען... איך בין דאָך דיינע נישט קיין בעל־הבית'טע, איך בין דאָך דיי־נע אַ חבר'טאָרין... זאָג מיר אַלץ.

ב י י ל ק ע: אודאי וועל איך אייך זאָגען... איך האָב גאָר קיין מורא נישט... ער גיט מיר אַמאָל אַ קוש...

ל א ה (לעגט אַוועק די אַרבייט): אַמאָל אַ קוש... נישט מעהר? דאָס ביזטו שוין אַ ליגנערין... איך גלויב נישט... איך מיין, אַז איהר מוזט זיצען נאָכאַנאַנד און קושען זיך... יאָ?..

בייל קע (לאכט פערשעמט): נאָכאַנאַנד טאַקע נישט... נאָר מען קושט זיך געגנוג... חי־חי־חי! איך איהם נישט, אפשר זעלטען אמאָל... אבער ער — א מאָדנער! מילא אייך וועל איך שוין אַלץ דערצעהלען — ער וואָלט זיך נאָר געקושט און גע־קושט...

לאה (פלאמט אויף, אַטעמט שווער): וואו, למשל, קושט ער דיך... זאָג, שעהם זיך נישט...

בייל קע (שוין ווערענדיג פריי): אַ מאָדנער איז ער... איהר ווייסט וואו — אַט דאָ אָ. (זי ווייזט אויף איהר ווייסען האַלז) אַט דאָ! זעלטען־ווען אויף די ליפּען.

לאה (לאכט ליידענשאַפטליך): ער איז נישט קיין נאָר!... האָסט טאַקי א שעהנעם האַלז...

בייל קע (אַלץ מעהר צוקאָכענדיג זיך): אז איך וואָלט ווייסען, אז איהר וועט נישט לאַכען, וואָלט איך אייך נאָך עפּעס דערצעהלט... ניין! דאָס דערצעהל איך שוין נישט... ער איז אזא מאָדנער!...

לאה (ווידער שטאַרק אויפגערעגט): נאַרעלע, וועמען וועל איך דערצעהלען? וואָס בין איך עפּעס — א בערייַדערין... איך האַלט דאָס דען פאַר אַן עולה?... אדרבא, הלואי וואָלט איך אמאָל... ניין, נישט דאָס... ד נרצעהל, וואָס איז עס פאַר א מאָד־נער... איך קען דאָך איהם, ער איז דאָך, פערקעהרט, א גאַנץ ליעבער יונג... דערצעהל...

בייל קע (פויגט זיך אָן צו איהר): אָבער געדענקט! איהר זאָלט קיינעם נישט דערצעהלען... אז מיר בלייבען אמאָל לאַנג אליין, בעט ער מיך. נאָר ניין... איך שעהם מיך... איך וועל עס נישט דערצעהלען...

לאה (שטעלט זיך אויף, מיט אַ ציטערענדען קול): איך בעשווער דיך, דו מוזט דערצעהלען! האָסט אָנגעהויבען, מוזטו דערצעהלען,

ב י י ל ק ע (שוין אויך לײדענשאַפטליך, פליסטערט שטיל): אַז ער קושט מיך שוין גוט אַן דאַ אין האַלז, בעט ער מיך, איך זאָל אָבשפּיליען די בלוזקע... און אַז איך וויל נישט, שפּיליעט ער אליין אָב... איך האָב דאַמאָלס קיין כוחות נישט צו וועהרען זיך... איך פאַל עפּעס אריין ווי אין אַ חלשות... עפּעס געהען מיר ווי אויס די כחות, און ער קושט מיר אין ברוסט... אוי, לאה'לע, איך מוז אייך שוין דערצעהלען אַלץ: עס איז מיר דאַ־מאָלס עפּעס אַזאַ מחיה... אַזאַ מחיה... איך געה אויס...

ל א ה (פאַלט צו איהר צו און נעהמט זי שטאַרק אַרום): אוי, מיין קלוגע ביילקע! טהוסט גוט! גוט! גוט!

ב י י ל ק ע (ווי ניט גלויבענדיג): טאַקע, איהר מיינט עס מיט אַן אמת? זאָגט, איהר זענט דאָך אַ געבילדעטע... איהר לייענט דאָך אַזוי פיעל ביכלעך... איך ווייס גאָרנישט. אַמאָל האָב איך חרטה דערויף, און אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז עס איז גאָרנישט. ער זאָגט, אַז מען מעג אַלץ... פונדעסטוועגען „אַלץ" וויל איך נישט...

ל א ה (העכסט אויפגערעגט): מען מעג אַלץ, אַלץ!...

ב י י ל ק ע: איך מיין אויך, אַז מען מעג, אויב מען האָט זיך ליעב אויף אַן אמת.

ל א ה: מען מעג, מען מעג... קלוגע מעגען, אָבער נאַרען טאָרען נישט...

ב י י ל ק ע: איצטער בעט איך אייך, דערצעהלט מיר אויך, אייער איסאַק קושט אייך אַמאָל?... ער איז עפּעס אַזאַ גע־בילדעטער... מיינער איז קנאַפּ געבילדעט... זאָגט, איך בעט אייך... איך מוז דאָס וויסען...

ל א ה (טראַכט אַ ווײלע): מיינער? איסאַק? ער איז גאָר נישט מיינער... אַזוי בעקאַנט... מען אַרבייט צוזאַמען אין בעוועגונג... ער קומט אַמאָל אַרויף...

ב י י ל ק ע: ביי אייך קושט מען זיך נישט, איך ווייס... איהר זענט ערנסטע מענשען.

ל א ה (האַלב איראָניש): יאַ, מיר זיינען ערנסטע מענ־שען. מיר האָבען דערצו קיין צייט נישט. (עס הערען זיך שווערע טריט פון אַן אַלטען מענשען). די מאמע געהט, געה שוין, בייל־קעלע, שוין אכט.

ד י אַ ל ט ע מ ו ט ע ר (קומט מיט אַ קויש, אין וועל־כען עס ליגען אויפ'ן דעק אָנגעפּרווירענע עפּעלער): נו, א טאָג אַ ביסעל... אָנגעקאַלייעט זיך און פרעג וואָס... נישט געלייזט קיין גאנצען פערציגער. און דער גאָראָדאָוואָי, א קלאָג נאָך איהם, ס'אר א מין הונד א גוי דאָס איז, לאָזט נישט שטעהן אויפ'ן טראָטואר. חאַטש גיב איהם אַ קרענק... אוי, מיינע שטעכעניש איהם! (קרעכצט).

ב י י ל ק ע (שוין אָן אָנגעטאָענע צום אַוועקגעהן, שטיל צו לאה'ן): געדענקט־זשע, לאה... א סוד...

ל א ה: גוט, מיין קינד, האָב קיין מורא נישט.... געה שוין גיכער, א רחמנות אויף איהם...

ב י י ל ק ע: נישקשה, ער האָט צייט. (לאכט) א גוטע נאַכט!

ל א ה: א גוטע נאכט! (זיפצט).

ד י אַ ל ט ע מ ו ט ע ר: א גוטע נאַכט, טאָכטערקע... געה געזונד!... (צו לאה'ן) ס'אר א פאַרשוין א מיידעל! אַ מחיה אויף איהר צו קוקען... האָט שוין א חתן, האָב איך גע־הערט.

לאה (פערטראַכט): יאַ... זי האָט...

ד י מ ו ט ע ר: נו, וואָס ביזטו אזוי פערזאָרגט... דו וועסט אויך האָבען...

ל א ה (בייז): מאַמע רייד נישט!...

ד י מ ו ט ע ר (מיט אַ קרעכץ): נו, שאַ, איך רייד נישט. נו, עס עפּעס, איך האָב געבראַכט א גוט שטיקעל שמיע־טענע־קעז, אָבער טאקע אמת שמעטענע־קעז...

ל א ה: מאַמע, איך בעט דיך, רייד נישט וועגען קעז...

די מוטער: רייד נישט וועגען קען?... פארוואס נישט ריידען?... איך האָב מיט א ביזן געקויפט שמעטענע־קעז... עס היילט אין הארצען...

לאה (איראָניש): היילט אין הארצען... וועסט שוין מיר דאָס הארץ נישט היילען...

די מוטער: ביי דיר איז דאָך אלץ פערקעהרט, וואָס מען זאָגט דיר פאָלגסטו נישט... זעה ס'אר א פנים דו האָסט מאקע...

לאה (אויפגערעגט): מאמע, הערסט נישט אויף אמאָל! (שטעלט זיך קוקען אין דעם קליינעם שפּיגעלע ביים וואָנד, פער־ריכט נערוועז די האָהר) מאמע!

די מוטער: וואָס איז?

לאה (ניט דרייסט): מאמע... איך וויל דיך עפּעס בע־טען, זאָלסט קיין פאראיבעל נישט האָבען... דו מוזט דאָס מיר טהאָן... איך וויל, זאָלסט היינט געהן נעכטיגען צו דער מוהמע שרה'ן...

די מוטער (ערשטוינט): וואָס איז אזוי? צו וואָס הא, לאה?

לאה (ניט געפינענדיג באַלד קיין ווערטער): פער־שטעהסטו, איסאק האָט מיך געבעטען... איסאק האָט געזאָגט, אז מען וועט זיך דאָ היינט צונויפקלויבען... מען דארף דאָ ריי־דען וועגען א וויכטיגע זאַך... ווייסט דאָך... זיי ווילען נישט, אז א פרעמדער מענש זאָל זיין דערביי... פערשטעהסט... ביי דער מוהמע שרה'ן איז דאָך גוט צו שלאָפען...

די מוטער: ס'איז דאָך מיר א חרפּה... וואָס וועל איך זאָגען? ציצעליסטען דארפען זיך אָן עצה האלטען... מען וועט דאָך מיך אויסלאַכען...

לאה: מאמע, איך בעט דיך, היינט טהו דאָס מיר, אבער גיכער... (אויפגערעגט) אבער גיכער!... מאמע, האָב קיין פאראיבעל נישט, איך מוז... איך האָב צוגעזאָגט... (געהט אום

הין און צוריק) מאמע, געה אוועק...

די מוטער: שא, איך געה, איך געה...

לאה: נעהם עס עפּעס אַב... נור גיכער, מאמע... ער קומט באַלד.. זיי קומען באַלד...

די מוטער (האַלב בייז): איך וועל שוין דאַרטען עסען... אַז אַך און וועה איז צו מיר... (רוקט זיך ארויס ווי אַ שאָטען. לאה בלייבט אַליין. געהט אום הין און צוריק איבער דער סצענע, קוקט אַלע ווײַלע אין שפּיגעל און מורמעלט).

לאה (פאַר זיך): היינט מוז איך זיך אויסזאָגען... איך וויל געניסען! געניסען! געניסען! (זי דערהערט טריט. ווערט אויפגערעגט).

איסאַק (געהט אַריין פּאַוואַליע. דער אָבגעטראָגענער מאַנ־טעל איז פונאַנדערגעשפּיליעט, עס זעהט זיך אַרויס די שוואַרצע בלוזע). גוטען אָווענד! (גיט לאה׳ן די האַנד).

לאה (האַלט די האַנד אַ לענגערע ווײַלע און דריקט): גוּ־טען אָווענד, איסאַק... נו?...

איסאַק (אָוועקזעצענדיג זיך): וואָס נו? געווען היינט אַ סך ארבייט... איך מוז באַלד ווידער געהן. היינט איז אַ סחאָד־קע...

לאה: אַזוי, אַ סחאָדקע... ווידער אַ סחאָדקע... איהר מוזט געהן טאַקע?

איסאַק (קוקט זי אָן): עס פערשטעהט זיך — איך מוז... וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע... איהר וועט אויך געהן...

לאה: יאָ... אודאי — איך וועל אויך געהן... (פּויזע) איסאַק!

איסאַק: „איסאַק און איסאַק"! וואָס איז אַזוינס?

לאה: איך האָב געוואָלט... בלייבט גאָר דאָ... די מאַמע איז נישטאָ...

איסאַק: וואָס רעדט איהר... מען מוז געהן אויף דער סחאָדקע... מען וואַרט דאָרט... קומט!

לאה: איך קען נישט געהן... די מאמע איז נישטאָ...

איסאַק: וואו איז די מאמע? זי קומט דאָך מסתמא באלד...

לאה: ניין, זי קומט נישט... זי קומט נישט...

איסאַק (פערוואונדערט): פארוואָס?

לאה (שטאַמלענדיג): איך האָב זי בכיון אוועקגעשיקט. איך האָב געוואָלט... (האקט זיך אָב).

איסאַק: עפּעס זענט איהר, לאה, היינט מאָדנע.. איהר רעדט נישט. עפּעס א מאָדנע קאָנספּיראַציע...

לאה: א קאָנספּיראַציע... יאָ... א געפעהרליכע זאַך...

איסאַק (ווי בעלעדיגט): פאר מיר האָט איהר קאָנס־פּיראַציעס?... פאר מיר?!...

לאה (קוקט איהם אָן): איהר מיינט דען, אז איהר מעגט וויסען פון אלע קאָנספּיראַציעס (שמייכעלט ביטער).

איסאַק (זיכער): איך מיין, אז יאָ. איהר ווייסט עס גאַנץ גוט...

לאה: איך? איך ווייס גאָרנישט... איך ווייס גאָר־נישט...

איסאַק: נו, לאה, דערצעהלט...

לאה: וועט איהר בלייבען דאָ?

איסאַק: איך קען נישט... די סחאָדקע... מיר מוזען געהן...

לאה: אזוי, די סחאָדקע... נו, טאָ קומט... איך געה אויך.

איסאַק: און איהר וועט טאקע נישט דערצעהלען?

לאה (פערביסען): ניין... מען טאָר נישט... מען טאָר נישט... קאָנספּיראַציע... (לאכט זיך היסטעריש פונאַנדער).

איסאַק (קוקט זי אָן פערוואונדערט): לאה, וואָס איז מיט אייך? זאָגט! רעדט!

ל א ה (בערוהיגט זיך): ניין, ס'איז גאָרנישט. פרעג וואָס האָב איך אוועקגעשיקט די מאַמע... איך האָב עפּעס גע־מיינט... איך האָב עפּעס געוואָלט, און האָב גאָר פֿערגעסען, אַז ס'איז שוין שפּעט...

א י ס אַ ק (ניט פֿערשטעהענדיג): יאָ, ס'איז שוין טאַקע ש פּ ע ט... קומט אויף דער סחאָדקע...

די מצזלה.

פערזאנען:

דער גבאי.
די רביצין.
חסידים.

די סצענע שטעלט פאָר אַ חסידיש שטיבעל אין אַלטען סטיל. אַ נידעריגער באַלקען. אין מיטען אַ גרויסער טיש, צוויי־שען פיער הילצערנע רונדע זיילען, איבערגעדעקט מיט אַ צוהאַקטער מאַפּע. ביי די זייטען אַלטע בענק. ארום די דונקעלע ווענד שטעהען קלענערע און גרעסערע טישען, אָנגעוואָרפען מיט אַלטע ספרים. ביים עמוד רויכערן צוויי גרויסע יאָהרצייט־ליכט. טיעפער פון עמוד העננט דער ארון־קודש, פערדעקט מיט אַ פּרכות, פון אויבען מיט אַ גאָלדענער עטרה. עס איז צוויי דער זייגער ביי טאָג. אַ נאַסער גראָהער הערבסט־טאָג קוקט אריין דורך די פענס־טער מיט די קליינע שויבען. די מצולה, אַ טיעפער זומפּ, ליגט אויסגעצויגען הינטערן שטיבעל. ערטערווייז איז זי פערצויגען מיט אַ געדיכטען שימעל. איין חסיד מיט אַ צופלאָכטענער באָרד, מיט לאַנגע געקרייזעלטע פּאות קוקט אַרויס דורכ'ן פענסטער, קוקט צו דער מצולה און ברומט ענדליך אַרויס צו די איבעריגע חסידים.

ע ר ש ט ע ר ח ס י ד : אַזאַ נבלה! מען זאָל מסר'ן א רבין! דאָס איז נאָר א מתנגדישע מלאכה!

צ ו ו י י ט ע ר ח ס י ד (אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ געל שיטער בערדעל, האַלב הייזעריגלעך) : וואָס דען, א חסיד וועט אזוינס טאָן? קיינמאָל נישט! — א חסיד מעג אפילו נתפקר ווערען, וועט ער א רבין נישט מסר'ן! דאָס איז געוויס זייערס אַ שטיקעל ארבייט! עוכרי ישראל!

אַ ד ר י ט ע ר ח ס י ד (אין די מיטעלע יאָהרען, אין אַ צוריסענער אַלטער זשופּיצע, מיט אויסגעשטאַרטע בלויזע אוילענ־

בויגענס, מיט אַ געדיכטער שווארצער באָרד און טיעפע שווארצע אויגען): וואס ווילען זיי, די ימח־שמו'ניקעס, וואָס ארט זיי די מצולה? באשר זיי זאָגען — עס איז שעדליך פאר'ן געזונד, אַ שלעכטע לופט... נאסקייט... ווייס איך וואָס! אָט האָט דער אַל־טער זכרונו לברכה געלעבט צוויי און צ־ציג יאָהר...

ערשטער חסיד (סארקאסטיש): לופט... שמופט... אַלץ איז ביי זיי לופט... קיין הימעל איז נישטאָ, נאָר לופט... מען קען זיי, די אפיקורסים... די מצולה, האָבען מיר אַ מסורה, איז דוקא אַ רפואה פאר אַ סך שלאפקייטען.. דער אַלטער האָט נאָך דאָ מיט זיינע חסידים תשליך אָבגעריכט. ווילען זיי עס נאָר פערשיטען!...

צווייטער חסיד: חי־חי־חי! זיי ווילען... און אז זיי ווילען, איז וואָס? נישקשה, זיי וועלען נישט אויספיהר־רען.... דער גבאי איז אוועקגעפאָהרען צום איספראווניק — עס וועט שוין ווערען רעכט... די חסידים וועלען קיין געלד נישט זשאַלעווען...

(פון חסידישען הויף דערהערט זיך אַ געוויין).

דער ערשטער חסיד (פערזאָרגט): די יונגס־טע טאָכטער, רחל'ע, איז עפעס אַ חולה.

אַלע חסידים: אַ־וואַ! אַ־וואַ!

דריטער חסיד: מיט די קינדער האָט דער רבי געבעך נישט קיין גליק. פאר צוויי יאָהרען איז געשטארבען ר' חיים'על צו צוויי און צוואנציג יאָהר... אַזאַ צדיק! ער וואָלט איבערגעשטיגען דעם רבין אין תורה... פאראיאָהרען איז די על־טערע טאָכטער נפטר געוואָרען — צוויי וואָכען נאָך דער חתונה... אַזאַ יפת תואר... היינט איהר צדקות... גאָט זאָל שוין זיך מרחם זיין אויף רחל'ען... (פויזע) ווייסט איהר נישט, וואָס איז איהר אַזוינס?...

דער יונגערמאנטשיק: עפעס זאָגט מען, אַז וועה טהוט איהר גאָרנישט... נאָר זי בענקט... וואָס איז

דאָס פּאר אַ מין חולנית, ווײַס איך נישט... בענקען! וואָס איז שייך בענקען... דאַכט זיך אין הויף איז פרעהליך... פרייטאָג־צו־נאַכטס, שבת, שבת־צו־נאַכטס — אַזוי פיעל נגינה... פאַרוואָס זאָל זי בענקען?... אַ מאָדנע זאַך!...

דריטער חסיד (שושקענדיג): מען זאָגט כלומרשט, אַז זי האָט געוואָלט ערגיץ פאָהרען... עס איז אפילו אַ זאַך, וואָס לעגט זיך נישט אויפ'ן שכל... דעם רבינס אַ טאָכטער...

(דאָס געוויין ווערט גרעסער, די שטימע פון אַ פרוי הערט זיך אַלץ נעהענטער און נעהענטער. ענדליך עפענט זיך אויף די טיר און אין שטיבעל פאַלט אַריין די רביצין — אַ מאָגערע פרוי אין די פופציגער יאָהרען; זי איז אָנגעטהאָן אין אַ שווארץ קלייד, אויפ'ן קאָפּ אַ האָהר־באַנד. זי לויפט צו צום ארון־קודש, פאַלט צו איהם צו און חליפּעט).

די חסידים: גאָט זאָל העלפען, גאָט זאָל העלפען...

די רביצין (פון ארון־קודש חליפּענדיג): זי איז מסוכן... זי געהט אויס ווי אַ ליכט... (זי געהט אַראָב פון ארון־קודש און בלייבט שטעהן אין מיטען שטיבעל, די אויגען צו דער מזולה געווענדט).

דער ערשטער חסיד (טרייסטענדיג): זי וועט אם ירצה השם זיין געזונד... אַ נאָווינע, אַז מען איז אַמאָל קראַנק!...

די רביצין: דער גבאי איז נאָך נישטאָ פון אימפּראָוויק?...

צווייטער חסיד: ניין..

דער דריטער חסיד: גאָט וועט העלפען... דער איספּראַווניק, זאָגט מען, איז אַ גוטער גוי. ער נעהמט געלד...

די רביצין: הא... ער נעהמט געלד... הייסט עס וועט די מצולה בלייבען...

ערשטער חסיד: נאך א שאלה! וואס דען? מען וועט זי פערשיטען? גאט זאל אויסהיטען.. די מצולה וועט בלייבען, ביז וואנען דער הויף וועט בלייבען... ביי אונז איז די מצולה הייליג... דא האט נאך דער אלטער, זכרונו לברכה, תשליך אבגעריכט מיט זיינע טויזענדער חסידים...

דער יונגערמאנטשיק (חניפה'דיג): זארגט זיך נישט, רביצין! די מצולה וועט בלייבען... (ער שטארקט זיך) רבי'צין זאלט איהר מיר געזונד זיין... וואס איז דען אייער רחל'ען?... טאקע א שטארקער חולה?

די רביצין (וויינענדיג): אוי, גאט זאל זיך מרחם זיין! א גרויסע חולה איז זי, איז געל ווי א וואקס...

דער יונגערמאנטשיק: נו, און וואס זאגט דער דאקטאר?

די רביצין (וויינענדיג): ער זאגט, אז יענע קינדער, ווער איז מיר, זיינען אויך צוליעב דער מצולה אוועקגעגאנגען יונגע פון דער וועלט...

(די חסידים לאזען טרויעריג אראב די קעפ).

דער יונגערמאנטשיק: הייסט עס טאקע, אז די מצולה שאדט... היתכן... אזא הייליגע זאך?...

די רביצין: דער רבי טענה'ט אבער, אז דער דאקטאר וויים נישט... ער זאגט, גאט וועט וועלען, וועט רחל'ע זיין געזונד... די מצולה, זאגט ער, איז דער מקור פון גאנצען חסידישען לעבען... אז מען זאל פערשיטען די מצולה...

די חסידים (איבערראשט): נננו?...

די רביצין: אז מען וועט פערשיטען די מצולה, וועלען אלע חסידים אראב פון דרך הישר... ער האט א קבלה נאך פון אלטען רבין...

דער ערשטער חסיד: זעהט איהר! און דא קומען די אפיקורסים און ווילען זי פערשיטען... אויסגעראַט זאָלען זיי ווערען!...

די רביצין (טרייסעלט זיך פאר שרעק): שילט זיך נישט, אידען... מען טאָר נישט...

דער יונגערמאַנטשיק: אודאי טאָר מען נישט שילטען...

די רביצין (אַ וויינענדיגע, אָב)...

(עס לויפט אריין דער גבאי — אַ הויכער, שטאַרק געבוימער איד אין די מיטעלע יאָהרען... רעדט פרעהליך).

דער גבאי (צום ערשטען חסיד): נו, אביסעל אַן ארבייט געהאט!... קוים מיט צרות גע׳פועל׳ט...

די חסידים (אין איין קול): געפועלט?...

דער גבאי: אַ מטמון געלד וועט עס קאָסטען. אָבער פערשיטען וועט מען נישט... גאָט צו דאנקען, גע׳פועלט!...

דער יונגערמאַנטשיק (פרעהליך): דארף מען דאָך נעהמען אביסעל משקה...

דער גבאי (רייבענדיג די הענד): אין אָווענד וועט מען אַ הוליע טאָן... דער רבי וועט אויך זיין... ווי ער שטעהט אויף פון שלאָף, זאָג איך איהם אָן די שמחה.

דער יונגערמאַנטשיק: איך מיין, אז ער וויים דאָס שוין אליין...

דער ערשטער חסיד (מיט אמונה): אַ שאלה, צי ער וויים...

דער גבאי: הם... ווייסען וויים ער שוין אליין, אָבער איך וויל האָבען די מצוה פון אָנזאָגען אַ גוטע בשורה...

דער יונגערמאַנטשיק: טאקע אַ גרויסע מצוה!... איך בין איהם מקנא!

(פון הויף הערט זיך דאָס געוויין פון דער רביצין: רחל'ע! רחל'ע!)

דריי מײדלעך.

פ ע ר ז א נ ע ן :

חיים זישעם, אַ פערמעגליכער בעל־הבית.

חנה, זיין פרוי.

גאָלדע } זייערע צוויי שעהנע טעכטער.
אסתר

דער עלטסטער
דער מיטעלסטער } דריי רוסישע אָפיציערען.
דער אינגסטער

חייקעל מעקלער, חיים זישעס אַ פריינד.

חייענקע
העלענא } דריי מיידלעך פון אַ הייזעל.
מאניע

צייט: וועלט־קריג. אָרט: לעמבערג.

אין חיים זישעס הויז, אין גרויסען עס־חדר. מעבלירט אויפ'ן אַלט בעל־הביתישען שטייגער: אין מיטען שטוב אַ גרויסער טיש אָבער געדעקט מיט אַ טישטוך, ארום טיש עטליכע שטוהלען, אויף די ווענט בילדער פון גוטע אי־דען און אַ מאַפּ פון ארץ ישראל. אין שטוב דרעהען זיך ארום ווי שאָטענס חיים זישעס, זיין ווייב, די צוויי טעכטער, די מוטער ברענגט אַלע ווײלע מיט די הענד. עס הערט זיך אַ קלינגען. אַלע ציטערען אויף. גאָלדע און אסתר טוליען זיך צו דער מאַמען. חיים זישעס געהט עפענען די טהיר. עס קומט אריין חיים מעקלער, אַ איד אין די מיטעלע יאָהרען מיט לעבעדיגע אָבער גוטע אויגען. חסידיש אָבער זויבער געקליידט, די לאַנגע באָרד און די לענגליכע פאות אין אָרדענונג. אריינקומענדיג שווייגט ער אַ ווײלע, ווי ער וואָלט אַריין אין אַ הויז פון אן אבל און ער וואָלט לויט'ן דין, פריהער פאר'ן בעל הבית ניט געטאָרט אָנהויבען רעדען. ענדליך מורמעלט ער ארוים:

חייקעל מעקלער: צייטען!

חיים (קוקענדיג אויף דער ערד): נו... וואָס הערט זיך עפּעס אין שטאָדט?

חייקעל מעקלער: שלעכט, אָבער נאָך מיט חסד... קיין בראָנפען איז ניטאָ זיינען זיי רוהיגער. זיי פאָדערן אַלץ פּראָדוקטען און געלד.

חיים: האָט מען דאָך שוין זיי געגעבען...

חייקעל מעקלער (ביטער שמייכלענדיג): עס איז דען דא א שיעור פאר'ן שונא... דערצו מסר'ן די פאליאקען און די רוטענער ווייזען אן אויף יעדען רייכערען אידען...

חיים: עס איז איצט דען פאראן א רייכער איד?... אלע חרוב...

חיים מעקלער: מילא, אז עס איז ניטא וועט מען זיי ניט געבען... אבער דאס וואס עס איז דא און זיי נעהמען אליין — אט דאס איז שלעכט... (קוקט אויף די צוויי טעכטער, גאלדע און אסתר) צו וואס דרעהען זיי זיך ארום אין שטוב, קעגען פענסטער? עס איז א סכנה...

חנה: זיי זיינען ביז איצט געווען אין קעלער... דער־פרוירען געווארען, זיינען זיי ארויף אביסעל אנווארעמען זיך... ארימע פייגעלעך מיינע... דער זוהן אין מלחמה, ווער וויים וואו זיין געביין איז אהינגעקומען און די טעכטער דארפען ציטע־רען ווי א בלאט פאר יעדען שארך... (צואווינקט זיך) געהט קינ־דערלעך, צוריק אין קעלער אריין...

חייקעל מעקלער: אודאי אין קעלער!... איך האב געזעהען דא אין גאס ארומדרעהען זיך א באנדע אפיציע־רען... זיי האבען מיך נישט בעמערקט, איך וויים? קען זיין, אז א מאנסביל טשעפען זיי דוקא ניט. (שמייכלענדיג) זאלען זיי מיר טשעפען! וואס פאר א ווערטה האט היינטיגע צייטען דאס לעבען אין גאנצען?... עס איז נמאס געווארען! איך האב פאר זיי קיין מורא ניט! אבי מיינע טעכטער זיינען גאט צו דאנקען אין וויען... ווער וויים, צו זיי האבען דארטען צו עסען, אבער לכל הפחות זיינען זיי זיכער פון דעם שונא...

חנה (וויינענדיג): און אונז האט דאס הארץ ניט גע־לאזט אין אזא צייט אוועקשיקען זיי... דער זוהן אין מלחמה, זאלען כאטש די טעכטער מיט אונז בלייבען... ווער האט זיך געריכט, אז דער שונא וועט אזוי גיך אריינפאלען אהער... (צו די קינדער) נו, איהר האט זיך שוין אנגעווארעמט? געהט, קינ־

דערלעך אין קעלער אריין — זיי קענען אלע ווילע אהער אריינ־פאלען. (אסתר און גאָלדע דערשראָקענע אָב).

חנה (קוקט ארויס אין פענסטער, שטעהט אַ ווילע און לויפט אָב פון פענסטער, פערברעכענדיג די הענד מיט אַ שרעקלי־כען געשריי): וועה איז מיר! — דריי אָפיציערען געהען גלייך אהער!

חיים (געהט צו צום פענסטער): יא... מיר דאכט, אז זיי געהען אהער... שלעכט! געה אריין צו די קינדער אין קע־לער...

חייקעל מעקלער (בעטראכטענדיג חנה'ן): עס... און אלטע אידענע... זי קען בלייבען...

חנה (פערשעהמט): ווייס איך וואָס...

(הינטער'ן טהיר הערט זיך אַ קלאַנג פון שפאָרען און שווער־דען און א הויך רעדען געמישט מיט אַ געלעכטער).

אלע: (מיט שרעק) זיי געהען...

(די טהיר ניט אָנקלינגענדיג עפענט זיך ראַש אויף, עס פאַלען אריין דריי אָפיציערען פון דרייסיג ביז פירציג יעהריגען עלטער אין לאַנגע שינעלען, פערגאָרטעלט מיט ברייטע פּאָיאַסען, רעכט ביין ברוסט אַ רעוואָלווער אין אַ רימענעם בייטעל, און אַ שווערד, וואָס שלעפט זיך נאָכלעסיג אָבער מיט שטאָלץ איבער'ן דיל).

דער עלטערער אפיציער (שטרענג, אָבער מיט געוויסער גרויסמוטיגקייט!): נו, איד! ביזטו צופריעדען, וואָס רוסען זיינען אריין צו אייך אין לוואָוו?

חיים (קוים פערשטעהענדיג): טאק ועלמאָזשני פּאַן...

(די איבעריגע אָפיציערען לאַכען).

דער עלטערער אפיציער (צו חנה'ן): און דו חייעטשקע... (בעטראכט זי) ביזט שוין אלט? ווי אלט ביזטו, חייעטשקע?

חייקעל מעקלער: זי פערשטעהט ניט, וואשע

בלאגאראדיע — זי קען ניט קיין רוסיש... און אלטע אידענע... איבער זעכציג...

ח נ ה (קומענדיג צו זיך, שאָקעלט מיט עניוות מיט'ן קאָפּ): סטאַרא קאביעטא, פאנאָוויע...

(די אָפיציערען לאַכען).

ד ע ר מ י ט ע ל ס ט ע ר א פ י צ י ע ר: נו, וואו זיינען אייערע קינדער?...

ח י י ם (דערשראָקען): ניטאַ... מיר האָבען ניט קיין קינדער...

ד ע ר ע ל ט ע ר ע ר א פ י צ י ע ר (לאַכענדיג): בעזדיעטניקעם?... וואס?...

ד ע ר א י נ ג ע ר ע ר א פ י צ י ע ר: וואו זיינען אייערע יונגע חייעטשקעס? הא? בעהאלטען? אדער אוועקגע־שיקט צו פראנץ יאזעפ'ן פאר א מתנה...

ח י י ק ע ל מ ע ק ל ע ר: זיי האָבען איין זוהן... אין מלחמה געבעך...

ח י י ם (זיפצט): יעדען סין...

ד ע ר ע ל ט ע ר ע ר א פ י צ י ע ר (מיט א געמאַכטע בייזקייט): קענען אונזערע געגאנגען.. שיעסען אויף אונזער חיל!... (דראָהענד מיט'ן שווערד).

ח י י ם (דערשראָקען): ער האָט טאקע ניט געוואלט... וואס האט ער געזאלט טהאָן?...

ד ע ר א י נ ג ע ר ע ר א פ י צ י ע ר (שפּיעלענדיג מיט'ן שווערד): יא... קיינער וויל פון אייך ניט געהן... אונזערע אויך... אבער מען נעהמט זיי, מיר שטעלען זיי אין ערשטען פייער... (צולאכט זיך).

ד ע ר ע ל ט ס ט ע ר א פ י צ י ע ר (ערנסט ווערענדיג צו די איבעריגע אָפיציערען): נו, ברידער, וואס אז אמת איז אן אמת... אונזערע אידען זיינען גאַר נישטקשה'דיג... אין מיין ראָטע האָט א אידעל מיין לעבען געראטעוועט... מען האָט איהם

איצט די פיס ארונטערגענומען... ער האָט בעקומען אַ געאַר־גיעווסקי! אַ העלד אַ איד! ניטאָ וואָס צו רעדען!

דער אינגערער (מיט אַ בייזען פייערל אין די גראָהע אויגען): אָבער הערר קאַפּיטאַן... איך פיהל, אַז ביי דעם דאָזיגען אידען דאַרפען זיין טעכטער... איך בין שוין אַ מבין דערויף... דאָס הויז שמעקט מיט יונגע אידישקעס...

דער מיטעלסטער אָפיציער: יאָ... איך שפיר!... זיי זיינען דאָ... וויפיעל וויים איך ניט... אָבער עס זיי־נען דאָ חייעטשקעס (צולאַכט זיך מיט אַ צופריעדענעם געלעכטער).

דער עלטערער אָפיציער (אָנקוקענדיג חיים'ען און חייקעל מעקלער): ווער איז דאָ דער בעל הבית?

חיים: (שטאַמלענדיג) איך...

חייקעל מעקלער: איך בין אַ שכן...

דער עלטערער אָפיציער (גוטמוטיג): זאָג דעם אמת, האָסטו עפּעס טעכטער?

חיים (פעסט): ניין!

חנה: ניעמאַ, פּאַנאָוויע, ניעמאַ... טילקאָ יעדען סין... (די אָפיציערען לאַכען).

דער עלטערער אָפיציער: נו, דאַן מזטו פאר אונז שאַפען מיידלעך... פערשטעהסט?... עס וועט אייך ניט העלפען קיין חכמות... מיר זיינען וואָיענע מענשען. מיר האָבען אונזער האַנאָר! וואָס אונז קומט, קומט אונז! קוים האָבען מיר די שטאָדט איינגענומען, קומט קאָנטריבוציע...

חיים: וואַר־זשע זאָל איך אייך נעהמען?

דער מיטעלסטער אָפיציער: ניט אונזער זאַך! מיר האָבען שוין ניט קיין געדולד צו זוכען...

דער אינגערער אָפיציער (בייז): איד! ברענג אונז דריי שעהנע אידישע חייעטשקעס, ווען ניט, (ציהט דעם שווערד).

חייקעל מעקלער (קענטיג בעפאלען פון א אי־דעע): וואַשע בלאהאַדיע... איך וועל אייך ברענגען...

חיים: (קוקט איהם אָן מיט פאַרוואורף).

חייקעל מעקלער (אין דער שטיל צו חיים'ען): מבית־הזונות...

חנה (ברעכט די הענד): א בראַך איז מיר געשעהן!...

חיים (פליסטערט): ס'איז שרעקליך!

חייקעל מעקלער: גזירת ת"ד...

דער אינגערער אפיציער: וואס פלאפלעט איהר אויף אייער ווילדען לשון! רעדט ווי מענשען! רוסיש רעדט!

חייקעל מעקלער: דא... פא רוסקי... פא רוס־קי... יא פאָנימאַיו!

דער עלטערער אפיציער: זיי וועלען שוין קענען רוסיש! אונזערע אידען קענען אלע רוסיש! מיר וועלען זיי דא אויך אויסלערנען!

חייקעל מעקלער (פערנייגט זיך אין א קאָמישען אופן).

(די אָפיציערען צולאכען זיך).

דער אינגערער אפיציער: שנעל, קום צו־ריק און ברענג רעכטע סחורה, ווען ניט, הרג'ענען מיר דא אוים דיינע אידען...

חייקעל מעקלער (מיט שרעק): זארים, זארים! סייטשאס... (אָב).

דער עלטערער אפיציער (בעטראכטענדיג דאָס בילד פון א רבי'ן אויף'ן וואנד): חטא אָן טאקאָי?..

חנה (מיט הנאה): וועלקי ראבין... באך... (ציינט מיט'ן פינגער צום הימעל...)

דער עלטערער אפיציער: דא, ראבין... (שמייכעלט און ציהט לאַנגזאם דעם שווערד... שטעכט קאַלטבלוטיג

דורך דאָס בילד, עס פאַלען מיט גערויש שטיקלעך גלאָז, דאָס בילד צוהאַקט אויף צוויי פאלט אַראָפּ אויף דער ערד... די אָפיציערען לאַ־ בען... חנה ווישט זיך די אויגען... חיים זיפצט און קוקט ארוים צום פענסטער).

דער עלטערער אָפיציער (אָנקוקענדיג די פּאַלעסטינא מאַפּע): א עטאָ שטאָ זא יערונדא?

חיים: (קוקט מיט ליעבע בליקען אויפ'ן מאַפּע און שווייגט).

דער עלטערער אָפיציער (בייז ווערענ־ דיג): וואָס שווייגסטו?

חיים (מיט איינגעהאלטענעם צאָרן): פּאַלעסטינא..

חנה (מיט תחנונים): טשעפּע ניט האר־לעבען, א זינד...

דער מיטעלסטער אָפיציער (איראָניש): זייער אלט־פּאָטער־לאַנד...

דער אינגערער אָפיציער (מיט חוזק): יערוסאלימסקיע דוואריאַניע...

(אַלע דריי אָפיציערען צולאַכען זיך... עס הערט זיך אַ קלינ־ גען אין טהיר; חנה געהט אויפמאַכען).

חייקעל מעקלער (ארייַנקומענדיג פערשעהמט, נאָך איהם דריי מיידלעך...) דריי מיידלעך... געבראַכט, וואשע בלאהאָראָדיע...

(די דריי מיידלעך מיט אויסדרוקספאָלע שווארצע אידישע אויגען מיט אָבגעלעבטע געזיכטער, קוקען אויף די אָפיצירען, ווי טראָציג. חיים און חנה קוקען פערשעהמט אויף דער ערד.

דער אינגערער אָפיציער (בעטראַכטענדיג זיי אונצופריעדען): וואו האָסטו, איד, זיי געקריגען?

חייקעל מעקלער: אין שטאָדט... ביי איין בעל הבית... ביי אַ צווייטען... ביי אַ דריטען... די שעהנסטע אי־ דישע מיידלעך אויסגעקליבען... אַלץ פאר אייך!

ד ע ר ע ל ט ע ר ע ר אַ פּ י צ י ע ר : ביזט א מאַ־שעניק! אזוינע סחורה קענען מיר אין דער היים! אַט דאָס איז דער חן פון אייערע אידישע טעכטער?... מיאוס׳ע!

ח י י ק ע ל מ ע ק ל ע ר (דערשראָקען): פון צרות, וואָשע בלאָהאַראַדיע... אויסגעהונגערטע... מלחמה־צייט...

ד ע ר א י נ ג ע ר ע ר אַ פּ י צ י ע ר : (קוקט אויף מאַנקען): נישקשה... (געהט צו איהר צו און נעהמט זי אָן פאר׳ן ביוסט).

ח י י ק ע ל מ ע ק ל ע ר (צו מאַנקען): האלט זיך ווי א צנועה...

מ אַ נ ק ע : (לאָזט זיך כלומרשט ניט!)

ד ע ר מ י ט ע ל ס ט ע ר אַ פּ י צ י ע ר : אויגען האָבען זיי שעהנע, ברענענדיגע אָבער די קערפּערס... (בעקוקט זיי).

ח י י ק ע ל מ ע ק ל ע ר (מיט התלהבות): שעהנהייטען, וואָשע בלאָהאַראָדיע, קראַסאוויצעס... נאָר די מלחמה... צרות...

ד ע ר ע ל ט ע ר ע ר אַ פּ י צ י ע ר (געהט צו העלענקע): נו, יערוסליאַמסקאַ פּרינצעס... ביזטו טאַקע אזוי עהרליך ווי דו מאַכסט זיך...

ח י י ק ע ל מ ע ק ל ע ר : עהרליכע קינדער ווי גאָלד... שעמעוודיגע! זעהט איהר דען ניט... קוים ביי זיי גע׳פועלט!

ח נ ה און ח י י ם (ניט וויסענדיג וואו צו בעהאַלטען זיך): וועה! וועה!

(די אָפּיציערען בעקוקען די מיידלעך, וועלכע שטעהען מיט אראָבגעלאָזטע קעפּ. עס דערחערט זיך פּלוצים פון ערגעץ אַ היסטערישער געוויין...

ד י אַ פּ י צ י ע ר ע ן (מיט פרייד): פרויען־געוויין! עס זיינען דאָ פרויען בעהאַלטען...

חנה (בראָכענדיג די הענד): וועה איז מיר!

חיים (ווינקענדיג צו חייקעל מעקלער): שלעכט!

חייקעל מעקלער (מיט יאוש): איצט איז ביטער!...

דער אינגערער אָפיציער (מיט נצחון): אָבער איך האָב געפיהלט, אז דאָ זיינען דאָ פרויען...

דער עלטערער אָפיציער: נו, נו, ברידער! מיר וועלען באלד זעהן!

(לאָזען זיך צום טהיר, פון וואנען דער געוויין האָט זיך געהערט).

חיים (פערשטעלענדיג זיי דעם וועג): ניין! ניין!

חנה (פאלענדיג צו די פיס פון עלטערען אָפיציער): פאָ־נאָטשיק...

(קושט איהם דעם שווערד. די אָפיציערען שטויסען זיי אָב, לאָזען זיך צום קעלער. חיים, חנה, חייקעל מעקלער נאָך זיי. די דריי מיידלעך קוקען זיך איבער איבערראַשט).

מאַנקע: מיר זיינען פאר אלע די קרבנות...

העלענקע (ברוגז): האָסט געהאט וואָס צו פערליערען!...

חיענקע: מיר וויינט דאָס הארץ... זיי איז דאָך א שאָד, עהרליכע קינדער... לאָמיר זיי ראַטעווען...

(די צוויי טעכטער גאָלדע און אסתר געפיהרט פון אָפיציערען קומען אריין. חיים, חנה און חייקעל מעקלער נאָך זיי...

דער עלטערער אָפיציער: אָט דאָס זיינען שעהנהייטען!

דער מיטעלסטער אָפיציער: אָט אזוינס האָבען מיר געמיינט!

דער אינגערער אָפיציער: א שאָד, וואָס בלויז צוויי.

דער עלטערער אָפיציער: (ברייטהערציג)

מיר וועלען זיך שוין צוטהיילען...

ח י י ע נ ק ע (צום עלטסטען): לאָזט זיי אָב!

ה ע ל ע נ ק ע: אָפיציערען דארפען איידעלער זיין!

מ אַ נ ק ע: מיר זיינען דען אייך וועניג!

ד ע ר ע ל ט ע ר ע ר אָ פ י צ י ע ר: איהר זענט איי־פערזיכטיג? (לאכט צו מאַנקען) איבריגענס. דו בלייב.

ד ע ר מ י ט ע ל ס ט ע ר אָ פ י צ י ע ר: אַלע זאָלען בלייבען.

ד ע ר א י נ ג ע ר ע ר אָ פ י צ י ע ר: געווים אַלע!

מ אַ נ ק ע: איך וועל ניט בלייבען!

ח י י ע נ ק ע: איך אויך ניט.

ה ע ל ע נ ק ע: סיידען טוידטע וועט איהר אונז דאַ האָבען!

ד ע ר ע ל ט ע ר ע ר אָ פ י צ י ע ר (פערוואונדערט): ווער זענט איהר דען?

מ אַ נ ק ע (מיט אַ צולהכעיס): גאַסען־מיידלעך!...

ח י י ע נ ק ע: מיר זיינען געקומען אויסלייזען פון איי־ערע הענד צוויי אידישע טעכטער...

ה ע ל ע נ ק ע: איהר טאָרט זיי ניט טשעפּען! עהרליכע קינדער!

(די אָפיציערען קוקען זיך איבער).

ד ע ר ע ל ט ע ר ע ר אָ פ י צ י ע ר (מורמעלט): אינטערעסנאָ!

ד ע ר א י נ ג ע ר ע ר אָ פ י צ י ע ר: נו, וואָס האָ־בען זיי זיך געשטעלט טענה'ן, אָדער נעהמט זיי, אָדער דערשיסט זיי.

מ אַ נ ק ע (אויסשטעלענדיג די ברוסט): שים!

ח י י ע נ ק ע און ה ע ל ע נ ק ע (אויסשטעלענדיג זוי־ערע בריסט, אין איין קול): שיסט!

ח נ ה (מיט אַ תחינה ניגון): אוי, צי זיינען דאָך טייערע קינדער, צדקניות...

ח י י ם (צו אסתר'ן און גאָלדען): קינדער! לאָזט זיך אויך בעסער דערשיסען!

ח י י ק ע ל מ ע ק ל ע ר (קוקענדיג צו די דריי מיידלעך): העלפט, אידישע טעכטער! ראטעוועט צוויי עהרליכע אידישע מיידלעך!...

ד י ד ר י י ג א ס ע ן מ י י ד ל ע ך: (אין דער זעלבער פּאָזע) נו, שיסט!

ד י ד ר י י א פּ י צ י ע ר ע ן (פערגאפט און איבערראַשט)!

ד ע ר ע ל ט ע ר ע ר א פּ י צ י ע ר: ס'איז גאָר אַנדערע מיידלעך!

ד ע ר מ י ט ע ל ס ט ע ר א פּ י צ י ע ר: העלדינס!

ד ע ר א י נ ג ע ר ע ר: יאָ, גאָר נישקשה'דיגע!

ד ע ר ע ל ט ע ר ע ר א פּ י צ י ע ר (אָנווייזענדיג אויף מאַנקען): זי הויבט מיר שוין אָן שטאַרק צו געפעלען.

ד ע ר מ י ט ע ל ס ט ע ר א פּ י צ י ע ר: זיי זיינען אַלע דריי מיר איצט געפעלען...

ד ע ר א י נ ג ע ר ע ר א פּ י צ י ע ר: יאָ, די אויגען זייערע פלאַמען, ווי ביי זשאַן ד'אַרק... (צולאַכט זיך).

ד ע ר ע ל ט ע ר ע ר א פּ י צ י ע ר (ווי ניט זיכער): לאָמיר אפשר די צוויי אבלאָזען...

ד ע ר מ י ט ע ל ס ט ע ר א פּ י צ י ע ר: עס איז אַ שאָד... אָבער...

ד ע ר א י נ ג ע ר ע ר א פּ י צ י ע ר: ווען די דריי בעטען אונז העלדיש...

א ל ע ד ר י י ג א ס ע ן - מ י י ד ל ע ך (ווי איין שטים): מיר פאַדערען!

דער עלטערער אפּיציער (לאכט) : ווי גע־פּעהלט אייך די העזה!

דער מיטעלסטער אפּיציער : (קוקענדיג מיט פערזאכטונג אויף אסתר'ן מיט גאָלדען) : איך האָב פיינט פער־ווײַנטע נשמות...

(חיים מיט חנה'ן קוקען זיך איבער... אסתר און גאָלדע שטע־לען אויס זייערע אויגען און גלויבען ניט אין דעם וואָס עס קומט פאָר...)

חייקעל מעקלער (מורמעלט) : גזירת ת"ך...

(פּאוזע)

דער עלטערער אפּיציער (צו מאַנקען) : אלזאָ, זאָג זיי דאָרטען, אז זיי זיינען פריי.

מאַנקע (גלעט איהם שקאָצעוואַטע די וואָנסען) : ליובליו!

חייענקע (צום מיטעלסטען) : אַ, דו ביזט א וואוילער קערל...

(יעדע פון די דריי מיידלעך נעהמט אַן אָפּיציער אונטער'ן אָרים און פיהרט איהם אין צווייטען צימער. — אסתר און גאָלדע לאָזען אַראָב די קעפּ אויף די הענט און פאלען אריין אין פערגע־סענטהייט).

חיים מעקלער (צו חיים'ן) : קען מען שעצען א אידישע נשמה?...

חיים : ווער ווייס... איך ווער משוגע...

חנה : (פרום) גאָט זאָל זיי העלפען, צולאָזענע... אבער זיי האָבען גאָט אין הארצען... האָבען געראַטעוועט מיינע טעכטער פון שאנדע... (דריקענדע שטילקייט).

(פאָרהאַנג לאַנגזאם)

די צוויי געפאַנגענע.

פּערזאָנען:

ערשטער קאָלאָנעל.
צווייטער קאָלאָנעל.
א געפאנגענער.
א געפאנגענע.

(די סצענע קומט פאָר ביי רוים נאָכ'ן חורבן בית שני).

ע ר ש ט ע ר ק אָ ל אָ נ ע ל (פאַר'ן שוועל פון זיין הויז צום צווייטען קאָלאָניעל קעגענאיבער): האָסט זיך שוין אויסגע־רוהט פון לאנגען און שווערען קריעג?

ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר: אַ, יאָ! דער קריעג איז פאַר מיר גאָר נישט אזוי שווער געווען. איך האָב קיינמאָל נישט גע־גלויבט אין דער גרויסער קראַפט פון די אידען.

ע ר ש ט ע ר ק אָ ל אָ נ אָ ל: דאָס איז שוין נישט אמת: זיי האָבען געקעמפפט ווי לייבען פאַר זייער לאַנד און פרייהייט. דו ווייסט דאָך, ווי אזוי איך האָס דאָס דאָזיגע הארט־נעקיגע און ווידערשפעניגסטע פאָלק, אָבער אַן אמת מוז מען זאָ־גען: מוט האָבען זיי גענוג ארויסגעוויזען.

ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר (סארקאסטיש): עס האָט זיי נישט נאָר זייער מוט, נאָר זייער גאָט נישט געהאָלפען. זיי זיינען פערטיליגט געוואָרען ווי שאָף און דאָס רעשט איז געפאנגען גע־וואָרען.

ד ע ר ע ר ש ט ע ר: אַ, יאָ! עס איז פון זיי קיין שריד ופליט נישט געבליבען, און וועגען די געפאנגענע וועל איך דיר זאָגען דעם אמת — איך האָב מיך נישט געיאָגט שטארק נאָך זיי. קנעכט האָב איך גענוג. איך האָב נאָר איין יונג געפאנגען. ער איז זעהר שעהן, עס איז מיר געווען אַ שאָד צו הרג'ענען איהם, אָבוואָהל ער האָט זיך געבעטען מיט די אויגען, און דער־פאַר טאקע האָב איך איהם לעבען געלאָזט. זאָל ער געפייניגט ווערען אַלס קנעכט, וועט ער וויסען, ווי אזוי מען איז מורד אין דער רוימישער מאכט.

דער צווייטער: איך האָב דוקא א סך געפאַנגען; וואָרים נישט? פאַר מיינע פּאַלאַצען און פעלדער. נישקשה, זיי וועלען איצט זיין געטריי.

דער ערשטער: געפינען זיך צווישען דיינע געפאַנגענע שעהנע און געזונטע?

דער צווייטער: זיי האָבען ביי מיר אלע איין פּנים. אָבער איין געפאַנגענע, נאָך גאָר א יונג מיידעל, איז א וואונדערליכע שעהנהייט. ווען איך זאָל נישט האָבען צום דאָזיגען פאָלק אזא טיעפע פעראַכטונג, וואָלט איך זי געמאַכט פאַר מיין קעפּס־ווייב... זי רייצט מיך זעהר. אָבער איך קען עס נישט צולאָזען, איך זאָל מיין ליעבע א שקלאַפּין שענקען און נאָך א טאָכטער פון א בעזיעגטען פאָלק...

דער ערשטער: אָ, געטער! ווי קענסטו גאָר אזוינס טראַכטען? דו וואָלסט דעם רוימישען יחוס דערמיט פערפלעקט.

דער צווייטער: געוויס! דער רוימישער יחוס איז מיר גענוג טייער. אָבער דו ווילסט וויסען א סוד, וועל איך דיר ענטדעקען.

דער ערשטער (נייגעריג): איך בעשווער דיך אין נאָמען פון יופּיטער, דערצעהל!

דער צווייטער (פליסטערנד): מען דערצעהלט, אז טיטוס האָט זיך א געליעבטע פון די געפאַנגענע אויסגעוועהלט. זאָלען מיר עס גלויבען אויפ'ן גרויסען העלד און זיעגער?

דער ערשטער: דער זיעג פער'שיכור'ט, און מען קען זיך אין שיכרות אלץ ערלויבען...

(פּויזע).

דער ערשטער: דאָך פערדריסט מיר, וואָס איך האָב נאָך פון זיי נישט געפאַנגען, אלס קנעכט, קען זיין, זיינען די אידען רוהיג. אָבער ווייסטו, וואָס מיר איז איינגעפאַלען?

ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר : וואס קען איך וויסען? זאג מיר.

ד ע ר ע ר ש ט ע ר : דו זאגסט, אז צווישען דיינע געפאנגענע געפינט זיך זעהר א שעהנע אידין...

ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר : ווען איך וואלט נישט מורא האבען פאר זינד, וואלט איך זי געגליכען צו איינער פון אונזע־רע געטינס...

ד ע ר ע ר ש ט ע ר : האסט שוין געזינדיגט! די גע־טער זאלען דיר פערגעבען. איך בין אבער איצט אויסען וואס אנדערש. איך וועל מיט דיר א געשעפט מאכען...

ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר (פערוואונדערט) : געשעפט? ווי קומסטו, פאטריציער, צו אזא געמיינער זאך, ווי געשעפט... דו ביזט אויך ווי שיכור פון זיעג און רעדסט דומהייט.

ד ע ר ע ר ש ט ע ר : א, שרעק זיך נישט. איך בין גענוג שטאלץ מיט מיין רוימישען יחוס. איך האב נאר א וויץ גע־מאכט... איך וועל דיר זאגען דייטליך: איך האב א שעהנעם קנעכט געפאנגען, דו א שעהנע שקלאפין, — לאמיר זיי צוזא־מענפארען און זיי וועלען זעהר שעהנע־קינדער געבוירען, און אט די קינדער וועלען מיר זיך טיילען און וועלען שעהנע קנעכט שפעטער האבען.

ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר : אויב עס געפעלט דיר שטארק, קען איך דיר עס צוליעב טאן. איך בין אבער אין ספק, צי וועלען זייביידע וועלען פערקעהרען אהן חופה... ביי די אידען איז מען זעהר אבגעהיט. די צניעות איז זעהר שטארק אין זייערע פא־מיליעס. לויט זייער תורה קומט דערפאר די גרעסטע שטראף.

ד ע ר ע ר ש ט ע ר : א, זיי רוהיג, פריינד. צוויי יונ־גע וועזענס, מעגען זיי שטאמען פון אידישען פאלק, ווען זיי בלייבען אליין אין דער פינסטער... דערצו וועלען מיר זיי נאקעט אויסטאן... זיי וועלען שוין פערגעסען אן זייער תורה און אן

זייער צניעות און אַן זייער גאָט...
(ביידע לאַכען).

דער צווייטער: יאָ, דאָס ביזטו גערעכט... און איבערהויפּט געפעלט מיר די גאַנצע שפּיעל. אַלזאָ, גוט, פריינד, איך בין וויליג דאָס צו טהאָן. טאַקע די נאַכט וועלען מיר זיי צו־זאַמענפּאָרען.

דער ערשטער: גיב דיין שקלאַפין אַ בעסערען נאַכטמאָל צו עסען...

דער צווייטער: אָ, עסען עסען זיי אַלע וועניג... נישט אַלץ איז זיי דאָך ערלויבט... עס אַרט מיך דוקא נישט, וואָס זיי עסען וועניג, איך וויל זיי אַליין פיעל עסען נישט געבען... אָבער דער שעהנער שקלאַפין האָב איך שוין געוואָלט מעהר עסען געבען, עסט זי נאָך וועניגער ווי אַלע... זי זיצט מיט שטאַרע בליקען און קוקט צו מזרח־זייט...

דער ערשטער: מיינער אויך אַזוי... קוקט אַלץ צו מזרח־זייט...

צווייטעס בילד.

(אַ פינסטערער חדר. אין איין ווינקעל זיצט האַלב־נאַקעט די געפאַנגענע אידין. איהרע לאַנגע שוואַרצע האָהר צע־וואָרפען איבער די אַקסלען און העלפט איבער'ן פּנים. אין צווייטען ווינקעל זיצט אויך האַלב־נאַקעט דער געפאַנגע־נער. זיינע אויגען האַלט ער געשלאָסען, דעם קאָפּ אַראָב־געלאָזט אויף די קניה...)

דער געפאַנגענער (פון זיין ווינקעל, קרעכ־צענדיג): אָ, מיין פאָטער, מיין פאָטער! וואו ביזטו איצטער...

ביזטו דער׳הרג׳עט, פערטיידיגענדיג דאָס הייליגע הויז, אָדער דיין כהונה איז פערשוועכט געוואָרען, און געפינסט זיך, ווי איך ביי די געצענדינער פאַר אַ קנעכט?... אָ, מיין פאָטער, מיין פאָטער!

ד י ג ע פ אַ נ ג ע נ ע (פון צווייטען ווינקעל, שליכ־צענדיג): מיין פאָטער, דער שענסטער אידישער מאַן... וואו איז ער איצט?...

ד ע ר ג ע פ אַ נ ג ע נ ע ר (וויינט אין דער שטיל): אָ, הייליגער גאָט! מיט אַ פרעמדער פרוי אין איין חדר... איך בין דעם כהן־גדול׳ס זוהן... מיין כהונה איז פערשוועכט...

ד י ג ע פ אַ נ ג ע נ ע: אָ, ווען... מיין פאָטער וואָלט עס ווייסען, וואו איך געפין זיך איצט און מיט וועמען — מיט אַ רוימישען שקלאַף... אָ, ער זאָל מיך חאָטש נישט אָנריהרען... איך וועל מיך בעסער לאָזען טויטען...

ד ע ר ג ע פ אַ נ ג ע נ ע ר (שטיל צו זיך): אָ, די ווילדע צולאָזענע רוימער! זיי מיינען, אז איך וועל זינדיגען מיט אַ פרעמד מיידעל, אַ שקלאַפין... שטאַרבען וועל איך דאָ און וועל זי נישט אָנריהרען.

(פון ביידע ווינקלען הערט זיך אַ שלוכצען). אין קליינעם פענסטערל הויבט אָן ווערען גראָהער און גראָהער. עס קוקט אַריין אין חדר אַ שטיקעלע הימעל... עס ווערט ליכטיגער, ליכטיגער...)

ד י ג ע פ אַ נ ג ע נ ע: אַ דאַנק דיר, גאָט! עס טאָגט שוין, און דער פרעמדער האָט מיך נישט אָנגעריהרט... איך דאַנק דיר, גרויסער גאָט!... ריין בין איך ווידער געבליבען, ווי מיין פאָטער האָט מיך געלערנט, ווי מיין ברודער... אָ, מיין ברודער, ווי ליעב האָב איך דיך געהאַט! וואו ביזטו איצט?...

ד ע ר ג ע פ אַ נ ג ע נ ע ר (פון צווייטען ווינקעל): די זון געהט שוין אויף, און פאַר אונז איז זי אויף אייביג פער־לאָשען. די שטראַהלען פאַלען איצט אויף די חורבות פון בית־המקדש... נישטאָ קיין כהן, קיין נביא... און וואו זיינען מיינע

ליעבליכע, מיין פאָטער, מיין מוטער, מיין ליעבע שעהנע שוועס־טער — איז זי אויך, ווי איך, געפאנגען געוואָרען? (הויך אויפ'ן קול, פערברעכענדיג מיט די הענד) אָ, מיין שוועסטער! מיין שוועסטער!

די געפאנגענע (איבערראשט): עפּעס א בע־קאנטער קול... איז עס מעגליך?... (הויבט אויף פאָרזיכטיג די אויגען, בעמערקט אָבער דעם געפאנגענעמס נאַקעטען קערפּער, לאָזט זיי שנעל אראָב...) פרעמדער מענש! רעדט עפּעס נאָך. איך וויל הערען אייער קול.

דער געפאנגענער (דיזעלבע איבערראשונג): ווע־מעס קול הער איך, מיין גאָט! (הויבט אויף די אויגען, בע־מערקט אָבער דעם האַלב־נאַקעטען קערפּער און פערשטעלט זיי צוריק מיט די הענד...)

די געפאנגענע: (ציטערנדיג מיט'ן גאַנצען קער־פּער): ווער ביזטו, פרעמדער?

דער געפאנגענער: ר' ישמעאל כהן גדול'ס זוהן...

די געפאנגענע (שפּרינגט אויף פון אָרט, לויפט צו צום צווייטען ווינקעל און שרייט אויס): מיין ברודער! מיין ברודער!

דער געפאנגענער (שטעלט זיך אויף): אָ, מיין שוועסטער, מיין שוועסטער! וואו האָבען מיר זיך עס גע־טראָפען? נישט אויפ'ן בארג ציון, נאָר דאָ אין א פינסטערען חדר, ביי געצענדינער! (פאַלען איינע די אַנדערע אויפ'ן האַלז און וויינען לאַנג, לאַנג, ביז זיי געהען אויס אין טרעהרען, און פאַלען טויט אויף דער ערד אַרומגענומען...)

(עס עפענט זיך דאָס שמאָלע טירעל פון חדר, און די צוויי קאָ־לאָנעלען געהען אַריין, לאַכענדיגע).

דער ערשטער: זעהסט, ווי פעסט זיי ליגען ארום־גענומען... און מיר האָבען מורא געהאט, אז זיי וועלען זיך נישט

צוריהרעז איינע צו די אנדערע...

ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר: ווער קען זיי וויסען... קום, לאָ־
מיר זיי נישט שטערען...

(אָב)

דער טויטער פעלדמארשאל.

(דיאלאָג)

אין א קליינע אָפיציערען־פּאלאטקע זיינען געזעסען צוויי רוסישע אָפיציערען און האבען צווישען זיך געפיהרט פאלגענדען געשפּרעך.

ע ר ש ט ע ר אָ פ י צ י ע ר : איז וואס זענט איהר, קאפּיטאן, אזוי פערצווייפעלט? דער קריעג איז נאָך ניט געענדיגט. ענדליך וועלען מיר דאָך זיעגען.

צ װ ײ ט ע ר אָ פ י צ י ע ר (קוקט אין דער ווייטקייט אריין): מיר — זיעגען? כאַ־כאַ־כאַ.. אונמעגליך!... מיר האָבען שוין פערשפּיעלט.

ע ר ש ט ע ר אָ פ י צ י ע ר : מען קען נאָך נישט וויסען... אונזער ארמעע איז נאָך גענוג גרויס... אויף יעדען געפאלענעם סאָלדאט האבען מיר צעהן נייע...

צ װ ײ ט ע ר אָ פ י צ י ע ר (קוקענדיג אין דער ווייטקייט, ווי ער וואָלט עמיצען געזעהן): גאָרנישט קען אונז שוין העלפען... (שמייכעלט מיט אַ מאָדנעם שמייכעל) מיר זיינען פערלאָרען!

ע ר ש ט ע ר אָ פ י צ י ע ר : איהר רעדט, קאפּיטאן, נישט ווי א מיליטער־מאן, וואו איז אייער מוטה אהינגעקומען? עס וואונדערט מיך אויף אייך. איהר האט דאָך בעפאר דעם קריעג אזוי פיעל מוטה און גלויבען ארויסגעוויזען.

צ װ ײ ט ע ר אָ פ י צ י ע ר : אך, מיין גאָט! בעפאר'ן קריעג... דעמאָלט האָב איך געגלויבט אין אפּאָלשטענדי־

געז רוסישען זיעג... אבער איצט, ווייסענדיג ווער אונזער פעלד־מארשאל איז, קען איך ניט גלויבען...

ע ר ש ט ע ר א פ י צ י ע ר: איהר גלויבט דען ניט אין די מיליטערישע פעהיגקייט פון אונזער פעלד־מארשאל ניקאלאי ניקאלאיעוויטש? מען מוז צוגעבען, אז נאך אלע מפלות איז ער פארט א העלד און איך בין זיכער, אז ענדליך וועט ער דעם שונא פעריאגען און ער וועט זיעגרייך מיט אונזער נייער ארמעע אריינדרינגען אין שונא'ס לאנד.

צ ו ו י י ט ע ר א פ י צ י ע ר: א, יא! ווען ער וואלט געוועזען דער פעלד־מארשאל וואלט עס אפשר פריהער אדער שפעטער געשעהן. צו אונזער גרויס אונגליק איז ניט ער דער פעלדמארשאל... מיר לעבען אלע אין טעות. (גלאצט אויס די אויגען און קוקט אין דער ווייטקייט אריין, שמייכלענדיג פערדעכטיג.)

ע ר ש ט ע ר א פ י צ י ע ר: (דריקענדיג מיט די פלייצעס): איך פערשטעה איך ניט, הערר קאפיטאן, עפיס רעדט איהר זאנדערבאר... וואס הייסט מיר לעבען אין טעות: צווייפעלט איהר דען, אז דער ריכטיגער פעלד־מארשאל איז ניקאלאי ניקאלאיעוויטש, דער מאן פון גרויסען מוטה און שטארקען ווילען! מיינט איהר דען, אז ער לאזט זיך בעאיינפלוסען פון אנדערע?...

צ ו ו י י ט ע ר א פ י צ י ע ר: יא... איך ווייס אלץ... ניקאלאי ניקאלאיעוויטש איז אפיציעל דער פעלד־מארשאל... ער איז א מאן פון גרויסען מוטה... קיינער קען אויף איהם ניט ווירקען... ער איז דער איינציגער פיהרער... מיר אלע זיינען איהם אונטערוואָרפען, זיינע בעפעהלען זיינען אונז הייליג אבער (שמייכלענדיג) ער איז דאך ניט דער פעלד־מארשאל.

ע ר ש ט ע ר א פ י צ י ע ר: פאר קיין פאל פערשטעה איך ניט, הערר קאפיטאן, איך וואלט געוואלט איהר זאלט עס מיר ערקלערען דייטליכער...

צ ו ו י י ט ע ר א פ י צ י ע ר: דייטליכער... הם... עס

איז ניט אזוי לייכט... דאס דארף מען קענען זעהן... מען דארף האבען דערצו אנדערע אויגען... און דערצו... אך, איהר וועט עס ניט פערשטעהן, איהר זיינט א צו געזונטער מענש... און דערצו א נישט גלויביגער...

ערשטער אפיציער (בעטראכט דעם קאפיטאן מיט פארשענדע בליקען) איהר זיינט נישט געזונט, הערר קאפיטאן, איהר האט געדארפט נעהמען אורלויב... אבצורוהען זיך א פאר וואכען...

צווייטער אפיציער: מיין פריינד, איך פיהל מיך גאנץ געזונד... ניט דאס... (ראש) אבער ווער איז אונזער פעלד־מארשאל ווייסט איהר אלץ נישט... (צולאכט זיך).

ערשטער אפיציער (דערשראקען): הערר קאפיטאן... זאל איך אימיצען רופען... מיר דאכט, אז איהר האט היץ...

צווייטער אפיציער (בייז): איהר זאלט זיך נישט דערוועגען... שטענדיג איז מיט אייך אזוי, הויבט מען אן זעהן זאכען אין זייער ריכטיגען געשטאלט הייסט עס ביי אייך: קראנקהייט, היץ. — אידיאטען!...

ערשטער אפיציער: אבער... מען זעהט דאך, אז איהר זייט, הערר קאפיטאן אביסעל מיעד... איהר האט גע־דארפט ווירקליך אויסוויירקען א פאר וואכען רוה פאר אייך... נאכדעם וואלט איהר מיט פרישע קרעפטען געקענט שלאגען זיך מיט׳ן שונא און פיהרען אייערע ראטעס אויפ׳ן ריכטיגען וועג, צום זיעג און רוהם..

צווייטער אפיציער (שטרענג): און וואס וועט ער זאגען?

ערשטער אפיציער (פער׳חדוש׳ט): ווער?

צווייטער אפיציער: דער פעלד־מארשאל!

ערשטער אפיציער: וועלכער פעלד־מארשאל?

צווייטער אפיציער: נו, געוויס ניט דעם

צאַר'ס אַנקעל... ער איז שוין לאַנג אוים פעלד־מאַרשאַל... אז איך זאָג פעלד־מאַרשאַל מיין איך יענעם, יענעם... איהר קענט איהם ניט... אבער ער איז דער אמת'ער...

ערשטער אפיציער: בערוהיגט זיך, הער קאַ־פּיטאַן...

צווייטער אפיציער: איך בין זעהר רוהיג (שמייכעלט) אבער טאַקי דערפאַר ווייס איך ווער אונזער פעלד־מאַרשאַל איז...

ערשטער אפיציער (סטאַרענדיג צו בעהערשען זיך): אגב, לאָמיר אויך וויסען ווער איז ער, ווי באַלד אז ניט אונזער גרויסער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש...

צווייטער אפיציער (אויפגעלעבט, די אויגען פינקלען): אַט איצט געפעלט איהר מיר... הערט־זשע מיך אוים... דאָס איז געוועזען א פּאָר וואָכען נאָכדעם ווי דער קריעג מיט'ן שונא האָט אויסגעבראָכען... מיר זיינען נאָך געווען אלע פול מיט מוטה און גלויבען אין א שנעלען און ערפאָלגרייכען זיעג... איך האָב דעמאָלט געפיהרט מיין ראָטע צו דעם וועג, צום דייטשען גרעניץ... קענען אונז האָבען געוואַנדערט מחנות אידען... דאָס האָט אונזער בריגאַדנער זיי ארויסגעשיקט. מסתמא האָט ער אַזוי פערשטאַנען... איך שטעל מיך נישט געגען די בעפעהלען פון א בריגאַדנעם... אונזערע סאָלדאַטען האָבען זיי אויסגעלאַכט... זיי זיינען ווירקליך געווען זעהר קאָמיש און לעבערליך ביים לויפען... זייערע לאַנגע קאַפּאָטעס האָבען געפלאַטערט ווי פליעגלען פון שוואַרצע גרויסע דערשראָקענע פויגעל... נאָר ביסלעכווייז זיינען זיי פערשוואונדען פון אונזערע אויגען... מיר זיינען געגאַנגען איבער פעלדער... פוסטע פעלדער... עס איז געווען הערבסט. און אַט האָט אונזער ראָטע בעגעגענט איין איינציגען אידען, א קליינער, א דערשראָקענער... ער איז געלאָפען קענטיג פאַר שרעק, וואָס ער איז אָבגעשטאַנען פון זיינע ברידער און ער האָט זיי

געוואָלט אַניאָגען... אין האַנד האָט ער געהאַלטען אַ פּעקיל. איינער אַ סאָלדאַט האָט אַ געשרעה געטהאָן: שפּיאָן! מעהר האָט דער דאָזיגער ניט געברויכט. גלייך האָב איך אַ קאָמאַנדעווע געטהאָן: שיעסען. אין אַ רגע אַרום איז שוין דער איד געלעגען אויסגעצויגען און אַרום איהם אַ טייכעלע בלוט... איך זעה איצט פאַר די אויגען דעם דאָזיגען געפאַלענעם אידען, מיט דעם פערגליווערטען שרעק אין די אויגען... איך האָב מיך צוגעבויגען, גענומען דאָס פּעקעל און אָבגעבונדען... עס זיינען אַרויסגעפאַלען ביכער... מאָדנע ביכער.. גרויסע אותיות... אַזוינע אַלטע, געהיימניספולע.. איך האָב איבערגעלייענט די אונטערשריפטען אויף רוסיש אויף דער ערשטער זייט, ערשט דאָס זיינען געווען הייליגע אַלטע אידישע ביכער... די ביבעל... דער תלמוד... און נאָך אַזעלכע פון זייערע אַלטע ביכער... איך האָב נאָך אַמאָל אַ קוק געטהאָן אויף דעם דערשאָסענעם און האָב גלייך בעמערקט, אַז דער פערגליווערטער שרעק פון די אויגען איז פערשוואונדען. אַנשטאַט אַ שרעק האָט אין זיי גערוהט אַ שמייכעל... אָבער עפּעס אַזאַ מאָדנער... איך וועל ניט זאָגען אַ בייזער.. נאָר עפּעס אַ פאַרזאָגענדיגער, אַ דראָהענדער... „אַלץ איז איצט פערלאָרען!“ האָב איך אַ טראַכט געטהאָן און זיך געלאָזט מיט מיין ראָטע ווייטער, מורא האָבענדיג זיך אומצוקוקען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער דאָזיגער איד, וואָס איז פאַר אומזיסט און אומנישט דערשאָסען געוואָרען וועט מיך נאָכיאָגען... מיין שרעק איז אָבער געווען אומזיסט... ער האָט מיך נישט נאָכגעיאָגט! אָבער שפּעטער האָב איך איהם געזעהן שוועבען אַלץ פאָראויס און פאָראויס...

מיר האָבען נאָכדעם געהאַט איינגע בלומרשטע זיעגען. די מיליטער האָט געיובעלט... איך אָבער האָב געוואוסט, אַז עס איז נאָר אויף אַ ווילע... קיין נצחונות קענען מיר שוין ניט האָבען... ווייל דעם קריעג פיהרט אַז אָט יענער דער'הרג'עטער איד... ער געהט שטענדיג פאָראויס, ווי אַ פעלד־מאַרשאַל און

זיין שמייבעל איז די קאמאנדע. ער גיט א שמייבעל און מיר פערלירען א פעסטונג, א צווייטען און מיר זיינען אין פלען. א דריטען און מיר זיינען אלע אין א פאסטקע ביים שונא... יא, פריינד, אונזער פעלד־מארשאל איז יענער איד... מיר וועלען פערלארען געהן! דער טויטער פעלד־מארשאל איז מוטהיג און ענטשלאסען.. .איך זעה איהם פאראוים אונזערע מחנות און ער יובעלט מיט זיינע נצחונות איבער אונז... וואס קענסטו איצט טהאן? נאך אמאל שיעסען איהם קענסטו ניט... אונבעזיעג־באר איז דער טויטער פעלד־מארשאל...

ע ר ש ט ע ר   א פ י צ י ע ר (מיט בעדויערן): איהר זייט קראנק, הער קאפיטאן; כ'וועל אייך נעהמען אין שפיטאל...

צ ו ו י י ט ע ר   א פ י צ י ע ר (מיט פעראכטונג): איהר פערשטעהט עס ניט... און דאס איז אייער אונגליק... איבריגענס קענט איהר מיך אוועקפיהרען אין משוגעים הויז, דארט איז איצט מיין פלאץ, אונזער אלעמענס פלאץ... (צולאכט זיך) אבער איצט ווייסט איהר שוין ווער דער פעלד־מארשאל איז... חא־חא־חא... אט יענער קליינער דערשראקענער איד... חי־חי־חי... דאס האב א י ך איהם געמאכט פאר א פעלד־מארשאל... ער איז א העלד, ער וועט זיעגען, זיעגען, זיעגען!... איצט, פריינד, פיהרט מיך! איך בין גרייט!...

מאָנאָלאָגען.

דער פאפולערער מאי.

(פון טהעאטער לעבען).

הערדי קלינגער, דער שוישפיעלער איז געזעסען אין דער קליינער בעקעריי אויף האוסטאָן סטריט און בעשטעלט א גלאָז קאווע מיט קייק.

געקומען איז ער אהער עקסטרא, ווייל א גלאָז קאווע רעכענט מען דאָ דריי סענט און קיין טיפ דארף מען דאָ ניט געבען. ביז היינטיגען טאָג איז דאָס פאר איהם געווען א גרויסער קרן. קלינגער איז אפילו קיינמאָל ניט געוועזן קיין פערשפאָרער. פערקעהרט, ער האָט אלע מאָל ליעב א הוליע צו טהאָן, ווי זיינע אויסגערעכענטע חברים דריקען זיך וועגען איהם אוים מיט איראָניע און פאָרוואורף. אָבער ביי יעצטיגער שוועדער לאגע זיינער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך צוקריעגט מיט אלע מענעדזשערס און איז א גאנץ ווינטער ניט אנגאזשירט געווען, האָט ער געמוזט אנהויבען צו קארגען.

נאָכדעם ווי דער קעלנער האָט איהם צוגעטראָגען די קאפע און האָט ווי מיט א שמייכעלע איהם אנגעקוקט, האָט קלינגער דערפיהלט, אז דאָס בלוט געהט איהם אין פנים אריין. ער האָט מורא געהאט, אז דער קעלנער האָט איהם זיכער דערקענט.

ער האט געזופט די קאווע און געטראכט:

— צו אלדי טייוועל! אלע קענען מיך! איך בין זיכער, אז דער דאזיגער חאם האט מיך דערקענט! אודאי מיך געזעהען אין „מירעלע אפרת".

ער האט אראבגעלאזט דעם קאפ און געזוכט פערגעסענהייט אין דער קאפע קאווע, ווי א שכור אין דער גלעזעל משקה און ווידער געטראכט:

— מען קען זיך פון די דאזיגע „פאטריאטען" ניט אויסבעהאלטען. וואו דו זאלסט ניט קומען, געפינט זיך איינער וואס קען דיך און שמייכעלט צו דיר...

ער האט זיך שוין געוואלט אויפהויבען, בעצאהלען און ארויסגעהן, אבער ווענדענדיג די אויגען אין א זייט ערגעץ האט ער בעמערקט, ווי עס זיצט ביי א ווינקעל טישעל א מאן, וואס קוקט אויף איהם און דאכט זיך, אז ער גריסט איהם.

— א בעקענט פנים! — האט קלינגער א טראכט געטהאן.

נאר איידער ער האט צייט געהאט צו דערמאנען זיך ווער יענער איז, איז דער לעצטער אויפגעשטאנען, זיך געלאזט געהן מיט א ברייטען שמייכעל צו קלינגער'ס טישעל און צוגעהענדיג צו קלינגער'ען, האט ער גוט־ברודעריש איהם אויסגעצויגען די האנד:

—העללאו, מר. קלינגער! ווי קומט איהר אהער?...

קלינגער האט איהם בעקוקט און זיך ענדליך דערמאנט:

— מר. וואשקינד! פון באוערי מיוזיק האל! ווי קומט א י ה ר אהער?

— איך שפיעל דא סקעטשעס אין א מואווניג פיקטשור פלאץ, האב איך מיך אריינגעכאפט א קאווע אויסטרינקען....

„אז אך און וועה איז צו מיר!" — האט קלינגער אינערליך געקרעכצט. — איך, דער ליעבלינג פון פובליקום, און דער דאזיגער קאליקע איין פלאץ...

ער האָט אָבער זיך טיפער איינגעקוקט אין יענעמ'ס פּנים און האָט בעמערקט אין זיינע אויגען טרויער און אונצופריעדענהייט און ער איז צו איהם גוט אויפגעלעגט געוואָרען:

— איהר שפּילט שוין גאָר אין מואווינג־פּיקטשור פּלאַץ?

— וואָס זאָל מען טהאָן? — האָט וואשקינד מיט הכנעה געענטפערט, אז דער מיוזיק־האָלל אויף דער באָוערי האָט זיך צוגעמאכט, האָב איך מיר פערפאַסט א פּאָר סקעטשעס און פיהר זיי אויף מיט א „פּארטנער" אין מואווינג פּיקטשור פּלעצער...

— מאַכט איהר א לעבען? — האָט קלינגער מיט אנטהייל געפרעגט.

— גאָר נישקשה... דער עיקר אָבער, איך דאַרף מיך ניט בלאַמירען. מיין נאָמען אויף די פּאָסטערס פיגורירט ניט. היינט וואָס גערט עס מיך אָן.

— דאָס איז וואויל! — האָט קלינגער געלויבט. — אבי דאָס „פּאָלק" זאָל דיך ניט קענען.

און אָנקוקענדיג מיט פריינדשאַפט וואשקינד'ן, האָט קלינגער זיך גענומען אויסצורעדען דאָס האַרץ.

— עס איז, ברודער, ניטאָ קיין ערגערע זאַך, ווי זיין פּאָפּולער, בעליבט ביים פּאָלק פאר א נאַש־בראָט. אָט נעהמט א ביישפּיעל פון מיר. דאָס פּובליקום קען מיך ווי א בייזען שינגער, מיין נאָמען איז אַדווערטייזט אין די צייטונגען. אייב קאהאָן אליין האָט שוין וועגען מיר געשריעבען, אפילו מיין פּיקטשור געגעבען אין „פאָרווערטס", היינט די קלענערע רעדאקציעס איז דאָך אָבגערעדט: דער רעדאקטאָר פון „אידישען גליק" האָט מיך פערגליכען צו שילדקרויט'ען... זיינט איהר א מבין?!... מיט איין וואָרט, מען האָט מיך אויפגעבלאָזען, געמאכט פאר א „סטאַר" און דאָס פּובליקום אליין האָט מיך אויך, — בעקלאָגען זיך קען איך מיך נישט, — גענוג אָבגעשעצט. איך פלעג קריגען די גרעסטע אפּלאָוזען. מען פלעגט ווערען הייזעריג שרייענדיג: קלינגער! איך בין א ליעבלינג.

איך האָב פּאַטריאָטען און פּאַטריאָטקעס... וואָלט דאָך אַן אַנ־דערער געווען גליקליך, צופריעדען, און וואָלט עס געהאַלטען פאַר אַ כבוד... מיך אָבער, ברודער, קוילעט דאָס אָוועק! עס מאַכט מיך אונגליקליך! ווייל מיין נאָמען שטימט ניט מיט מיין טאַש. איהר פערשטעהט? אַז מען איז פּאָפּולער, מוז מען זיין רייך. ווען ניט, פּאַסט זיך דאָס ניט און מען ווערט אַלע ווייל־ע פערשעהמט. נאָך מיין מיינונג מוז אַ פּאָפּולערער מענש האָ־בען אַן אייגענע ווילע ערגעץ ווייט הינטער'ן שטאָדט און ווייזען זיך פאַר'ן עולם מוז ער בלויז ווען ער שפּיעלט. אָבגע־שפּיעלט — זעץ זיך אריין אין אויטאָמאָביל און פאָהר אָוועק צוריק אין דיין ווילע. ווילסטו אַ ביסעל פערברענגען, לאָז זיך אָוועק צו מאַרטוענס. דאָרטען איז דיין פּלאַץ. צווישען גרויסע קינסטלער, צווישען גרויסע שריפטשטעלער... נאָר ניט ווייז־זיך צו־פוס אויפ'ן סטריט. עס שאַדט ניט אַמאָל דורכצושפּאַ־צירען זיך צו־פוס אויך. פערקעהרט, אַמאָל פּאַסט עס גאָר צום געשעפט: געהסט זיך לאַנגזאַם, אַנגעטהאָן אין אַ צילינדער, אַ סמאָקינג, ווינטער אין אַ פוטער, געאָרעמט מיט אַ שעהנע ליידי, איבער סעקאָנד עוועניו, צי אַפילו איבער גרענד סטריט און דאָס פאָלק בעוואונדערט דיך: אָט דאָס געהט קלינגער מיט זיין געליעבטע. מיט אַ ווייב פּאַסט ניט פאַר אַ קינסטלער. קינסטלער שפּאַצירען מיט געליעבטע...

אָבער שטעל זיך פאָר, ברודער־לעבען, אַז אזא מאַן ווי איך איז ניט קיין ביזנעס־מאַן. לעבען לעב איך בלויז פאַר דער קונסט, האָב זיך מיינע קאַפּריזען, וויל אויפטרעטען דוקא אין גאַרדין'ס, אַש'ס און פּינסקי'ס שטיק, וויל זיך צום ניעדריגען געשמאַק פון פּאָלק ניט ארונטערלאָזען, מיט די מענעדזשערס קיין קאָנטראַקטען שרייב איך ניט. ערשטענס, ברעכען זיי איהם, אויב זיי לוינט זיך, סיי ווי סיי; צווייטענס, האַלט איך, אַז אַ קינסטלער טאָר זיך ניט קאָנטראַקטירען. דאָס איז אַ בעליידי־גונג! וואָס זשע קומט ארויס, ברודער!... לאַכען זיי מיך טאַקע

אלע אויס, אפילו די קאלעגעז... אלע אנערקענען, אז איך בין א גרויסער טאלאנט, א גרויסער טראגיקער, כאטש אין קאמי־שע ראלען „ביט" איך זיי אויך... און אז עס קומט צו אנגא־זשירען אויפ'ן סיזאן, פערגעסט ענדליך מיין פלאץ א קאליקע...

מיינט איהר, אז דאס פאלק מאהנט מיך ביים מענעדזשער? חס וחלילה! אין גיכען ווערט דער קאליקע נאך בעריהמטער ווי איך. מען שטעלט ארויס אויפ'ן פאוסטער זיין פיקטשור אביסעלע גרעסער און ער איז שוין דער ליעבלינג... וואלט איך צופריעדען געווען. געהט עס אין דר'ערד די פאפולאריטעט מיט'ן נאמען! פערקעהרט, איך וויל מען זאל מיך אין גאנצען פערגעסען. אויס קלינגער! קלינגער דער שוישפיעלער איז גע־שטארבען. עס וויל לעבען קלינגער דער געוועהנליכער מענש. און אלס א געוועהנליכער מענש קען איך געהן אין א שאפ ווי אלע מיינע אדעסער לאנדסלייט און ארבייטען ביי קלאוקס. עס איז ניט שווער זיך אויסצולערנען..

איהר ווילט הערען א וויץ, וועל איך אייך דערצעהלען. איך בין שוין טאקע געווען אין א שאפ. געשטעלט זיך אין דער רייהע מיט אלע ארבייטער און געווארט. מיינט איהר, האט מען מיך דארטען ניט דערקענט?

— וואס טהוט איהר דא, מר. קלינגער? — האט איינער א דארער בחורעל אויסגערופען הויך. אלע ווארטענדע אר־בייטער האבען זיך אומגעקוקט און דער גרעסטער טייל פון זיי און איך האב מיך פערשעהמט ווי א גנב און געמוזט אבטרא־האט מיך דערקענט און מען האט מיך געמאכט אן אוואציע גען זיך. וואס מיינט איהר האבען זיי געמיינט? אז איך וויל שטודירען דאס לעבען, נאכמאכען די מינעס פון די אר־בייטער... איהר פערשטעהט, וואס פאר א אידיאטען דאס זיי־נען?...

שלעכט! זאג איך אייך! אזוי איז מיט אלץ. אנגאזשירט בין איך ניט, פערדיענען פערדיען איך ניט קיין פעני, טראכט

איך מיר, איך וועל מופען ערגעץ אין אן ארימער וואוינונג, אין א פאמיליען־הויז, איך בין איינער אליין, וועל מיך בעהאלטען פון דער וועלט, און אוים קלינגער. איז ניט געפידעלט! ווי באלד אז די קונסט האבען פערכאפט די מענעדזשערס, איז אוים קונסט.

לאז איך מיך אין אן ארימע סטריט ערגעץ אין א פער־ווארפענעם ווינקעל זוכען א בעד־רום פאר א פאר דאלאר א חודש, ווי אין אמאליגע יאהרען, ווען איך בין נאר וואס אהער געקומען. איז אבער, ברודער, לא מיט אן אלף. וואו איך געה אריין, אליץ מיינע פערעהרער, ליעבהאבער און בעוואונדערער: אך, מר. קלינגער! וואוהין האט איהר פערבלאנדזשעט...

און די מיסעס בעגלייט מיך פון די צובראכענע טרעפ און איך מוז אויסטראכטען א משוגענ׳עם תירוץ: ווי אזוי קום איך אהער . . .

און וואס איז מכח רעסטאראנטס? איז דען ניט די זעלבע זאך. אט בין איך אריין אהער, אין אן ארימע בעקעריי... אין טאש האב איך עטליכע סענט, דאכט זיך דרייצעהן... נו, האב איך גערעכענט, קאפע דריי, געבעקס פינף, — איז אכט, בלייבט מיר נאך פינף סענט אויף א פעקעל מעקקאס. ווייזט זיך ארויס, אז דער קעלנער איז א פערעהרער מיינער; איהר זעהט, ווי ער קוקט אויף מיר... ער האט מיך אודאי געזעהן אין „חאשע די יתומה“ און אפשר אין גאלדפאדען׳ס „בן עמי“, נו, מיינט איהר, וועט ער ניט קריגען דעם ניקעל א „טיפ“...

נאר דא האט דער שוישפיעלער פון די סקעטשעס מר. וואשקינד איהם איבערגעריסען און זיך אבגערופען:

— נו, מר. קלינגער, וואס אנבעטרעפט דעם ביל דא אין רעסטאראנט, וועל איך בעצאהלען... אויך דעם „טיפ“ נעהם איך אויף זיך...

דער פאפולערער און בעליבטער שוישפיעלער קלינגער האט זיך גערונגען אביסעל וועגען דעם, אבער ענדליך האט ער

אויסגעפיהרט. עס הייסט, ער אליין האָט בעצאָהלט זיין אייגע־נעם ביל און איז ארויס פון דער קליינער בעקעריי אָהן איין סענט.

דערפאר אָבער האָט ער זיך געפיהלט ערלייכטערט, נאָכ־דעם ווי ער האָט זיך אביסעל אויסגערעדט דאָס הארץ..

דער פּאַטער.

„איהר פרעגט וואו איז מיין עלטערער באַי, בעני... א דאנק פאר'ן פרעגען. כאַטש, אז איהר דערמאַנט מיר איהם, צו־געהט מיר דאָס הארץ. שטעלט זיך פאר אז מיין בעני יאָגט זיך נאָך ווילא'ן...

ווע לכער ווילא? — פרעגט איהר — וואָס? — איהר לייענט גאר ניט די פּייפּערס? א חדוש! איך מיין ווילא פון מעקסיקא, וואָס אַמעריקא מוז איהם „כאַפּען טויט אָדער לע־בעדיג"...

אַט נאָך דעם דאַזיגען ווילא יאָגט זיך דאָס איצט נאָך מיין בעני זאָל לעבען...

איהר וואונדערט זיך ווי אזוי קומט מיין בעני צו מעקסי־קאָ. מיט צוויי יאָהר צוריק, געדענקט איהר דאָך האָט ער גע־ארבייט אין ניו־יאָרק, אָדער אַמאָל ארומגעגאנגען לעדיג, עס האָט זיך געוואונדט נאָך דער צייט. איז איהם טאַקע נמאס געוואַ־רען ביידע זאַכען, אי ארבייטען, אי ארומגעהן לעדיג, וואָרים פון ביידע זאַכען לעקט מען אין אמעריקא קיין האָניג ניט. ארביי־טען אין א שאָפּ איז פאר איהם געוועזן צו שווער, ניט חלילה ווייל ער האָט קיין כח ניט געהאט — דאָס דוקא ניט, וואָס דען? ער פלעגט ניט קענען פערטראָגען די ווענט פון שאָפּ — אזוי פלעגט ער טענה'ן.

ארומגעהן לעדיג, פֿלעג איך צו איהם האָבען טענות: זיצט א בחור אויפ'ן טאַטענ'ס קאַרק און גאָר ניט.

איז ער זיך אין א שעהנעם פֿריהמאָרגען מישב און גיעט זיך אַן פאַר א סאָלדאַט אין דער אמעריקאַנישער אַרמעע...

אַט דאָס איז טאַקע אמעריקא! וואָלט איהר ווען גע־גלויבט, אז ביי אונז, איך מיין דאָרטען אין דער פֿינסטערער מדינה, זאָל א בחור זיך אליין אָנגעבען. יעדער דאַנקט דאָר־טען גאָט, אז ער האָט א פֿעהלער, אז עס פֿייפֿט איהם אָן אויער אָדער גאָט האָט איהם געבענשט מיט צוצווייגענע אָדערען אויף א פֿוס, אָדער עס פֿעהלען איהם א טוץ אָנדערטהאַלבען צייהן, צי נאָך אזוינע גליקליכע פֿעהלערען, וואָס פֿאַניע האָט פֿאַר זיי גרויס דרך ארץ... מיין בעני גאָט צו דאַנקען האָט די דאָזיגע פֿעהלערען ניט געהאַט, אויסער דעם איינציגען פֿעהלער פֿון פֿייפֿען... אָבער ניט דער אויער האָט חלילה געפֿייפֿט, נאָר דאָס מויל. אז ער פֿלעגט געבען א פֿייף, פֿלעג איך מיינען, אז אלע שדים פֿון די מדבריות וועלען זיך צונויפֿלויפֿען, ווערליג מען גלויבט ביי אונז אין דער היים...

הייסט עס, האָט ער זיך אָנגעגעבען אין דער היגער אַר־מעע. איז אָבער ניט ווי מען רעדט אזוי גיך טהוט זיך דאָס. אזוי ווי דאָרטען אין דער פֿינסטערער מדינה איז שווער צו בעפֿרייען זיך פֿון דיענסט, אזוי איז דאָ, אין דער ליכטיגער מדינה שווער אָנצוקומען. דאָס הייסט נעהמען, נעהמען זיי צו, נאָר וואָס דען? מען דאַרף האָבען, אז דער טאַטע זאָל אונטערשרייבען אזא מין פּאַפּיער...

קומט ער אמאָל, בעני מיינער, רוקט מיר אונטער א פּאַ־פּיער אויף ענגליש און דערצעהלט מיר א מעשה, אז באשר בכן, ארבייטען אין שאַפּ האָט ער פֿיינט, און אומגעהן לעדיג וויל א י ך ניט ליידען, האָט ער בעשלאָסען צו געהן אין דער אַרמעע און אז גאָט וועט העלפֿען ער וועט זיך אויסדיענען קען ער זיך דערדיענען צו א פּאָליסמאַן אויף א פֿערד.

— ווי אזוי אויף אַ פערד, פאר וואָס ניט אַ פוס־פּאָליסמאַן, וואָס גיט אכטונג אויף דער אָרדנונג, שטעהענדיג מיט ביידע פיס אויף דער ערד? פרעג איך איהם.

ערקלעהרט מיר מיין בעני, אז ער האָט לאַנגע פיס און ווי באַלד ער האָט לאַנגע פיס, וועט ער געהן אין דער קאַוואַלעריע... דערפאַר, אז ער וועט זיך אויסדיענען קומט איהם צו ווערען אַ פערד־פּאָליסמאַן... דאָס הייסט, ער וועט דאַרפען אכטונג געבען אויף דער אָרדנונג פון דער הויך...

איז מיר דער ענין יאָ געפעלען און ניט געפעלען. ניט גע־פעלען איז ער מיר, וואָס מיין בעני, וועלכער וואָלט אין רוס־לאַנד געהאַט אַ צווייטע להאָטע, ווערליג ער איז עלטער פאַר׳ן קלענערען בנ׳אָק מיינעם מיט אַ יאָהר זיבען און וואָלט אין אַ „גוטען יאָהר" אודאי דאָרטען בעפרייט געוואָרען מיט איין הונדערטער, זאָל ער דוקא דאָ, אין דער פרייער מדינה ווערען אַ סאָלדאַט! אמת, ער גיעט זיך אליין אָן, מיט׳ן גוטען ווילען... צווינגען צווינגט מען איהם ניט... פונדעסטוועגען ווילט זיך עפּעס ניט לאָזען. פון דער צווייטער זייט אָבער ווילט זיך האָ־בען אַ זוהן אַ פּאָליסמאַן און נאָך אויף אַ פערד. וואָרים ווי־באַלד אויף אַ פערד וועט ער זיך ניט געפינען ערגעץ אין אַ העסטער סטריט, נאָר טאַקע אויף פינפטע עוועניו, וואו די אויטאָמאָבילען לויפען און וואו אַלע מיליאָנערען שפּאַציערען אַרום!...

מילא, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען, איך האָב מיך מישב געווען מיט מענשען, נאָכגעפרעגט ביי מיין סאָסייעטי־לאָיער, וואָס פאר אַ „פּראָוועס" קען איך אליין קריגען, אויב מיין זוהן ווערט אַ סאָלדאַט. ערקלעהרט מיר דער לאָיער, אז ערש־טענס ווער איך דערמיט אַ שטיקעל „סיטיזען". ס׳הייסט אויב איך פאָהר אַמאָל צוריק אין אייראָפּאַ און קום ווידער אַהער, — מוז מען מיך אריינלאָזען.. צוריק שיקען טאָר מען מיך שוין

ניט. טאַמער וויל איך עפּעטן א סאַלון בין איך שוין אויך ביל־בער צו קריגען לייסענס איידער אַן אַנדערער; דאָס הייסט שוין, אַז איך האָב א צד אין דער משפּחה... איהר פערשטעהט א קוק?...

מילא, איך האָב מיך געוויעגט אהער און אהין און האָב דאָס פּאַפּיער „געסיינט״; עס הייסט, איך בין מרוצה, אַז מיין זוהן, מיין בעני, זאָל ברענגען א נוץ די יונייטעד סטייטס אָף אַמעריקאַ... דערהויפּט האָט מיך געגומען דאָס, וואָס איך וועל דערמיט א שטיקעל סיטיזען, ווייל ווערען א גאַנצער סיטיזען איז פאַר מיר אַן אונמעגליכע זאַך. איין לאַנד בין איך שוין אַפּילו א יאָהר פופצעהן און האָב שוין געקענט ווערען דריי מאָל א סיטיזען, ווען ניט מיין פערדרעהטער קאָפּ... ווערמענס קאָפּ איז אויסצולערנען זיך די אַלע זיעבען זאַכען, וואָס מען דאַרף דערצו קענען! טאַמער האָב איך איין פריי‌ען טאָג אין דער וואָך — אַמאָל שבת און אַמאָל זונטאָג, עס ווענדעט זיך אין וואָס פאַר א שאָפּ מען אַרבייט, זאָל איך מיך גאָר געהן פערדרעהען דעם קאָפּ מיט נייע חכמות, ווי אַזוי האָט געהייסען דער און יענער פּרע־זידענט.

נאַטירליך, ווען איך זאָל וויסען, אַז מען וועט איהם גאָר „נאַזנאַטשען״ אַזש אין דער דריטער אַמעריקאַ און פון דאַרטען איז איין שפּרונג קיין מעקסיקאָ און ווילאַ וועט זיך צובונטעווען און וועט זיך פּערטשעפּען מיט אַמעריקאַ! — אויף אַזוינס האָב איך זיך ניט גערעכנט! געה זיי א חכם און רעכען אויס אַזוינע מינים זאַכען. סך־הכל האָב איך דעמאָלט גאָר ניט גע־וואוסט, אַז מעקסיקאָ איז א בעזונדער לאַנד און עס געהערט ניט צו אונזער אַמעריקאַ.

איצט אָבער איז ניט גאָר פרעהליך. איך בין זיכער אַז מיין בעני איז דאַרטען אין מעקסיקאָ און יאָגט זיך נאָך נאָך ווי־לא׳ן, ווייל קיין בריעף האָב איך פון איהם שוין לאַנג ניט בע־קומען... אַזוי פּלעגט ער מיר שרייבען אַלע וואָך און פּלעגט

נאָך אמאָל שיקען אביסעל געלט פון זיינע ווײַדזשעס. ער נעהמט דאָרטען גאַנץ שעהנע ווײַדזשעס: פּופּצעהן דאָלאר א חודש מיט עסען און טרינקען און אויף אַלעם פּערטיגען. א דזשאָב איז דאָס ניט קיין שלעכטער, ווען עס זאָל זיך ניט אונ־טעררוקען ווילא...

נאָר איינס זאָגט מיר דאָס הארץ, אז אויב ווילא וועט זיך לאָזען כאַפּען, וועט איהם כאַפּען מיין בעני. ער איז א באַי א מזיק! איך וואָלט בלויז געוואָלט ער זאָל איהם כאַפּען א לע־בעדיגען, ווייל צו וואָס פּערגיסען מענשליכע בלוט? איך בין א גרויסער געגנער פון אלערליי געשלעגען און מלחמות. איך פרעג אייך, צי וואס דארף מען דאָס און וואָס איז דאָס פאר א וועלטעלע געוואָרען, אז אפילו אמעריקא האָט זיך אויך ניט געקענט אויסדרעהען נאָר איננאנצען פון עפּעס, איז ניט קיין מלחמה, איז כאָטש א נאָכיאָגעניש...

און ווער דארף העלפען כאַפּען איהם, ווילא'ן הייסט עס, טאקע מיין בעני, וואָס איז אין גאנצען א יאָהר צעהן אין לאנד! איך זאָג ניט, אז מען האָט איהם גענויט דערצו, אָבער ווער ייוייס, ווען ער וואָלט געהאט סטעדי ארבייט און די ארבייט וואָלט ניט געווען אזוי שווער וואָלט איהם אפשר גאָר ניט געצויגען אין דער אַרמעע און איך וואָלט געקענט שלאָפען רו־היג ביי נאכט... אזוי אָבער זעה איך נאָר פאר די אויגען ווי אזוי מיין בעני יאָגט איהם נאָך, ווילא'ן הייסט עס, און יענער איז קיין נאָר ניט און אנטלויפט... און בעני יאָגט איהם ווי־דער! ער מוז איהם, הייסט עס, כאַפּען.

אָט בין איך דאָ ניט לאנג געווען אין די „מואוויס" האָט מען דאָרטען געוויזען א פּיקטשור פון מעקסיקאָ ווי אזוי אונ־זערע געוועלטיגען דאָרטען... לייט זיצען און קוועלען, האָבען הנאה און פּאטשען בראַווא... אפשר וואָלט איך אויך געווען אזא פּאַטריאָט ווי זיי, ווען מיין בעני וואָלט דאָרטען ניט געווען קיין מחותן... מיר אָבער האָבען זיך די הענט ניט געהויבען צום

פּאַטשען.. איך האָב מיט זיי געמוזט ווישען די אויגען... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איינער אויף אַ פערד זעהט אוים פּונקט ווי מיין בעני, ער האָט געקוקט אויף מיר אַזוי טרויעריג, ער האָט שוין קענטיג חרטה אויף דער גאַנצער מעשה... איך האָב מיך געוואָלט נאָך אַמאָל איינקוקען, האָט מען שוין די פּיקטשור אוועקגענומען, באַלד האָט מען שוין געוויזען אַ שיף מיט אַ גרויסען הארמאַט... דער עולם איז גאָר נתפּעל געוואָרען... דער־זעהען זיי איצט אַ שיף מיט אַ הארמאַט ווערען זיי ווי משוגע! אַ שמחה אויף זיי. דער פּעטער סעם האָט אַ הארמאַט... נישקשה, ווען זייערע זיהן וועלען דאַרפען געהן אין מלחמה וועלען זיי זיך ניט אַזוי שטאַרק פרעהען מיט'ן הארמאַט...

דער פּאַסאַזשיר.

(דערצעהלט פון אַ גאַליציאַנער פליכטלינג).

...ווי אזוי בין איך אנטלאָפען, פרעגט איהר מיך, אידען? אַ קשיא איז דאָס אַ גרויסע, אָבער אז מען האָט אמונה וועט דער אויבערשטער שטענדיג קומען צו הילף...

אנטלאָפען בין איך טאַקע אין דער לעצטער מינוט. אָנ־פאַנגס האָב איך ניט געוואָלט לויפען... עפּעס האָב איך גע־האַלטען עס פאַר אַ זינד: לאָזען די אָרעמע אידען, וואָס קע־נען ניט לויפען און אליין ראַטעווען זיך, איז ניט שעהן פאַר גאָט... אין אַ צרה דאַרף מען זיין אַלע אין איינעם.... אין אַן אונגליק דאַרף מען די ברידער ניט פערלאָזען. און אז גאָט וויל וועט ער אויסהיטען פון ערגסטען שונא, אפילו פון די קאָזאַ־קען... נאַטירליך, די טעכטער און דאָס ווייב האָב איך גלייך, ווי נאָר מען האָט געהערט, אז דער רוס „נעהמט“, אװעקגע־שיקט קיין וויען. „אין סומכין על הנס!“... אָבער מיין אייגענער נפש איז ניט אזוי וואַזשנע... אז עס איז בעשערט צו לעבען וועט מען לעבען בלייבען אפילו ביים רוס..

אָבער אז דער רוס איז אריין אין שטעדטעל איז טאַקע געוואָרען שטאַרק שלעכט. ווי דער שטייגער איז — אַ בעל נצחון! — דאָס קומט איהם און יענעם קומט איהם, און ווע־גען „ניטאָ“ איז נאָר קיין רעד ניט. מילא, דו ווילסט אַ זייגע־

ריל — נאָ! איך קען מיך אין מלחמה־צייט בעגעהן אָהן א זייגעריל, אבער וואו זאָל איך דיר נעהמען מיידלעך!... האָב איך זיך אזוי געמוטשעט מיט זיי א וואָך צייט, אַנגענומען אלע נגישות פאר ליעב און געדאנקט גאָט פאר'ן שטיקעל לעבען, וואָס זיי נעהמען ניט אוועק.

שפּעטער איז אָבער געוואָרען ערגער. א סך אידען פון די איבערגעבליבענע האָט מען ארעסטירט, עטליכע געשאָסען, די איבעריגע אין רוסלאנד אוועקגעשיקט. איך זעה, אז איך בלייב באלד איינער אליין צווישען אזא עם־רע... בין איך מיך מישב: איך וועל שוין אנטלויפען; ווי באלד אז איך בין כמעט אליין גע־בליבען — איז דאָך שוין טאקע א יושר צו אנטלויפען! איז אבער די קשיא: ווי אזוי? די וואָך הינטער'ן שטעדטעל איז שטרענג. „אין יוצא ואין בא!". געוואוסט האָב איך אבער, אז ווען מען זאָל קריגען פון קאָמענדאנט א פּאַסאַזשיר־שיין, לאָזט די וואָך דורך. הײנט ווי אזוי־זשע קומט מען צו צו איהם? און אז מען וועט שוין צוקומען, וועט ער דען געבען?

און פּלוצים פאלט מיר איין, איך וועל לויפען גאָר אָהן א פּאַסאַזשיר־שיין. כ'וועל פּרובען מזל! נעהמען וועל איך גאָר־נישט מיט. אפילו דעם טלית און תפילין ניט. איך וועל קומען צווישען אידען, וועל איך שוין קריגען א טלית און תפילין. אַי א שמירה אין וועג, איז גענוג דער טלית־קטן, וואָס איך טראָג.

און איך וויל מיך שוין מכין זיין אין וועג, ס'הייסט קושען די מזוזות, פערשליסען דאָס הויז און געהן.

ווי איך נעהם אזוי קושען די מזוזות, גיט מיר גאָט ברוך הוא א מחשבה אריין אין קאָפּ: אריה ליב, נעהם מיט א מזוזה...

אי וואָס? זיי וועלען דיך דאָרט רעווידירען און וועלען מיי־נען, אז עס איז אזא מין טעלעפאָן, טאָ נעהם בלויז דאָס שטי־קעל פּארמעט אליין; די שייד אין וואָס די מזוזה ליעגט, נעהם נישט! א שטיקעל פּארמעט וועלען זיי ניט בעמערקען.

און איך רייס אראָב די מזוזה, נעהם זי ארויס פון איהר „שייד“, לייען זי דורך צי זי איז, חלילה, ניט פסול. גאָט צו דאנקען — אלץ איז כשר. פעהלט קיין אות! דער „שדי“ בלאנקט! איך גיב א קוש דעם סאמע „שדי“ און איך דערשפיר, אז איך קריג אזא מין כח, אז איך קען בייקומען דעם שטארקס־טען שונא!

און מיט גרויס בטחון אין דעם „שדי“ לאָז איך מיך אין וועג, אהן קיין שום שרעק, אהן קיין שום פחד.

איך קום הינטער'ן שטעדטעל און דערזעהר די וואך. ווער איך אויך ניט אראָבגעפאלען! איך טאפ בלויז אָן אין טאַש די מזוזה... זי איז דאָ!

און איך געה מיט פעסטע, זיכערע טריט אנטקעגען דער וואך.

א פאָר סאָלדאטען, א'פנים עלטסטע, קוקען מיך אָן, וואונ־דערען זיך א'פנים, וואָס איך געה אזוי „האָפערדיג“, אָבער זיי לאָזען מיך געהן. אז איך קום אָבער צו נאָהענט צו זיי, שטעלט מיך איינער אָב און גיט מיך א פרעג:

— און אַ פאַסאַזשיר־שיין פון קאָמענדאנט האָסטו?...

דאָ האָב איך מיך שוין אביסעל דערשראָקען... איך וויל ניט לייקענען.. אבער די שרעק האָט געדויערט בלויז א האל־בע רגע... גלייך ווי אימעצער וואָלט מיר מיט גוואלד די האנד אין טאש אריינגעלעגט, נעהם איך ארויס די מזוזה און דערלאנג דעם סאָלדאט... און בלייב שטעהן ווי ניט מיך מיינט מען.

— פון וועמען איז דאָס? — פרעגט ער מיך און בע־טראכט דעם פארמעט. לעזען א'פנים קען ער ניט אפילו זיין אייגענעם לשון, ווי דער שטיינער איז פון א רוס.

איך טראכט ניט קיין סך און ענטפער:

— פון אמת'ן קאָמענדאנט... סאמאהאָ קאמענדאנטא!...

ער גיט איבער דעם צווייטען סאָלדאט, ווי ער וואָלט זיך אָן עצה געהאלטען. יענער נעהמט דעם פארמעט, קוקט דערין

אריין מיט ישוב הדעת און רופט זיך אָן צום ערשטען:

— זעהסט דאָך, אז עס איז א וואזשנער דאָקומענט, אויף פּאַרמעט... לאָז איהם דורך...

און דער ערשטער גיט מיר א קלאַפּ אין פּלייטשע גאַר פריינדליך און רופט זיך אָן:

— סטופּאי איז באָגאָם. לשונו ממש: געה מיט גאָט...

און גיט מיר צוריק אָב מיט רעספּעקט דעם „פּאַסאַזשיר־שיין".

אָבגעהענדיג עטליכע איילען פון דער וואך האָב איך די מזוזה א קוש געטהאָן, אריינגעלעגט טיעף אין בוזעם־קעשענע, געהויבען די אויגען צום הימעל און געדאנקט דעם אמת'ן „קאָמענדאנט" פאר זיין אייביגען „פּאַסאַזשיר־שיין"...

ווי איהר זעהט מיך א אידען!...

דער משפט.

(מאָנאָלאָג פון אַ יוניאָן־מאַן)

..איהר ווילט טאקע וויסען די מעשה פון אָנהויב ביז׳ן סוף? גאַנץ פיין — איך וועל אייך דערצעהלען. מיר אַרט טאַקע נישט, אַז איהר וועט עס בעשרייבען. זאָל טאַקע די וועלט וויסען! איך שעם מיך נישט! זאָלען זיי זיך שעמען! זיי, וואָס האָבען מיך גע׳משפט!

אַז איך נאָך געוועזן אין דערהיים אין מיין שטעדטעל, האָב איך פאר א משפט מורא געהאט, ווי פאר פייער! ומשפטים בל ידעום, הללויה — פלעג איך זאָגען מיט דער גרעסטער כונה! און גאָט צו דאנקען — איך האָב קיינמאָל אויף זיך קיין משפט נישט געהאט. ניין! איך וויל קיין ליגען נישט זאָגען. איינמאָל, בשעת עס איז געווען די חאָלערא, נישט דאַ געדאכט, און מען האָט גענומען אכטונג געבען אויף „טשיסטאָטא“, און דער אור־ריאדניק האָט געמאכט א פראָטאָקאָל פאר אביסעל מיסט, וואָס איך האָב אויסגעשאָטען ביי דער טהיר, האָב איך געזאָלט האָבען א משפט. נאָר איך האָב מיך געלאָזט קאָסטען א האלב קערבעל, און דער משפט איז „צוריבען געוואָרען“..

האָב איך דאָך געמיינט, אַז אין אמעריקא בין איך אודאי פריי פון משפטים! דאָס לאנד איז א פרייע, קיין בלבולים מאכט מען דאָ נישט, אויף ריינקייט גיעט מען אין אונזערע סטרי־

טען נישט אזוי שטארק אכטונג, קיין נאלאגנע צאהלען דארף מען דא נישט, קיין פאספארטען אויך נישט — א פרייע וועלט, מהו וואס דו ווילסט. ווייזט זיך ארויס, אז דוקא דא, אין דעם פרייען לאנד. האב איך געהאט א משפט, וואס מען זאל בעהיט ווערען. ממון און דמים האט עס מיך געקאסט!

און מיינט איהר, ווער האט מיך געמשפט? גויים? יענקים? אמעריקאנער? חלילה וחס!

אידען האבען מיך גע׳משפט, מיינע ברידער!

אט הערט א מעשה!

אין דערהיים, אין מיין שטעדטעל, בין איך געווען אן ארעמער שניידער, גענעהט, וואס עס האט זיך געמאכט: א ווייבערשע קליידעל, איז רעכט א ווייבערשע קליידעל; א פויערשע קאפטאן, איז אויך גוט. קיין ספעציאליסט בין איך נישט געווען. אבער דא געהט עס נישט. דא האט יעדער זיין פאך. אזוי ווי א האנד האב איך א גיכע, איז פאר מיר בעסער געווען צו ארבייטען ביי „קלאוק“, עס הייסט ביי ווייבערשע מאנטלען, און בין פון דער ערשטער מינוט, וואס איך בין דא אין אמעריקא, א „קלאוק־מייקער“.

מילא, איידער עס איז געווען דער גרויסער סטרייק, איז דאך נישט שייך צו זאגען — איז געווען אמת׳ע פרייהייט, טאקי וואס פרייהייט הייסט: ווילסט ארבייטען פון שטיק, ארבייט פון שטיק, ווילסט ארבייטען פער וואך, ארבייט פער וואך, ווילסט ארבייטען ביז דריי פארטאג, ארבייט געזונדטערהייט! קיינער האט דיר נישט געזאגט קיין דעה! און עס זיינען געווען צייטען, ווען איך האב פיין פערדיענט, קרוב צו פיערציג דאלאר. איהר זענט א מבין?!... אמת, איך האב שווער געארבייט, געווען נעכט, וואס איך האב געשלאפען נאר צוויי־דריי שעה און דוקא אין שאפ: צוגעשפארט זיך אויף א פאק ווייבערשע מאנטלען אין די קליידער, אין א פאר שעה ארום אויפגעשטאנען, און צוריק צו דער ארבייט.. נו, וואס

איז? װעמען געהט עס אָן. אז כח, גאָט צו דאנקען, איז דאָ, און אויף שלאָפען איז געגוג שבת (זונטאג ארבייט איך נישט עד היום!). קיין תהלים אין שוהל געהן זאָגען דארף מען נישט... עס הייסט, מען װאָלט אפטר יאָ גערארפט, נאָר מען געהט נישט!...

האָט מען זיך ארומגעזעהן, אז עפּעס איז די זאַך נישט גלאַט: איינער פערדיענט פיערציג דאָלאר א װאָך און צװאנציג געהן אום ליידיג...

רייזין 26 להמ להמ סלהמ יאאט יאאשיאא

איהר הערט א מעשה! אלע מאָל איז דאָך אזוי: װער עס איז א בריה, האָט א גיכע האנד און פוילט זיך ניט, דער פער־דיענט! אי די, װאָס געהען אום לעדיג? איז טאקע א רחמנות! איז װאָס זשע קען איך העלפען? איך פרעג אייך! און אויף מיר איז דען נישט קיין רחמנות? — גלויבט מיר, אז פיערציג דאָלאר א װאָך איז פאר מיר געװען ניט קיין סך. איהר דארפט װיסען, אז איך האָב ארױסגעבראכט אהער דאָס װייב מיט די פיער קינדער און דאָ זיינען געבאָרען געװאָרען נאָך דריי, זאָ־לען געזונד זיין... און טאָמער ליעגט אין די בענק א פּאָר דאָלאר, מוז מען דאָך זעהן פערזאָרגען אויף שפּעטער.

מילא, איז אויסגערופען געװאָרען א סטרייק...

רעכען איך מיר אויס, אז א סטרייק איז טאקע א גאנץ װיכטיגע זאַך. ארבייטער דארפען טאקע זייער לאגע פערבע־סערען. עס איז נישט קיין עולה... אבער איך בין דאָך א טאַטע פון קינדער און ביי מיין באָס" ארבייט איך שוין עטליכע יאָהר און קיין טענות צו איהם האָב איך באמת נישט, ער האָט מיר בעהאנדעלט אויפ'ן שעהנסטען אופן. ער איז טאקע מיי־נער א לאנדסמאן... זאָלען ז י י טאקע סטרייקען און א י ך װעל מיר שטילינקערהייד, פּאַװאָלי ארבייטען..

װייזט זיך ארוים, אז דאָ אין לאנד איז דאָס איינס פון די גרעסטע פערברעכענס. עס הייסט, נישט ביי דער מלוכה, די

מלוכה האלט דוקא פון אזעלכע, נאר ביי די ארבייטער הייסט עס א „סקעב"... און א „סקעב" איז אזוי ווי אין חרם...

מילא, וואס זאל איך אייך דערצעהלען א סך: איך האב אויך געווארפען מיין ארבייט. עס איז מיר אפילו געווען שווער מעיז פנים זיין דעם באס". ער האט אויף מיר א קוק געטהאן, זאג איך אייך, האט מיר געשטאכען אין הארצען: דו ארבייטסט ביי מענשען פינף יאהר, און ער צאהלט דיר אלע וואך „קעש", מזומן, און האסט צו איהם גארנישט. מיט אמאל, געה און ווער ברוגז און זאג: ניין! איך ארבייט נישט.

נאר פערפאלען. אז די יוניאן הייסט, מוז מען פאלגען!

עס איז, זאג איך אייך, א מלוכה, מיט בעאמטע, דעלע־גאטען, „ארגאנייזערס", סעקרעטערס, חאטש נעהם און טהו זיי אן שליפעס מיט מעשענע קעפ!

צוועלף וואכען האט געדויערט דער סטרייק! א גליק, וואס איך האב אבגעשפארט עטליכע דאלאר. אמת, מען האט אפילו געצאהלט די ערשטע וואכען צו ביסלעך געלד. אבער וואס האט עס געקלעקט! נאכדעם האט מען שוין צאהלען אויך אויפגע־הערט. עס האט זיך אויסגענומען! א קלייניגקייט! עס האבען געסטרייקט איבער 50 טויזענד „קלאוק־מייקער", קען מען זיך דען אננעהמען?

את אזוי האב איך צוריבען צוועלף וואכען. מיינט איהר, אז די 12 וואכען האב איך גערוהט? חס וחלילה! אלע אווענד האב איך געמוזט געהן אויף די מיטינגס, וואו די רעדנער הא־בען געהאלטען לאנגע רעדעס וועגען דער מאכט פון די ארביי־טער און ווי אזוי די „באסעס" האבען ביז אהער געזויגט אונזער בלוט, און ווי אזוי ווייטער געהן קאן עס נישט. איין רעדנער אראב, דער אנדערער ארויף, און אלע די זעלביגע ווערטער, כדי די ארבייטער זאלען דאס פערשטעהן.

איך וויל נישט לייקענען: אין די דריי חדשים צייט בין איך אביסעל אויסגעבילדעט געווארען, איך בין דערגאנגען א סך

ענגלישע ווערטער, ווייל די רעדנער זיינען שוין אלע לאנג אין לאנד און מישען צו א סך ענגליש, אבער פערשטעהן קען מען.

צייטענווייז פלעגען זיי מיך אליין דורכנעהמען. עס הייסט, איך האב געפיהלט, אז עס איז טאקע נישט קיין יושר, אז דער „באס" זאל אזוי פיעל פערדיענען און דער ארבייטער אזוי ווע־ניג. און איך בין שוין אינגאנצען אריבער, אפילו אין הארצען, אויף זייער זייט. נאך אלע זאכען, האב איך געפיהלט, אז פארט זיינען טאקע די אלע רעדנער און בעאמטע אונזערע פריינד, אונזערע פערזארגער.

איינס נאר האב איך ביי זיך נישט געקאנט פועל'ן: איך זאל ווערען א שונא מיין „באס". איך האב בטבע דרך ארץ פאר רייכע מענשען (מיין „באס" איז א גרויסער גביר!) איך האב גאר נישט געקאנט פארשטעלען זיך, ווי אזוי קאן איך ווערען אזא יחסן, אין דער צייט, וואס איך בין א פראסטער ארביי־טער, און ער איז א מאנופעקטשורער", א מענש, וואס פיהרט ביזנעס אויף שווערע טויזענדער...

און דא איז אויסגענומען א תנאי, אז די ארבייטער טארען מיט די „באסעס" קיין שום בעזונדערע געשפרעכען נישט הא־בען. אבגעארבייט די ניין שעה — געהט אהיים!

אז דער סטרייק האט זיך געענדיגט, איז אויף די „בא־סעס" געווען אן אמת'ער רחמנות. וואס מיינט איהר — זיי האבען ערגערע געשעפטען געמאכט?! ניין, נישט דאס. זיי זיינען געווארען פשוט אויס „באסעס". קיין ארבייטער אבזאגען טארען זיי נישט, א נייעם נעהמען טארען זיי נישט. אלץ מוזען זיי פרעגען ביי דער יוניאן. איהר פערשטעהט אן עסק! היינט וואס טויג שוין זיי דאס געלד מיט די עשירות, אז זייער ווארט איז קיין ווארט נישט! ווארום, וואס איז, צווישען אונז גערעדט, דער גאנצער חשק צו רייכקייט? כדי מען זאל מורא האבען, מען זאל וויסען, אז מיר זיינען מיר, אז אונזער ווארט גילט, אונזער דעה ווערט אנגענומען. אבער ווי באלד אז ביי

א „באַס" ארבייטען הונדערטער ארבייטער, און ער האָט אויף זיי קיין שום דעה נישט, איז דאָך נישט ניחא דאָס עשירות...

איז טאקי אויף די „באַסעס" געווען א רחמנות. נאָר וואָס געהען מיר אָן די „באַסעס". מיר איז נאָר א שאָד מיין „באַס"... ערשטענס, א לאַנדסמאַן, און, צווייטענס, איז ער א איד, וואָס האָט ליעב כבוד. קיין שלעכטער מענש איז ער ניט, דוקא א גוטער מענש. היינט פאר וואָס זאָל מען איהם טאקע נישט אָבגעבען כבוד, לכל הפחות, דאָס, וואָס איהם קומט.

און אָט דאָ הויבען זיך אָן מיינע צרות. מיר האָט נישט געאַרט, וואָס איך קאָן איצט נישט ארבייטען אזוי פיעל, ווי איי־דער דער סטרייק. איהר ווילט, איך זאָל ארבייטען ניין שעה, זאָל זיין ניין. זאָלען אַלע ארבייטער האָבען אַרבייט — עס איז אפשר ניט קיין עולה! אָבער וואָס אַרט אייך, אז איך בין מיט'ן „באַס" פריינדליך, אַז איך קום צוגעהן פריהער פאר אַלעמען און שמועס זיך דורך אַ ביסעל מיט איהם, אז איך בלייב אַמאָל אַ האַלבע שעה, צי אַ שעה און הער אויס זיינע טענות... אמאָל גיעב איך איהם טאקע גערעכט. ער הויבט אָן קלאָגען זיך אויף דער יוניאָן, צוגעהט מיר דאָס האַרץ און איך גיעב איהם טאקע גערעכט. מען נעהמט א קיסר און מען נעהמט ביי איהם אראָב די קרוין, און מען נעהמט ביי איהם צו די מלוכה, מיט דעם חייל, און מען זאָגט איהם אזוי: דיין גאָלד און דיינע אוצרות ריהרען מיר נישט אָן, מיר גיבען דיר אַלץ אוועק, נאָר אין דער מלוכה מיש זיך ניט — נישט דיין עסק! און פונקט ווי מיט דעם פערסישען שאַך און מיט דעם טער־קישען סולטאַן און מיט דעם פּאָרטוגאַלישען קעניג, ווי די פּיי־פּערס שרייבען.

אמאָל טרייסט איך איהם, אז גאָט וועט נאָך העלפען. אמאָל זאָג איך איהם אזוי א גוט וואָרט און אמאָל, אז עס איז דאָ זעהר א נויטיגע ארבייט, בלייב איך, ווען אלע צוגעהען זיך שוין, פער־שלאָסען אין א חדר'ל און פערענדיג עס...

איך קאָן איהם באמת נישט אָבזאָגען.
האָבען דאָס די ארבייטער בעמערקט.
— וואָס האָט איהר, מיסטער, פאַר א געשעפטען מיט'ן „באָס"? — פרעגט מיך א יונגער שענקעל, וואָס אין די גוטע יאָהרען וואָלט איך אפילו מיט איהם נישט גערעדט.
ענטפער איך איהם מיט שטאָלץ אויף צו להכעים:
— מיט ווענען זאָל איך האָבען געשעפטען — מיט דיר? הער איך, ווי אין שאָפּ, ארום מיין טיש, ווערט א גע־רויש.
דער פאָרמאַן איז אפילו אויך אויף מיין זייט, ווייל די פּאַרלייט זיינען מיט'ן סטרייק אויך נישט צופרידען געווען, ביי זיי האָט מען אויך די דעה אָבגענומען — אָבער העלפען קאָן ער איצט נישט. ער ווינקט מיר נאָר מיט די אויגען, ווי ער וואָלט מיר צוגעגעבען מוטה.
נאָך די ארבייט טהוען זיך די ארבייטער אָן אויף אוועק־צוגעהן.
אָבער זיי געהען דאָך נ י ש ט.
איך האָב ליעב געהן שפּעטער פון אלעמען..
— נו, מיסטער, פאַר וואָס געהט איהר נישט? — ווענדען זיך צו מיר עטליכע פון די יונגע.
— איך האָב צייט. — ענטפער איך און עס ברענט מיר א פייער.
מילא, אויסגעפיהרט האָב איך... געבליבען אליין.
האָב איך מיר ערשט צורעדט מיט'ן בעל הבית און אויס־געלאָזט כל חמתי צו זיי...
אויף מאָרגען בעקום איך פון דער יוניאָן א מיין פּאָוויעסט־קע.
איך לעז דורך די פּאָוויעסטקע און טראַכט מיר:
עס זיינען דאָך נישט קיין גויים. עס זיינען דאָך אידען.
און געה נישט.

קומען אויף איבערמאַרגען אין שאַפּ צוויי דעלעגאַטען און מען נעהמט מיך אַראָב פון דער ארבייט.

דער „באַס“ טענה'ט:

— וואָס האָט איהר צום דאָזיגען ארבייטער?...

זאָגען זיי:

— ביים „טרייעל“ וועט עס שוין קלאָר ווערען...

מילא, איך וועל אייך לאַנג נישט ברייען: עס איז געווען אַ דיעלאָ, ווי אין רוסלאַנד, מיט אַ פּאַרזיצענדען, מיט געשוואָ־רענע, מיט אַ פּראָקוראָר.

נאָר קיין פערטיידיגער האָב איך ניט געהאַט...

און מען האָט מיך פערמשפּט:

75 דאָלאַר שטראָף און איבערפיהרען מיך אין אַן אנדער שאַפּ...

דאָס הייסט פּשוט: נאַ פּאָסעלעניע...

אַרט מיך נישט אַזוי דאָס געלד, ווי דאָס איבערפיהרען אין דעם אַנדער שאַפּ.

אמת, דער שאַפּ, וואו איך ארבייט איצט, איז אַ סך אַ גרעסערער, ליכטיגער, מעהר לופט, אויפ'ן ערשטען פלאָר, ביי אַ פענסטער... טאָמער, חלילה, אַ שרפה — קענסטו גלייך שפּרינגען... אבער מיר איז דאָ די ארבייט נישט ניחא. ערשטענס, קוקען אויף מיר די ארבייטער, ווי אויף דעם גרעסטען פערברעכער און מען היט מיך. עס הייסט: איך בין „פּאַר נאַדזאָר“... איך זאָל חלילה נישט רעדען מיט'ן „באָס“...

זיי ווייסען נישט די חברה, אז דער נייער „באָס“ נעהט מיך אָן ווי דער פאַר־אַ־יאָהריגער שנעע, און, צווייטענס, איז ער אַ דייטשער יהודי, און ער אליין וועט מיט מיר נישט רעדען...

נאָר זיי האָבען אַיין ארבייט: זיי היטען מיך...

מיינט איהר, היטען זיי מיך איין! איינמאָל אין וואָך האָב איך מיר ארויף צו מיין געוועזענעם „באָס“...

איך רעד פאר איהם אויס דאס הארץ. ער טרייסט מיך און איך טרויסט איהם. מיר האפען נאך, אז די יוניאן וועט מיך פריהער צי שפעטער בעגנעדיגען...

אינהאַלט.

ערשטער טייל:

איינאַקטערס.

גוטע ברידער — — — — — — — — 1—25
אויף א חתונה — — — — — — — 1—14
די פּראָבע — — — — — — — — 1—16
דעם שדכנ'ס טאָכטער — — — — — 1—16
א רוהיגע דירה — — — — — — — 1—9
די אורזאַכע — — — — — — — — 1—11
ערשטע ליעבע — — — — — — — — 1—9
דאָס נייע צימער — — — — — — — 1—9
דער שפּאַניער — — — — — — — 1—10
ליידען — — — — — — — — — 1—8
די שיידונג — — — — — — — — 1—7
דער הומאָריסט — — — — — — — 1—8
קינדער — — — — — — — — 1—7
מאַכט — — — — — — — — — 1—12
צו שפּעט — — — — — — — — 1—11
די מצולה — — — — — — — — 1—7
דריי מיידלעך — — — — — — — 1—14
די צוויי געפאַנגענע — — — — — — 1—9
דער טויטער פעלדמאַרשאַל — — — — — 1—6

צווייטער טייל:

מאָנאָלאָגען

דער פּאָפּולערער מאַן — — — — — — — 1
דער פאַטער — — — — — — — — — 8
דער פּאַסאַזשיר — — — — — — — — 13
דער משפּט — — — — — — — — — 17